Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 10 • #52 (482) Friday September 23, '22 • ב"ה • פרייטאָג נצבים, כ"ז אלול תשפ"ב לפ"ק

loop REALTY
845-388-1155
info@looprealtyinc.com
52 Bakertown Rd. Suit #419
נפתלי הירצקא לאנדא | הערש אלימלך ניעדערמאן
Residential | Commercial | Sales | Rentals

אין שיעור רק "תורתי" הזאת

## קרית יואל רבתי שפּאַנט צום "כולל אַפּיעל" מיט פייערדיגע אָנשלוס אינעם "תקופת העולים" פאַר די 500 לומדי העיר

בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן: זעלטענע "מכתב קודש" פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א מיט אויסנאַמליכע קריאה דחופה צום "תקופת העולים" צינדט אָן פלאַמעדיגע "תורתי" רעקרוטירונג ביי כל קהלה קדישא הדין

## היסטארישע אסיפה פון גדולי האדמורי"ם שליט"א דאנערשטאג בביתו נאוה קודש פון מאור הגולה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מגן חינוך הטהור פארן עתיד חינוך דורותינו

צווישן די פילע ראשי העדה: כ"ק אדמו"ר מפאפא שליט"א, כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א, כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א, כ"ק אדמו"ר מצעהלים שליט"א, כ"ק אדמו"ר מקאשוי שליט"א, כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א. הגה"צ רבי חיים שלום הלבערשטאם שליט"א, בנו בכורו פון כ"ק מרן אדמו"ר מבאבוב שליט"א; כ"ק הגה"צ רבי יהושע רובין שליט"א אבד"ק באבוב-45; הגה"צ רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א בן כ"ק מרן אדמו"ר ממונקאטש שליט"א. חברי הבד"ץ הגאון הגדול רבי שלמה לייב וויינבערגער שליט"א אבד"ק פאיע, הגאון הגדול רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א, הגאון הגדול רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א. הגאון רבי מיכל שטיינמעץ שליט"א דומ"ץ סקווירא בארא פארק, הגאון רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א דומ"ץ צעהלים און הגאון רבי מאיר גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא.

## הגה"צ רבי יואל שליט"א בן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועט דינען אלס שליח ציבור בימים הנוראים הבעל"ט בשליחות הקודש אין גרויסן בידהמ"ד

הגה"צ רבי משה חיים לאבין שליט"א חדב"ץ הגה"צ מורינו שליט"א וועט וויילן אויף די ימי הרחמים והרצון בקרב בידהמ"ד בית כהנא דקיט"ל

### גייסטרייכע "חובתי" אָוונט פאר גראַדואירטע תלמידות "בית אַלטא פיגא"

### נייע 4 דזשי. טאוערס אויף גרעסערע געביידעס אין שטאט

### דורכברוך אין 'מנהג כפרות' דורך מוסדות קרית יואל

### גאנצע "מיליאן דאלאר" געגרייכט דורך "קרן ישכר בער" קופת חינוך הטהור

שִׂמְחָה לְאַרְצֶךָ, וְשָׂשׂוֹן לְעִירֶךָ, וּצְמִיחַת קֶרֶן — תְּרוֹמַמְנָה "קַרְנוֹת צַדִּיק":

## קרית יואל רבתי רופט אויס פייערליכן "שהחיינו" צום באַנייען רוחניות'דיגן צענטער פון ניי-בליענדער עיר בתוך עיר "שכונת ויואל משה", מיט באַנייאונג פון בידהמ"ד "בית יקותיאל" דקהל יטב לב אַלס צענטראַלער לייכט-טורעם לתורה ולתפלה

שפּאָגל-נייער בידהמ"ד ערעפנט זיך דעם שבת קודש פ' נצבים ערב התחלת השנה; געהויבענע תפלות אין די הייליגע טעג בימי הדין וועלן אָפּגעראָכטן ווערן אונטער קדושה'דיגע אַטמאָספערע

העפטיגע צוגרייטונגען צום פריידיגן "ערשטן שבת קודש" בראשות הגה"צ רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א, דומ"ץ בית מרדכי לייב דק"ק קרית יואל, ווען תושבי השכונה וועלן שטראָמען לקבל נועם שבת אינעם צענטראלן בידהמ"ד בטיבורה של עיר

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

תקומה היתה לה: מיטן ערעפענונג פון 'מנינים צענטער' אין צענטראַלן קהל'ישע בידהמ"ד איסגעשטאַט מיט מקוה מפוארה, חדרי תפלה, עזרת נשים, און משמש שטיבל

לשמוע אל הרנה ואל התפילה:

## 4 נייע בתי מדרשים ווערן אי"ה נתחנך אויפן קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט

ביהמ"ד החדש שערי חיים – אויף סקאָטנמאנג



ביהמ"ד בית יקותיאל דקיט"ל – אויף אוסטרהאָ



ביהמ"ד החדש קהל תפלה למשה – אויף ווען ביורען



ביהמ"ד החדש הילענד לעיק – אויף קאָלעדזש



מערכת "קרית יואל וואכנשריפט" טוט וואונטשן א כתיבה וחתימה טובה פאר אונזערע העכער 20,000 לייענער און פאר די 7,000 תושבי קרית יואל רבתי און גאנץ כלל ישראל.

בס"ד

עשרת ימי תשובה תשפ"ג
**חידושים לטובת הציבור**
**ולהחזקת המוסדות הק'**

# כפרות

## מיט חידושים

בסייעתא דשמיא איז אויסגעארבעט געווארן **פרישע פראקטישע חידושים פאר'ן מנהג ישראל פון כפרות אויף קומענדיגן עשי"ת** הבעל"ט, וואס מיט דעם וועט מען בעז"ה **צושטעלן סערוויס פאר'ן חשוב'ן ציבור**, און **ברענגן די ריכטיגע הכנסה פאר די הייליגע מוסדות**

## ערב יום הקדוש

פון מאנטאג נאכט **7:00 אווענט** | ביז ערב יום הקדוש **9:30 צופרי**

**אין שטח פון ת"ת בנין גאלדבערגער - לארקין דר.**

**עס וועט אויך זיין צוגעשטעלט פאר פרויען און מיידלעך ביז חצות הלילה**

**מנינים סליחות אין בנין הת"ת פון חצות הלילה און ווייטער**

**וועט בעז"ה זיין שוחטים פון 4:30 פארטאגס ביז 9:30 צופרי**

**באסעס וועלן פארן פון 5:00 פארטאגס ביז 7:00 צופרי**

מיר קוקן ארויס אז דער ציבור זאל **געניסן פון די סערוויסעס און שטיצן די מוסדות**, ווי רביה"ק זי"ע האט פארלאנגט און **העלפן אריינברענגן א שמחת יו"ט פאר די הונדערטער כלי קודש!**

א גמר וחתימה טובה, א זיס לעכטיג יאר מיט אסאך אידיש נחת!
**הנהלת המוסדות**



# מוסדות סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י
מרן רבינו הקדוש זי"ע
בנשיאות כ"ק
מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

CONG. YETEV LEV SATMAR KIRYAS JOEL

יְהֵא רַעֲוָא קֳדָמָךְ דְּתִשְׁרֵי עַל עַמָּךְ

ברגשי שמחה וחדוה הננו מודיעים
לאנשי שלומינו, חברי קהלתינו ותושבי עירינו, אשר

# לקראת ירח האיתנים הבעל"ט

**ימי הרחמים והרצון וחגים ומועדים לששון הבאים עלינו לטובה בקרב קהלתינו הק'**

אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה ה' בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן

**בשליחות הקודש של כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א**

**ישבות בקרב קהלתינו הקדושה**

## על הימים הנוראים, ראש השנה ויוה"ק הבעל"ט

פרי עץ חיים, פאר מקדושים, כבוד הגאון הצדיק

# רבי יואל טייטלבוים שליט"א

**בן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**ויערוך התפלות בקרב קהלתינו הק' בבית מדרשינו הגדול**

וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לַה'

## ועל ימים הראשונים של חג הסוכות הבעל"ט

**ישבות בקרב קהלתינו הקדושה**

# כבוד הגה"צ מורינו שליט"א

**שיערוך התפילות ושמחת בית השואבה בתוככי קהלתינו הק'**

**• זמני התפילות יתפרסמו במודעות נפרדים •**

ויה"ר שהקב"ה יקבל ברחמים וברצון את תפלתינו ותחנונינו, ונכתב כולנו להכתב ולהחתם בספר חיים טובים.

וּבְכֵן תֵּן כָּבוֹד ה' לְעַמֶּךָ, תְּהִלָּה לִירֵאֶיךָ, וְתִקְוָה טוֹבָה לְדוֹרְשֶׁיךָ

בברכת כתיבה וחתימה טובה, ושנת גאולה וישועה

**הנהלת הקהלה**

ירח האיתנים
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
תשפ"ג

בעזהי"ת

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

**1,795**
**משפחות אלמנות**
**3,306**
**יתומים (ילדים בבית)**

**סניף קרית יואל - עם הקמחא דפסחא**
95 משפחות אלמנות 172 יתומים (ילדים בבית)

| תש"פ | תשפ"א | תשפ"ב |
|---|---|---|
| $843,303.00 | $1,015,733.00 | $1,336,889.00 |

**חשבון השנה**
אלול תשרי תשפ"ב $1,826,492.00
חשון - חצי טבת תשפ"ב $1,379,714.00
חצי טבת - אדר א' תשפ"ב $1,472,695.00
אדר ב' ניסן תשפ"ב $4,830,458.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר סיון תשפ"ב $1,781,181.00
תמוז אב תשפ"ב $1,374,694.00
ס"ה $12,665,234.00

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד אלול תשפ"ב
$36,170,934.00

## מכתב קודש מאת כ"ק
## אדמו"ר מקאסוב שליט"א

בס"ד

יום ה' לס' כי תצא תשפ"ב לפ"ק

באתי בזה בשבח המגיע לפעליו הברוכים וגודל מעשי צדקה וחסד של הרה"ג המפורסם רבי אברהם לויפער שליט"א אב"ד דאראג, אשר זכה זה רבות בשנים להעמיד קרן עבור אלמנות ויתומים, להיות להם לעזר ותושיה, לחלק להם בשר ודגים, לדאוג על מזונותיהם ושאר צרכים המצטרכות להם, והכל בדרך צנוע כפי כבודם הראוי.

וכמובן כל זה עולה להון תועפות, והרה"ג ר' אברהם שליט"א נושא העול הגדול הזה על כתפיו, ומכתת רגליו על פתחי נדיבים בעם, שיהיה לו לעזר בפעולות האלו החובקות זרועות עולם.

וידוע גודל יקרת מצוה זו וגודל סגולתה, כדברי הרמב"ם הידוע שהמשמח אלמנות ויתומים דומה לשכינה, ועל זה אמר הקב"ה אבי היתומים ודיין האלמנות 'אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך', על כן מצוה גדולה להשתתף במצוה גדולה הזה בסכומים הגונים ונכבדים.

**ואשרי חלקו של מי שזוכה לעשות צדקה בכל עת ע"י שמקבל על עצמו לפרנס משפחה אחת של אלמנה ויתומים בתמידות ובקביעות מדי שבת בשבתו ומועד במועדו.**

וכל התומכים העוזרים והמסייעים יתברכו בשפע ברכה והצלחה משמי מעל, ולשפע רב ממרום, מתוך רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח שיחי', מתוך עושר ואושר, שלות הנפש, הרחבת הדעת, ואך טוב וחסד ברכה והצלחה יהיה מנת חלקיהם כל ימיהם.

שרגא האגער

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קרוינהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**
**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק
**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט
**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי
**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד
**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג
**קאנעטיקוט:** ניו העיווען
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

| פרנס אלמנה ויתומים לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים - $300.00 לשבוע | $2,500.00 | $3,600.00 | $18,000.00 |
| משפחה גדולה - $200.00 לשבוע | $1,800.00 | $2,500.00 | $12,000.00 |
| משפחה רגילה - $150.00 לשבוע | $1,200.00 | $1,800.00 | $10,000.00 |
| משפחה בינוני - $120.00 לשבוע | $900.00 | $1,200.00 | $7,800.00 |
| משפחה - $100.00 לשבוע | $720.00 | $1,000.00 | $6,300.00 |
| משפחה קטנה - $75.00 לשבוע | $600.00 | $900.00 | $5,200.00 |

| מעמדות לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| מעמדות לשבוע - $26 בשר $26 דגים | $500.00 | $720.00 | $3,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר $18 דגים | $360.00 | $500.00 | $2,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר ודגים | $180.00 | $360.00 | $1,300.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר $18 דגים | $150.00 | $250.00 | $780.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר ודגים | $120.00 | $180.00 | $500.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $180,000.00 |
| פרנס השבת קודש $72,000.00 |
| פרנס היום $26,000.00 |

בס"ד

עשרת ימי תשובה תשפ"ג
**חידושים לטובת הציבור**
**ולהחזקת המוסדות הק'**

# כפרות

## מיט חידושים

בסייעתא דשמיא איז אויסגעארבעט געווארן **פרישע פראקטישע חידושים פאר'ן מנהג ישראל פון כפרות אויף קומענדיגן עשי"ת** הבעל"ט, וואס מיט דעם וועט מען בעז"ה **צושטעלן סערוויס פאר'ן חשוב'ן ציבור**, און **ברענגן די ריכטיגע הכנסה פאר די הייליגע מוסדות**

פרייז פאר א כפרה: $11

### אין חדר/סקול

איר וועט קענען באשטעלן
**כפרות פאר די קינדער צו**
**מקיים זיין די מנהג ישראל**

**שלאגן כפרות אין חדר / סקול**

**אינאיינעם מיט די חשוב'ע סטעף**

**יונגלעך אין ת"ת זונטאג האזינו**

**מיידלעך אין בית רחל** ביז די 6'טע קלאס
**דאנערשטאג וילך**

פרייז פאר א כפרה: $10

### 12 שעות כפרות

**מיטוואך**
**צום גדלי'**
פון **12:00** מיטאג
**ביז 12:00**
**ביינאכט**

בלויז אין לאקאציע
**אין שטח פון ת"ת בנין**
**גאלדבערגער - לארקין דר.**

**היי-יאר וועט זיין כפרות בלויז**
**צום גדלי' און י"ג מדות פארנאכטס**

**באסעס** (אויף די חתונה רוט)
**פון 2:00 נ.מ. ביז 6:00**
קוויקוועי קאר. פארעסט • רימינאוו •
דעעש • מירון • בעקערטאון • דינוב •
עיקערס • פארעסט • מאונטעין קאר.
פארעסט • עצי תמרים • מאונטענוואיו
סעווען ספרינגס • סקאנענמאנק
פארעסט אווערפעס • צו לארקין דרייוו

**צו הערן די סטאטוס פון אייער אפליקאציע,**
**אזוי אויך צו באשטעלן כפרות פאר די קינדער**
**אין חדר/סקול ביז צום גדלי' 4:30 נאכמיטאג**
רופט די טעלעפאן סיסטעם
**845-378-4080 #3**

# מוסדות סאטמאר קרית יואל

נתיסדה ע"י
מרן רבינו הקדוש זי"ע

בנשיאות כ"ק
מרן אדמו"ר שליט"א



מיר קוקן ארויס אז דער ציבור זאל **געניסן פון די סערוויסעס און שטיצן די מוסדות**, ווי רביה"ק זי"ע האט פארלאנגט און **העלפן ארייינברענגן א שמחת יו"ט פאר די הונדערטער כלי קודש!**

א כתיבה וחתימה טובה, א זיס לעכטיג יאר מיט אסאך אידיש נחת!
**הנהלת המוסדות**




קרית יואל דער בלאט


כתיבה וחתימה טובה
מיר וואונטשן פאר אלע
WISHING OUR CUSTOMERS
אונזערע קאסטומערס און
AND ALL OF KLAL YISROEL
גאנץ כלל ישראל
A HAPPY AND HEALTHY NEW YEAR
א גוט געבענטשט יאר
DREZDNER CHEVROLET
IN OBSERVANCE OF ROSH HASHANAH
DREZDNER CHEVROLET WILL BE CLOSED
64 BROADWAY | WOODRIDGE NY 12789 | (845) 468-1800
CHEVROLET
FIND NEW ROADS™

בס"ד

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

נוסדה ע"י מרן רבינו הקה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק אָבֹא בָם אוֹדֶה קָהּ

מתוך רוב שמחה ושבח והודי' לאדון כל
יום בשורה הוא לנו כאשר אנו זוכים שהגיענו לזמן הזה להרחיב גבולי הקדושה
שמחים אנו לבשר צדק בשער בת רבים לאנשי שלומינו חברי קהלתינו הק' ותושבי השכונה הע"י

אשר בעז"ה נזכה לחדש בית מלא אורה כראוי וכיאות לשם ולתפארת ולתהלה

# ויפתחו שערי בית מדרשינו החדש

בית המדרש דקהל יטב לב סאטמאר

# בית יקותיאל

פינת יקרת מגדל אור לתורה עבודה וגמ"ח
בדרך מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע תחת דגלו והדרכתו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## בתוככי שכונת וויאל משה

נבנה לשמו ולזכרו של הרבני הנגיד, הטפסר המרומם מוה"ר יקותיאל בן הרבני ר' שלמה יחיאל מיכל ראזנער ז"ל

כל ברכאין דלעילא ותתא ביומא שביעא תליין

# שב"ק פ' נצבים הבעל"ט

מתוך התחדשות לקראת הימים הנוראים והשנה החדשה הבעל"ט, לערוך התפלות בצוותא חדא
אנשי שלומינו תושבי השכונה מתוך התרגשות דקדושה והתרוממות הנפש בשבת אחים גם יחד

**לקראת פתיחת בית מדרשינו ישמיע דברי פתיחה לפני קבלת שבת**
**הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקהלתינו הק'
**זמן מנחה ערש"ק בשב"ק זו 15 מינוט אחר זמן הדלה"נ - שאר זמני התפלה יתפרסמו במודעה נפרדה**

תקוותינו איתנה אשר בתקופה הקרובה נברך על המוגמר

# בחנוכת המקוה המהודרה וחדרי התפלה

## לתפלת שחרית לימות החול וקביעת עתים לתורה

ובעז"ה יהי' מגדל אור ותל תלפיות לשמחת לב תושבי העיר, כאשר מחיל אל חיל מרחיבים גבולי הקדושה

**סדר מניני מנחה ומעריב בימות החול יתחיל ביום ד' וילך-עשי"ת, צום גדלי' הבעל"ט**

יהי רצון שחפץ ה' בידינו יצליח, וזכותו של המייסד מרן רבינו הקדושה יגן בעדינו, שנזכה לרומם קרן קהלתינו הקדושה
להגדיל תורה ולהאדירה, עדי נזכה בקרוב לביאת גואלינו, בשנת גאולה וישועה ומלכינו בראשינו במהרה בימינו אמן

**הנהלת הקהלה**


סינאָך נישט צו שפעט
יעדן טאָג קומען נאָך
נשמות קלאַפּן אויף די
'נחמת ישראל' טירן
און בעטן זיך:
'רצוננו
להיות עם
מלכנו'
רופט יעצט און
זייט זוכה
ביום הדין
ראטעוועט נשמות!
ראטעוועט דורות!
ספאנסערט אן
עלעמענטרי קינד
$100
לחודש
ספאנסערט אן
ערוואקסן קינד
$150
לחודש
יעצט
קען
מען
נאך!
NECHOMAS YISROEL
נחמת ישראל
718.851.0340
1338 41 Street Brooklyn, NY 11218
nechomasyisroel@yeshivanet.com
ראטעוועט זיי פון 'זייער גזירת החינוך' צו מוזן חלילה לערנען אין 'פובליק סקולס'

# ונפשי בשאלתי, לבוא לעזרת בית ה' אלקינו, ולרכוש לעצמם מקח טוב את זכות הנשגב של "זכות תורתי"

Z. L. TEITELBAUM
GRAND RABBI OF SATMAR
550 BEDFORD AVENUE
BROOKLYN N.Y. 11249
(718) 384-0070

יקותיאל יהודה טייטלבוים
אבדק"ק סאטמאר
ברוקלין נ. י. יצ"ו

בס"ד

למען אחי ורעי אדברה נא, אנשי שלומינו היקרים, הע"י, ויערב נא עתירתי למען האי מקום קדוש, מבצר כביר לתורה ולתעודה, **כולל תורה ויראה דרבינו יואל מ'סאטמאר, בעיר עוז לנו קרית יואל**, הנודע למכביר, לשבח ויקרת המקום **שהוא ממש מיוחדת במינה** אשר בצל כנפי' יחסיון גידולי קודש **למעלה מחמש מאות אברכי קהלתינו כ"י**, עמלי תורה בטהרה, המתעלים בתורה וביראה ומשנתם בפיהם מקצועות התורה והלכה מתוך שקידה והתמדה עצומה.

ובחסדי השי"ת זכינו בתקופה האחרונה לראות כיצד נתוספו ספסלי בית המדרש במדה גדושה, כאשר **עלה בידי חברי הנהלת הכולל, העומדים על הפקודים במסירות נפלאה, להגביר חיילים לתורה ולרומם קרן כוללינו הק' בכל האופנים, להוסיף תמיכות ביתר שאת לבני הכולל שיחי', ולהרבות גבולי הכולל בחבורות וסדרים נפלאים, בנוסף לכל שאר פעולות לטובה שנתוספו לטובת עמלי התורה, כגון קרן נישואין וכיו"ב, והמפורסמת אינו צריך ראי', אשר רק במשך שנה העעל"ט חלקו לבני הכולל תמיכה נכבדה בסך של קרוב לשלש מיליאָן דאָלער, ועוד ידם נטוי' למעלה מעלה.**

ולעת כזאת כאשר הנהלת הכולל עורכים **מגבית מיוחדת** להעמיד יסוד כביר למען המשכת הרבצת תורה והוראה, תורה הק' מתחננת בתחנה, למען נוכל עמוד ולהמשיך התעלות והרחבת גבולי כוללינו הק' ונפשי בשאלתי קדם אנ"ש מוקירי תורה הע"י, **אנא החלצו חושים לבוא לעזרת בית ה' אלקינו, בכל לב ונפש ומאוד, להוסיף ולעלות בתמיכה הגונה וקבועה, ולרכוש לעצמם מקח טוב את זכות הנשגב של "זכות תורתי"** כפי אשר יושת, לקנות בזה לעצמם את זכות לימוד התורה הק' שיהי' להם בודאי לשמירה עליונה ולהשפיע להם כט"ס

כן יהי רצון שזכות הרמת קרן התורה הק', וזכות מרן דו"ז רביה"ק זי"ע אשר על שמו נקרא האי מקום קדוש, יעזור ויגן על כל התומכים והמסייעים, להתברך בשנה טובה ומבורכת ושפע קודש, וכל ברכות האמורות בתורה יחולו על ראשם מתוך הרחבת הדעת בנחת ולא בצער, ויזכו כולם לגדל דורות ישרים זרע קודש מאירים את העולם בתורה ובמעשים טובים, ובימי הרחמים והרצון יתקבלו תפלותינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל, לכתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים טובים, ולשנת אורה ושמחה, שנת גאולה וישועה מתוך רחמים וחסדים, בב"א.

הק' יקותיאל יהודה טייטלבוים





בס"ד
ציצית, שניי ווייס
יום כיפור'דיג.
MEN'S CORNER
27 QUICKWAY RD #104
845.782.6756 Free Delivery
eiffelteam.com


pivotgroup.nyc
NEW!
3D TEXTURED
DESIGNS
GB
א כתיבה וחתימה טובה!
בארא פארק
1411 39th St.
718.435.4750
וויליאמסבורג
178 Wallabout St.
718.330.1700
מאנסי
16 Melnick Drive
845.678.8624
קרית יואל
7 Van Buren Drive
845.774.4100


בס״ד
pinex-team 718.840.3660
חמשה חומשי תורה
אור החיים המפורש
אידיש
חומש אור החיים המפורש
יום שכולו אור
מכון תורה אור החיים
תשרי תשפ״ג/מאסיוון סעיל
שמחת תורה
טויזענטער אידן שליסן זיך אן
אינעם פרישן מחזור אין אוהחה״ק
פרשת נח
מאסיוון סעיל איבער גאנץ אמעריקע
אויף די הערליכע פארענדיגטע סעט אוהחה״ק
די הערליכע נייע ״פאקעט סייז״ סעט אור החיים איז אצינד דא צו באקומען אין די געשעפטן
צו באשטעלן א סעט רופט היינט: 845.678.8968 עקסט. 207
פרטים יבואו

mango 718.635.1673



# NOT EVEN ON YOUR SHOPPING LIST.

Just like you don't put "coffee" on your daily calendar,you never write "Mayim Chaim" on your shopping list. **Because some things are a given, all year round.**

MAYIM CHAIM®

New York Bottling Co Inc. | 718.963.3232 | Product of USA

# For Sale



## 14-16 Chevron

**Only 6 out of 40 units Left!**

**Call 782.0205 X 1 for details**

## נייע דעוועלעפמענט
אין קרית יואל

- 6-7 room apartments
- Only basement or fourth floor units

## 20 Rovna Road









- 8 Room apt - Third Floor (Top)
- Private entrance - Corner unit
- 2,400 sqft
- Beautiful condition
- Unfinished walk-up attic
- Magnificent views

## 15 Getzil Berger Blvd



- 7 Room apt
- Second floor
- Great location
- Additional 300 sqft finished in the bsmt
- Vacant - ready to move in

MK REALTY
Residential & Commercial

**845.782.0205**
sales@mkrealtyusa.com

48 Bakertown Road
Suite 502, Monroe NY

אברהם חיים לעווי
לייסענס 10401327281
845.238.1162

אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס 10401304475
845.662.3574

משה שמחה קויפמאן
לייסענס 10311206102
845.537.0475

אברהם הערש גפן
אפיס אדמיניסטראטאר
845.782.0205x 115

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס 10401300864
845.728.1429

דוד לייב קרויס
לייסענס 10401317322
845.274.3765


צום נייעם יאר
פאר יעדן לויט
זיין געשמאק
mango 718.635.1673
GLAUBERS
CLOTHIERS
א גוט געבענטשט יאר


FREE
DELIVERY
With Min.
tealbluemedia
all in one
Major Appliances
& Electronics
Let's complete your
home, together.
Houseware
Kitchenware
Electeronics
Appliances
פארלענגערטע ערב יו"ט שעות | מקוה כלים אויפן פלאץ
1 Lemberg Ct. 845-774-2433
מיר וואונטשן פאר אלע אונזערע קאסטומערס
א כתיבה וחתימה טובה און א שמחת יום טוב

וְנוֹעֲדוּ אֵלֶיךָ הַנְּשִׂיאִים, רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל

# היסטאָרישע אסיפה פון גדולי הרבנים מנהיגי הקהילות והמוסדות בביתו נאוה פון ראש גולת אריאל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מגן חינוך הטהור צו באַהאַנדלען כלל ישראל'ס רעאַקציע צו גזירה נגד החינוך

**מרנן ורבנן האדמורי"ם מנהיגי המוסדות והישיבות הערן שטורמישע רעפעראַטן פון די ראשי העסקנים און געניטע אַדוואָקאַטן וועלכע קעמפן אויפ'ן פראָנט אין דער פייערדיגער גערעַנגעל פון כלל ישראל צו באַשיצן אונזערע אויסשליסליכע רעכטן אויפ'ן אָריגינעלן חינוך הדורות**

**העלדישער גבור המערכה, שר העסקנים והשתדלנים לכל קדשי בית ישראל, הרב החסיד ר' משה דוד נידערמאַן שליט"א, לייגט פאָר השתלשלות הענינים און די פרטי הגזירה**

תְּהֵא הַשָּׁעָה הַזֹּאת שְׁעַת רַחֲמִים • בַּטֵּל מֵעָלֵינוּ כָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת:

## גדולי ומאורי ישראל באַשליסן צו פאַררופן "יום תפלה לביטול הגזירה" אויף דעם היינטיגן דאָנערשטאָג סליחות בקרב כל הקהלות והמוסדות ברחבי ניו יאָרק

ניו יאָרק. – "ונועדו אליך ראשי אלפי ישראל", מיט געציילטע טעג נאָך וואָס די פרישע געפּאַרפולע און אומאַקצעפּטירבאַרע "חינוך גיידליינס" זענען פּאַרעפּענטליכט און אָפּגעשטימט געוואָרן דערציטערנדיג יהדות ניו יאָרק פּאַרלאָפּענעם דינסטאָג פרשת כי תבוא, זענען די ראשי מערכות ישראל, די מנהיגי העדה, די עיני כל בית ישראל, אשר יצאו ואשר יבואו לפני עמך בית ישראל, מרנן ורבנן מנהיגי הקהלות והמוסדות שליט"א, זיך צונויפגעקומען אונטער גאָר אַן ערנסטער שטימונג, בתוככי ביתו נאוה קודש פונעם ראש גולת אריאל, שר צבא ה', כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, צו מטכס עצה זיין איבער די ווייטערדיגע שריט אין כלל ישראל'ס קאַמף למען ביטול הגזירה.

על פי התורה אשר יורוך. אַזוי ווי ביז אַהער אין אַלע שטאַפּלען פון דער פאַרצויגענער מערכה כבידה צו באַשיצן די מוסדות התורה און דעם חינוך הדורות פון די ידי מחרפי' ומבקשי רעתה – וואו יעדער טריט און שריט איז געוואָרן פּלאַנירט און קאָאָרדינירט אויף דער קלאָרער הוראה ועל דעתם ועל כוונתם פון די גדולי ומאורי ישראל און דורכאויס די לעצטערע יאָרן זענען די גדולי הרבנים שליט"א זיך צונויפגעקומען שוין אויף פילצאָליגע זיצונגען און אסיפות וואו מ'האָט אַוועקגעשטעלט דעם מהלך אינעם קאַמף פאַר'ן עתיד הדורות – האָבן די גדולי ישראל אַצינד זיך פריש אַוועקגעזעצט, אין ליכט פון די פרישע דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען, צו באַהאַנדלען דעם ניי-געשאַפענעם מצב, דן זיין בכובד ראש, און באַשליסן כדת מה לעשות וואָס כלל ישראל'ס רעאַקציע און ווייטערדיגע שריט זאָל זיין לעת כזאת.

ובכן מה נהדר הי' המראה ווי די ראשי בני ישראל, די גדולי הרבנים ומנהיגי המוסדות, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם אחריות פון צענדליגער טויזנטער תינוקות של בית רבן ובנות ישראל הכשרות שטייענדיג אין שפּיץ פון די גרעסטע חינוך-אימפּעריעס אין גרעיטער ניו יאָרק, זיצן מיט אַזאַ געהויבענער אחריות'דיגער ערנסטקייט פאר עטליכע שעה נאָכאַנאַנד, אין אָט דעם תל תלפיות שכל פיות אלי' פונות, ביתו נאוה קודש פונעם שר צבא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, און זענען דן איבער דעם ברענענדיגן מצב און איבער די ווייטערדיגע שריט וואס פאדערט זיך אין רעאקציע צו די שווערע סכנה וואָס הענגט איבער די קעפּ פון יהדות ניו יאָרק ההולכים לאור תורתם, און קוקן אַרויס צו הערן הוראתם והדרכתם אין דעם עת צרה ליעקב.

### אסיפה שגדולי הדור מסובין בה

די אסיפה דחופה אין שטוב פונעם רבי'ן שליט"א וועלכער האָט באַשיינט בראש האסיפה האָבן זיך באַטייליגט מרנן ורבנן, גדולי ומאורי ישראל, וועלכע שטייען אין שפּיץ פון די ריזן מוסדות התורה נעצן וואו עס האָדעווען זיך דער רוב רובו פון חסיד'ישע מוסדות התורה איבער גאנץ ניו יאָרק.

ה"ה הרבנים והאדמורי"ם ומנהיגי הקהלות פון דער שטאט וויליאמסבורג: כ"ק מרן אדמו"ר מפאפא שליט"א, כ"ק מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א פון וויליאמסבורג, כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א, כ"ק מרן אדמו"ר מצעהלים שליט"א, כ"ק אדמו"ר מקאשוי שליט"א, כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א.

די גדולי הרבנים שליט"א פון באָראָ פּאַרק בשליחות פון די גדולי האדמורי"ם שליט"א: הגאון הצדיק רבי חיים שלום האלבערשטאם שליט"א, בנו בכורו פון כ"ק מרן אדמו"ר מבאבוב שליט"א; כ"ק הגה"צ רבי יהושע רובין שליט"א אבד"ק באבוב-45; הגאון הצדיק רבי חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א בן כ"ק מרן אדמו"ר ממונקאטש שליט"א.

באַזונדער האָט אַרויסגעשיינט די באַטייליגונג פון די שרי התורה חברי הבית צדק דקהל יטב לב, הגאון הגדול רבי שלמה לייב וויינבערגער שליט"א אבד"ק פאיע, הגאון הגדול רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א, הגאון הגדול רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א.

די גדולי התורה וההוראה הגאון רבי מיכל שטיינמעץ שליט"א דומ"ץ סקווירא בארא פארק, הגאון רבי אהרן זילבערשטיין שליט"א דומ"ץ צעהלים און הגאון רבי מאיר גרינוואלד שליט"א דומ"ץ פאפא.

עס האָט אַ טיוכע געגעבן אין הארץ צו זען ווי די ראשי בני ישראל, די גענעראַלן פון כלל ישראל, זיצן

מיט אַזאַ געהויבענער אחריות'דיגער ערנסטקייט פאר עטליכע שעה – זיך אַוועקרייסנדיג אין דעם אָנגעשטרענגטן זמן ערב די הייליגע טעג – און זענען דן איבער דעם ברענענדיגן מצב און איבער די ווייטערדיגע שריט וואס פאדערט זיך אין רעאקציע צו די שווערע סכנה וואָס הענגט איבער די קעפּ פון יהדות ניו יאָרק. אין די לופטן האט זיך געשפירט אז עפעס גאר ערנסט שפילט זיך יעצט אפ, עפעס גאר הייליג און פארכטיג פאסירט יעצט, ווען מען איז זוכה צו אזא כינוס לגדולי ומאורי הדור בעצה אחת ובדעה אחת לפני המקום.

וועלכע האָבן מחנך געווען זייערע קינדער הייליג און אָפּגעהיטן.

דער שר השתדלנים בראש מערכת הקודש האָט צעלייגט און ערקלערט די סניפי הגזירה, אַ שטייגער ווי דאָס באַפעלן צו דאַרפן לערנען זייערע מאַנדאַטירטע לימודים פאַר לאַנגע שטונדן; אַז זיי זאָלן ח"ו באשליסן וועלכע "טיטשערס" מ'קען אויסקלויבן און "זיי" וועלן באשליסן וועלכע זענען גענוג ראוי צו הייסן קאָמפּעטענט - וואָס כאטש די גזירה איז לעת עתה נישט אויף מלמדים, איז אָבער שטאַרק עלול אַז דאָס וועט אויך נאָכקומען, איינמאָל זיי ברעכן דורך דעם פּרעצעדענט אַז זיי קענען אַריינרעדן און מאַנעווורירן איבער ווער און וואָס מ'זאָל לערנען מיט די קינדער, וועלן זיי זיך חלילה נעמען צו דעם אויך, ה"י.

דאַן האָט דער מסירת נפש'דיגער עסקן לשם שמים באַהאַנדעלט די פּונקטן וועלכע אַדרעסירן די "קאָנסעקווענצן"; די סטראַשונקעס פון די רעגירונג צו באַדראָען עלטערן וואָס וועלן שיקן אין אַזעלכע מוסדות וועלכע קומען נישט נאָך דאָס געזעץ מיט שווערע געלט-שטראָפן און אפילו טורמע ה"י. איבערהויפּט – האָט דער אויסגעפּרואווטער עסקן ושתדלן אונטערגעשטראָכן – קען דאָס זייער שווער אונז שעדיגן ווען ס'האַנדעלט זיך פון סכסוכים איבער'ן בעלות אויף די קינדער ווען איינער פון די עלטערן גליטשן אַוועק ר"ל פונעם דרך ישראל, וואָס אויב זאָל די לעגאַלע אַנערקענונג פונעם געזעץ זאָגן אַז אונזער חינוך איז נישט צופרידנשטעלנד, קענען די רעזולטאַטן זיין ממש געפערליך.

## חרדי'שער אַדוואָקאַט ר' אבי שיק הי"ו: רעפעראַט פון די אַנטוויקלונגען

עס איז דאן אויפגערופן געווארן דער באַרימטער אַדוואָקאַט פון די "פּעירלס" ארגעניזאציע, ר' אבי שיק הי"ו, וועלכער האט פאָרגעלייגט פאר די רבנים די לאגע, פון א געזעצליכן קוק-ווינקל. ער האט געשילדערט ווי מען האט בע"ה אינעם עבר גאר דערפאָלגרייך דורכגעבראָכן לעגאַלע געווינסן, און אַזוי אויך זענען די יעצטיגע רעגולאַציעס אַסאַך שוואַכער ווי זיי האָבן עס לכתחילה געוואָלט אַראָפּשטעלן, אַלעס אַדאַנק די העפטיגע עסקנות ושתדלנות און די לעגאַלע מאַנעווערעס פון די לעצטערע יאָרן וואָס איז ב"ה געווען שטאַרק סוקסעספול.

דער געטרייער אַדוואָקאַט האָט דאַן רעפערירט איבער די יעצטיגע לעגאַלע אָפּציעס וואָס ליגן אויפ'ן טיש, מיט קאָנטער-קלאַגעס וואָס מ'גרייט צו צו קענען אַריינטראָגן אין געריכט אינעם קורצן טערמין, און ווי אויך ווי אזוי מ'פלאנט דאס צו באקעמפן לעגאל – אויפ'ן גרעסערן בילד – אינעם לענגערן טערמין, אויב זאָלן זיי ח"ו פּרובירן צו אינפאָרסירן די גזירה - וואס דאן וועט מען מוזן גיין אין אַ פולשטענדיגע פלאַקערדיגע מלחמה ביז צו די סאַמע העכסטע געריכטן און קעמפן מיט ציין און נעגל אַז אונזערע רעכטן מוזן ווערן נאָכגעקומען; מ'קען פון אונז נישט אַוועקנעמען אונזערע רעכטן אויף אונזערע קינדער!

## אלקים נצב בעדת קל: די גדולי ישראל שליט"א זענען דן בכובד ראש

דאַן, נאָך די צוויי רעפעראַטן,

## שר העסקנים ונזר השתדלנים הרה"ח ר' משה דוד נידערמאן שליט"א

איינגעלייטעט די אסיפת גדולי ישראל האָט מיט גרויס ערנסטקייט דער אָנפאַרטרויטער שליח פון די רבנים ומנהיגים, דער לעגענדארער שר העסקנים והשתדלנים בדורינו, ירא ושלם, הרה"ח ר' משה דוד נידערמאן שליט"א, וועלכער איז שוין לאנגע יארן דער עומד בראש פון דעם הייליגן קאמף – בנוסף צו אַלע זיינע פּעולות חובקות זרועות עולם לכל קדשי בית ישראל – שטייענדיג אויפ'ן פראנט מיט מסירת נפש אָפּצושלאָגן אלע בייזע פיילן פון די משנאי ה', נישט שלאפנדיג קיין נעכט מיט די דאגה אז די רעגירונג זאל חלילה נישט איבערנעמען דאס בעלות פון די הייליגע מוסדות התורה און מען זאל ווייטער קענען אנגיין אומגעשטערט אויפ'ן דרך הסלולה וואָס מיר האָבן מקובל דור אחר דור.

העסקן והשתדלן הרה"ח רבי משה דוד הי"ו האט מיט אַן ערנסטער שטימע אַראָפּגעלייגט דעם יעצטיגן ברענעדיגן מצב און די אקטועלע אנטוויקלונגען אויפ'ן קאַמפּס-פראנט, און אַראָפּגעלייגט פאַר די גדול ישראל די פּרטי הגזירה, און דעם שוידערליכן אימפּאַקט וואָס דאָס קען האָבן.

ער האָט ערקלערט די דעטאַלן פון די גיידליינס וואָס אַלעס דרייט זיך אַרום איין צענטער-פּונקט אַז די רעגירונג האָט יאָ אַ רעכט אַריינצורעדן און דיקטירן אינעם חינוך פון אידישע קינדער – היל"ת – און איינשטעלן מאָסנאַמען און רעגולאַציעס איבער וואָס\וויפיל\וויאַזוי מ'דאַרף לערנען מיט אונזערע קינדער, וואָס אָט די נקודה באַדראָעט דעם עצם עקזיסטענץ פונעם ריינעם חינוך, וואָס איז מדור דור געווען אויסשליסליך אך ורק אין די הענט פון די עלטערן



האט זיך אנטוויקלט אַ העפטיגער משא ומתן צווישן די גדולי הרבנים עיני העדה שליט"א, ווען די רבנים האָבן אויסגעפרעגט פונעם אדוואקאט אלע קלענערע און גרעסערע דעטאלן, בנוגע די גיידליינס, די לעגאַלע אַספעקטן און וויאַזוי יעדע זאַך קען אויסגעטייטשט ווערן אינעם פּראַקטיק. דער אַדוואָקאַט האט אלעס ערקלערט בטוב טעם ודעת.

איבערהויפּט האָבן די רבנים געוואָלט וויסן מער געגוי די דעטאַלן איבער די סטראַשונקע-פּונקטן פון די גיידליינס, די דראאונגען אויף עלטערן און ווי ווייט די רעכטן פון די רעגירונג גייט בכלל אויף דעם, און וואָס מ'קען זיך רעכטן אויב זאָל עס ווירקליך קומען צו אַ פּנים-אל-פּנים קאַמף, אויף וואָס מ'דאַרף זיין גרייט.

דאַן האָט דער שמועס ביי די רבנים זיך אַנטוויקלט איבער די העסליכע, שאַנדפולע און דורכאויס-פאַלשע אַטאַקעס פון דער "נ.י. טיימס", וועלכע האָבן במכוון אָרקעסטרירט זייערע שונד-אַרטיקלען איבער דעם היימישן ציבור און דעם ערליכן חינוך פּונקט יעצט אין דער צייט וואָס די גזירה האָט געזאָלט אַרויסקומען, כדי דערמיט פּרובירן צו אויסאיבן דרוק אויף די פּאָליטישע אינסטאַנצן און אויך צו מאַנעווורירן דעם אַלגעמיינעם דעת הקהל אין דער דרויסנדיגער גאַס אַז ס'זאָל ווערן אַזאַ הייסער לופט כאילו דער היימישער חינוך איז ממש אַ געפאַר און אַזוי זאָל די רעגירונג זיין אונטער דרוק אונטערצונעמען שריט קעגן דעם חינוך, היל"ת.

כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א האט ארויסגעברענגט די נויטווענדיקייט פון אָפּשלאָגן די השמצות פונעם טיימס דורך פאַרשידענע אָפיציעלע אופנים, וואָס מ'האָט דערביי באַהאַנדעלט. מ'האט אויך מעלה געווען על שלחן מלכים דאָס נחיצות פון צונויפשטעלן אַ פּראָפעסיאָנאַלע פאַקט-באַזירטע רעפּאָרט וואָס וועט דעמאנסטרירן די אומגעהויערע סוקסעס-ראַטע פונעם היימישן ציבור, די פּירות פונעם גאָלדענעם ערליכן חינוך, אין קעגנזאַץ צו די דורכגעפאַלענע און דורכגעפוילטע אַלגעמיינע פּובליק-סקול סיסטעם וואָס פאַרשווענדעט ביליאָנען אין שטייער-צאָלער געלטער און די רעזולטאַטן זענען לעכערליך.

דאס צונויפשטעל פון אזא רעפּאָרט איז קריטיש וויכטיג סיי אפצושלאגן די השמצות אין דער אלגעמיינער גאַס, און אויך וועט דאָס זיין נויטיג פאר'ן געריכט ווען ס'וועט קומען דערצו, צו קענען צייגן די פאַקטישע פּירות פונעם ערליכן חינוך, וואָס מיר האָבן זיך נישט צו שעמען פאַר קיינעם נישט מיט די רעזולטאַטן פון אונזערליכן חינוך.

כ"ק אדמו"ר מצעהלים שליט"א האט גאר שטארק ארומגערעדט איבער דאָס וויכטיגקייט צו פאַררופן א יום תפלה בכל רחבי ניו יאָרק, און אפילו גוזר תענית זיין, ווייל דאס איז ממש א צרה איומה אויפ'ן עתיד פון גאַנצן אידישקייט, ואם החרש תחרישי לעת כזאת קען דאָך די נאָכפאָלגן זיין זייער ביטער. און אַזוי אויך איבער דאָס וויכטיגקייט פון מתקן צו זיין תקנות למען שמירת הדת. די הצעה איז געוואָרן אָנגענומען, און ס'איז באשטימט געווארן אויפ'ן פּלאַץ צו פאַררופן א יום תפילה רבתי אין אלע בתי מדרשים, כוללים, מוסדות התורה והחינוך לבנים ולבנות אין אלע שטעט.

## על פּי התורה אשר יורוך: די ווייטערדיגע שטאַפּלען אין דער ברענענדיגער מערכה

צום שלוס האָבן די רבנים גאָר שטארק מחזק געווען די געטרייע עסקנים וואָס שטייען מיט מסירת נפש אויפ'ן משמרת החינוך, און ברוך ה' אדאנק די פּעולות האדירות די אלע יארן מיט די פּעטיציעס פון הונדערטער טויזנטער עלטערן האָט מען ב"ה באַוויזן אַדורכצופירן אַזעלכע גדולות ונצורות אָפּצושטילן און אָפּצוהאַלטן די גזירה אין אירע פאַרשידענע פאָרמען במשך די פאַרלאָפענע יאָרן, און בחסדי ה' וועט מען דאָסמאָל אויך אויסקעמפן די גזירה ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

בעפאָר'ן ענדיגן די אסיפה האָבן די גדולי הרבנים ומנהיגים ווידערהאָלט און אַרויסגעברענגט דעם חובת השעה צו מחזק זיין די ידי העסקנים און זיי אַרויסהעלפן אויסברייטערן די כוחות פאר די ווייטערדיגע פאַזעס פון דער פארצווייגטער מלחמה לה' בעמלק, וואָס וועט מהיום והלאה פאָדערן פאַרדאָפּלטע כוחות אַז מ'זאָל קענען קעמפן בחירוף נפש אויף אלע פראָנטן למען ביטול הגזירה.

די רבנים שליט"א האבן זיך אלע געזעגענט מיט דער שטארקער החלטת הקודש, מיט אן אנטשלאסנקייט צו ווייטער לוחם זיין, אלע קהילות הקודש אינאיינעם, אויף דעם זעלבן מהלך פון אלע יארן, נישט צו געבן חלילה פאר די רעגירונג קיין שום מקום אריינצורעדן אין די חינוך נושאים, און מ'וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר גאָרנישט. מ'וועט קלאָגן אין די געריכטן, מ'וועט פאַר יעדן פּרייז אויף דער וועלט אויסקעמפן אונזערע רעכטן, און מיר וועלן נישט נאָכגעבן אויף קיין זיז כל שהיא ווען ס'האַנדעלט זיך פון אונזער הייליגסטע און טייערסטע.

עס איז געווען אַ געהויבן בילד צו זען דעם "ואת והב בסופה", ווען צום שלוס פון דער אסיפה בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א האָבן די גדולי הרבנים ומנהיגי הקהלות שליט"א זיך געוואונטשן איש את רעהו בברכת כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה, זייענדיג אַזאַ זעלטענער צונויפטרעף אין די סאַמע ימי הרחמים והסליחות, באגלייט מיט א הייסע תפלה אַז די אַלע פּעולות און די אַלע תפלות אין די יעצטיגע הייליגע טעג זאל עושה רושם זיין לטובה און די גזירה זאָל גענצליך אָפּגעטון ווערן מעלינו ומעל כל בני בריתך.

## כלל ישראל כאיש אחד ובלב אחד למען ביטול הגזירה!

ווי נאָר ס'איז אַרויס אין דער ברייטער גאַס ביי יהדות ניו יאָרק די באַריכטן איבער דער אסיפה הגדולה האָט עס אַרויסגעברענגט אַן אויסערגעוועינליכער חיזוק און התחזקות ביי די רבבות אלפי ישראל פון אַלע שיכטן און קרייזן, שפּירנדיג אַ רואיגקייט זעענדיג ווידעראַמאָל ווי די עיני העדה, די גדולי הדור, שטייען פאַראייניגט אויפ'ן פראָנט פאַר דער ריינער המשכה פונעם חינוך הטהור, און מ'קעמפט בייגאַזאַם אין אַ שטאָלענעם אומברעכבאַרן פראָנט אַראָפּצושטעלן פאַר'ן גאַנצן ציבור די תכסיסי מלחמה וואָס פון דעם וועלן מיר זיך נישט אַוועקרירן, וכל רוחות שבעולם לא יזוזו אותנו ממקומינו.

באַזונדערס האָט די אסיפת חירום פון די גדולי ישראל ווידעראַמאָל אַרויסגעברענגט צום אויבערפלאַך די אויסטערלישע צוטרוי און שעצונג פון די גדולי ישראל צו די שליחי עמך בית ישראל, אויף וועלכע די רבנים זענען סומכים את ידיהם צו פאַרטרעטן דעם יהדות הנאמנה, און יעדער איז מתפּלל אַ הייסע תפלה "הי' עם פּיפיות שלוחי עמך בית ישראל", די העלדישע עסקנים וועלכע זענען זיך מקריב בלוט און לעבן צו שתדל'ען פאר אונזער קיום ועתיד, זיי רייסן איין בחצרות שרים ורוזנים – בשליחות פון גדולי דורינו ומאורי דרכינו – פאר אונזערע עלעמענטאַרע רעכטן צו ערציען אונזערע קינדער כאשר עם לבבינו, זאָלן מצליח זיין, ותטה לב המלכות עלינו לטובה, ותגזור עלינו גזירות טובות.

אצינד, שטייענדיג שוין האַרט ערב דעם פאָרכטיגן יום הדין, ווען דאָס גאַנצע קומענדיגע יאָר ווערט פאָרגעשריבן, און ערב דעם גרויסן "יום תפלה" וואָס איז פאַררופן געוואָרן בהאי אסיפת גדולי ומאורי ישראל, קוקט כלל ישראל אַרויס מיט האָפענונג אויסצו'פועל'ן אַ ליכטיגע ישועה, און ווען מיר וועלן צייגן פאַר'ן רבוש"ע, דער אב הרחמים שוכן מרומים, ווי ערנסט מיר מיינען דאָס, ווי מיר זענען כל אשר לנו גרייט אַוועקצושענקען בעד נפשינו, למען כבוד שמו יתברך, ממקומו הוא יפן ברחמיו צוצוהערן אונזער נשמה'דיגן געבעט "קרע רוע גזר דיננו", ויבטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות, כלל ישראל זאָל ווייטער קענען פאָרזעצן מגדל זיין ערליכע לעכטיגע דורות לה' ולתורתו ווי אונזער ווילן און שטרעבן, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צום "ומלאה הארץ דעה" און "בנערינו ובזקיננו" מיט ערליכע דורות וועלן מיר קעגנגיין משיח צדקינו, בב"א.

**כלל ישראל, בראשות גדולי ומאורי ישראל, רופן אויס קבל תבל ומלואה: אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה!**

קרית יואל
וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 • Monroe NY 10949 • Tel. 845-774-6234
Fax: 845-501-0246 • E-Mail: ads@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

## אינהאלט

| | |
|---|---|
| משמרת חומתינו | 62 |
| אַ בליק אויף די נייעס פון קרית יואל רבתי | 68 |
| המוסדות | 78 |
| שריפטן צום וואכנשריפט | 84 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 86 |
| אלו ואלו | 92 |
| זמני בית הוראה לעיר קרית יואל | 111 |
| פון טאהש קיין אוקריינע | 119 |
| שהשמחה במעונם | 120 |
| תפיסה ווענט | 124 |
| הכנה לראש השנה - הרה"ג ר' שלמה יונגער שליט"א | 129 |
| זיבעציג יאר פון דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל תשי"ב | 133 |
| פון נאַצישן יאָמערטאָל<br>אַ סעריע רירנדיגע זכרונות פון הגאון האדיר רבי פנחס הירשפּרונג זצ"ל אב"ד מאָנטרעאָל, איבער די מלחמה יאָרן | 137 |

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, 15 Van Buren Dr. #311 Monroe NY 10950.

קדשו צום קראו עצרה — חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו:

# פרעצעדענטלאָזער "יום תפלה לביטול הגזירה" פאַררופן דורך גדולי ומאורי ישראל אויף דעם דאָנערשטאָג סליחות בקרב כל הקהלות והמוסדות ברחבי ניו יאָרק

## פקודת הקודש פון שר צבא ה׳ כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א איבערגעגעבן במקהלות אלופי אלפי ישראל אין התעוררות׳דיגע רגעים בעפאָר׳ן אָנהייבן סליחות, דורך הרה״ג רבי משה פריעדמאן שליט״א, מנהל רוחני

"אבינו מלכינו תהא השעה הזאת שעת רחמים ועת רצון מלפניך!", טוט כלל ישראל אויסשרייען מיט הייסע קאָכעדיגע הערצער, שטייענדיג בלויז געציילטע טעג פאַר׳ן פאָרכטיגן יום הדין, בשעת ווען רבבות אלפי ישראל פון אַלע שיכטן און קרייזן לענגאויס ניו יאָרק גרייטן זיך מיט אַ פייערדיגן פלאַקער להבת שלהבת אָפּצורעכטן אַ פרעצעדענטלאָזער "יום תפלה לביטול הגזירה" דעם היינטיגן דאָנערשטאָג סליחות, וואָס וועט צונויפברענגען כל בית ישראל, אלפים ורבבות, אין איין פאַראייניגטער כח התפלה וואָס וועט דורכברעכן און דורכרייסן די שערי שמים להעביר את רוע הגזירה – די ביטערע שוידערליכע גזירה האיומה נגד חינוך דורותינו, ה׳ ירחם.

דער היסטאָרישער "יום תפלה לביטול הגזירה" איז פאַררופן געוואָרן דורך מרנן ורבנן גדולי ומאורי ישראל שליט״א, בשעת דער אסיפת חירום בביתו נאוה קודש פונעם שר צבא ה׳ ומגן החינוך הטהור כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, וואו עס איז אַרויפגעברענגט געוואָרן על שלחן מלכים דער חובת השעה אַז מ׳זאָל שטורעמען די שערי שמים בתפלה ובתחנונים, ובפרט ווען מ׳שטייט יעצט אין אַזעלכע ימים המקודשים, אין די סאַמע הרחמים והרצון, און די רבנים שליט״א האָבן באַשלאָסן אַז מ׳וועט פאַררופן אַ יום תפלה אויפ׳ן בעפאָרשטייענדן יום חמישי לשבת, ה׳ סליחות, וואו מ׳וועט זיך מתחנן זיין לפני ה׳ לבטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות.

### יום תפלה ותענית חצי היום – בקרב ק״ק סאטמאר

אין ק״ק סאַטמאַר איז אויסגערופן געוואָרן איבער דעם בעפאָרשטייענדן יום תפלה אין די סאַמע התעוררות׳דיגע רגעים זונטאָג סליחות פאַרטאָגס, ווען אלפי אלפים זענען געווען פאַרזאַמלט ברתת ובזיע אינעם מקום שהתפללו אבותינו ביהמ״ד הגדול דקהל יטב לב, און אויסגעוואַרט דעם אמירת הסליחות פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א.

ווי נאָר דער גרויסער מנהיג העדה איז ערשינען אינעם היכל הביהמ״ד הגדול איז בשליחות הקודש אַרויף די טרעפּ פונעם ארון הקודש דער לאַנגיאָריגער מנהל רוחני, הרה״ג רבי משה פריעדמאן שליט״א, וועלכער האָט מיט אַ התעוררות׳דיגע שטימע איבערגעגעבן אז לאור די גזירה הנוראה נגד החינוך איז ביי די אסיפת הרבנים פאָריגע וואך ביים רבי׳ן אינדערהיים אינאיינעם מיט די חברי הבית דין צדק און די אדמורי״ם שליט״א באשטימט געווארן אַ יום תפלה אויף דעם דאָנערשטאָג.

דער מנהל האָט איבערגעגעבן דעם שליחות הקודש אַז מ׳וועט אין דעם יום תפלה "אויסזאגן תהלים און אלע אונזערע בתי מדרשים לענגאויס ניו יארק", און ס׳וועט זיין דרשות התעוררות לתשובה ולתיקון המעשים אין אלע שטעט און געגענטער, און אַזוי אויך וועט מען "פאַסטן אַ האַלבע טאָג" לעורר רחמי שמים מרובים עלינו ועל זרעינו.

דער מנהל שליט״א האָט אויסגעפירט די בקשת ופקודת הקודש פון רבי׳ן שליט״א אַז "מ׳בעט יעדער זאל אנטייל נעמען אין די עצרת תפילה און די בתי מדרשים והן קל כביר לא ימאס תפילת הרבים אז מ׳זאל קענען מחנך זיין די קינדער אויף דעם זעלבן דרך וואס רבינו הקדוש האט אַוועקגעשטעלט עד ביאת הגואל במהרה".

דער פייערדיגער רוף אין אזא הייליגן מאָמענט האָט אָנגעשלאָגן אַן אויסטערלישער ערנסטקייט אין ביהמ״ד, ס׳האָט געהירט אַ סטרונע ביים ציבור אין די הערצער, און אלעס איז געוואָרן אויפגעפלאַקערט לקראת דעם גרויסן יום תפלה, זיך אויסצובעטן, לבקש רחמים עלינו ועל דורותינו.

נאָכפאָלגענדיג דעם קריאת הקודש איז די היינטיגע וואָך ערשינען אַ פייערדיגער קול קורא פונעם "בית דין צדק דקהל יטב לב", וואו די שרי התורה ועמודי ההוראה שליט״א טוען רופן דעם גאַנצן ציבור כל הקהל הקודש הזה, זיך אָנצושליסן אין דעם יום תפלה, צו פאַסטן אַ האַלבע טאָג, און איינרייסן למען ביטול הגזירה נגד דורותינו, קדשו צום קראו עצרה אספו זקנים בית ה׳ אלקיכם וזעקו אל ה׳.

## קריאת הקהלות

### לאור הגזירה הנוראה נגד חינוך דורותינו

בס״ד, יום ג׳ לסדר למען הקים אותך היום לו לעם תשפ״ב לפ״ק

### חֲמוֹל עָלֵינוּ וְעַל עוֹלָלֵינוּ וְטַפֵּנוּ • עֵת צָרָה הִיא לְיַעֲקֹב

אחינו בני ישראל, לב מי לא יחרד ולא ילפת כאשר אנו עומדים עכשיו בעת צרה שכמוה לא נהייתה רבות בשנים ה״י, בקום עלינו אויבים ורודפים מבית ומחוץ, בבלבולים והשמצות על סדר חינוך בני ישראל המסורה לנו מדור דור, ומסיתים ומדיחים את מחוקקי החוקים לגזור גזירות על החינוך, ומטרתם לקעקע ביצתן של ישראל להרוס נטוע לשנות ולקלקל סדר החינוך של תשב״ר מדרך אבותינו ורבותינו הק׳ זי״ע.

ועל של עתה באנו אחרי אשר לדאבוננו את אשר יגורנו בא בימים האלו שהבאורד און רידזשענס הממונים מטעם הממשלה על העדיוקעשאַן, התקינו תקנות חדשות בחוק החינוך ובזה הם רוצים להשתלט על כל המוסדות החינוך ואפילו מוסדות החרדים ולחייב אותם ללמוד עם תשב״ר הרבה נושאים מלימודי חול, וזממם הרע להעמיד פיקוח להבטיח שהמוסדות מקיימים החוק וגם להכריח על ההורים ולחייבים לחנך את בניהם במוסד שמתאים כפי החוקים החדשים הללו היל״ת, ואם ח״ו יבצעו זממם הרי זה סכנה נוראה על העתיד הדורות, ומרחפת סכנה על ההורים וצאצאיהם, והמשכת חינוך הדורות על דרך ישראל סבא, ואיככה נוכל וראינו באבדן מולדתי ה״י.

ולכן אחרי אסיפת גדולי הרבנים שליט״א

הוחלט ע״י כ״ק מרנן ורבנן האדמורי״ם מנהיגי הקהילות והמוסדות בעירינו וויליאמסבורג שליט״א לקבוע

## ליום תפילה רבתי

### ביום ה׳ פרשת נצבים הבעל״ט - ה׳ סליחות

### בכל המוסדות ובכל בתי כנסיות ובתי מדרשות

להזעיק שמים וארץ לנקוט באומנות אבותינו, הקול קול יעקב, להתחנן ולהתריע לפני אדון כל השומע תפלת כל פה, לקרוע רוע הגזירה המרחפת על ראשינו, להטות לב המלכות ושריו עלינו לטובה, ושנזכה להמשיך לחנך צאצאינו באותו החינוך הטהור אשר קבלנו מאבותינו ורבותינו הקדושים זי״ע בלי שום שינוי כ״ש, ותולעת יעקב אין כוחה אלא בפה לבקש רחמים עליהם ועלינו, שלא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, ויקויים בנו מקרא שכתוב כל כלי יוצר עליך לא יצלח.

ועל כן יתקיים מניני תהילים בכל בתי מדרשות ויתקבצו זקנים עם נערים לקרוע שערי שמים

בעת ובמקום שיתפרט במודעות נפרדות

והן קל כביר לא ימאס בתפילת הרבים, ובזכות תפילת הרבים שאינה חוזרת ריקם בצפייתנו צפינו לבל יפרשו ידם על כל מחמדיה אלו תינוקות של בית רבן, ולא ינוח שבט הרשע על גורל תשב״ר, ובזכות אבותינו ורבותינו הק׳ קמאי דמסרו נפשייהו על חינוך צאצאינו בדרך המסורה לנו בקדושה ובטהרה, נזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות מתוך נחת והרחבת הדעת, עדי נזכה לביאת גוא״צ בב״א.

קהל יטב לב דסאטמאר   קהל קהלת יעקב פאפא   קהל תורת חיים וויזניץ

קהל עדת יראים וויען   קהל ערוגת הבושם צעהלים

כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים כֵּן תְּרַחֵם ה׳ עָלֵינוּ

דורכאויס די לעצטערע פאַר טאָג זענען ערשינען באַזונדערע מודעות פון די קהלות הקודש סאַטמאַר די בכל אתר ואתר, וויליאמסבורג, בארא פארק, קרית יואל, מאָנסי, קרית יטב לב, לעיקוואוד, וואו ס'ווערט איינגעמאָלדן פאַר'ן ציבור דער סדר פונעם יום תפלה, און באַזונדער די דרשות התעוררות אויפצופלאַמען די לבבות, לכו ונשובה אל ה', כי בצרה גדולה אנחנו, און ס'ווערט ערוואַרטעט אַז טויזנטער תלמידי וחסידי סאַטמאַר, זקנים עם נערים, טפלא ונשיא, אַלעס וועט זיך אָנשליסן אין דעם פאַראייניגטן כח התפלה, לבוא אל המלך ולהתחנן לו ולבקש מלפניו על עם ה', אָפּצוטון און אויסרייסן די פינסטערע גזירה וואָס שוועבט איבער אונזערע קעפּ, שלא תאבד שארית יעקב.

# פייערדיגע דרשה דורכ'ן שר העסקנים ונזר השתדלנים, גבור המערכה, הרב החסיד המפורסם רבי משה דוד ניעדערמאַן שליט"א

## פאר די טויזנטער תלמידי מוסדות סאטמאר, ביים פאָרכטיגן מעמד "בקשת רחמים" פארגאנגענעם מאָנטאָג כי תבוא אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג

ברשות די חשובע רבנים די מלמדים און כל הקהל הקודש הזה, עס איז מיר זייער שווער זיך אויפצושטעלן אויף דעם מקום קדוש, ווי דער הייליגער רבי ז"ל איז געשטאנען אין די הייליגע טעג און מעורר געווען לבבות של ישראל צו תשובה און מעשים טובים, און געבעטן דעם רבש"ע אז מיר זאל מיר זוכה זיין שוין צו די גאולה שלימה, און צו רעדן פאר אזעלכע חשובע קינדער תינוקות של בית רבן, וואס מיר ווייס מיר זייער גרויסקייט, איז שווער, אבער ההכרח לא יגונה.

קינדערליך וואס איז דער שאיפה, וואס האט דער רבי ז"ל געבעטן און געוויינט פאר אונז, פאר ענק כלל ישראל, אז דער אייבערשטער זאל העלפן אז ווי לאנג מען איז נאך אין גלות, וויפיל עס איז חלילה נאך באשערט מען זאל זיין אין דעם גלות, אין דעם טריפה'נעם אמעריקא, זאל מען זוכה זיין מגדל זיין קינדערליך אזוי אויפ'ן זעלבן אופן ווי מ'האט מגדל געווען אינדערהיים.

דער רבי ז"ל שטעלט זיך אויפן פסוק והלכת אל המקום אשר יבחר ד' אלקיך לשכן שמו שם ובאת אל הכהן, זאגט רש"י דאס לשון אין לך אלא כהן שבימיך כמו שהוא, שטעלט זיך דער רבי ז"ל וואס מיינט רש"י כמו שהוא, זאגט דער רבי ז"ל כמו שהוא איז טייטשט אז דער כהן וואס ער איז געווען דער וואס האט געלערנט תורה, און מען האט געזען ביי אים קדושה און טהרה, דאס איז דאך געווען דער ציל, מ'איז געקומען צו זען כהנים בעבודתן, און זען ווי אזוי זיי דינען דעם אייבערשטן אין בית המקדש, און מען האט דאס מיטגענומען אהיים, ברויך עס אבער זיין כמו שהוא, אז דער כהן זאל זאגן ער זאל טון דאס וואס ער אליין האלט, וואס ער האט מקבל געווען פון זיינע עלטערן פון זיינע רבי'ס, און ער ווערט נישט נשפע פונעם דעת הקהל, פון די בעלי בתים וואס זיי זענען היפך פונעם דעת תורה.

לענינינו, מ'האט פריער גערעדט פון דעם, אז די פרשה פון ביכורים רעדט מען פון די קינדער, תאנה שביכרה, מ'זעט דער אייבערשטער האט געהאלפן, נאך אזא ביטערע חורבן, האב מיר געהאט די זכיה אז דער רבי ז"ל האט אויפגעשטעלט תאנים שביכרו צאן קדשים, אויפן זעלבן אופן ווי ער האט געזען אינדערהיים, און וואס אונזערע עלטערן האבן געזען.

זאגט מען אויך צו, ווען דו ברענגסט די ביכורים ברויך דאס זיין כמו שהוא, די תורה וואס אונז וועל מיר לערנען אין די בתי חינוך, וועט זיין פונקט אזוי ווי דער רבי ז"ל האט אונז פארגעשריבן, וואס מען זאל לערנען, וואס מען מעג, און וואס מען דארף, און ועליה אין להוסיף.

מ'האלט יעצט, חשובע קינדערלעך, ביי זייער א שווערע זמן, ס'איז דא היינט מיטינגס אין אלבאני, די באורד אוו רידזשענס, און יעדער יעדער די ערשטע קאמיטע וואס האט געוואוט היינט האט געשטימט אז מען זאל חלילה משנה זיין, אז אונזערע מוסדות זאלו זיך מוזן משנה זיין און טוישן דעם סדר הלימודים וואס אונז האב מיר געהאט, מארגן איז די וואוט פון די גאנצע באורד אוו רידזשענס, און דער רבי זאל זיין געזונט וואס ער בלוטיגט, מ'האט שוין פריער געזאגט, און דער רבי האט דאס געזאגט נעכטן, ער איז גרייט אלעס צו גיין אין תפיסה און צו פארלירן געלט, און באשטראפט ווערן מיט געלט, אבער איין זאך וועט מען נישט טוישן, דעם סדר הלימודים, האט צוזאמגערופן אז די הייליגע תינוקות של בית רבן זאלן קומען און מתפלל זיין, בעפאר דער חותם פון דעם גזר דין פון די רידזשענס, אז זיי זאלן חלילה נישט דורכפירן, וואס זיי ווילן משנה זיין אונזער חלק ווי אזוי אונז לערן מיר תורה, און ווי אזוי אונז זעמיר מחנך אונזערע הייליגע קינדער.

אונז האב מיר זיך גארנישט צו שעמען פאר דעם בעסטער אין פאבליק סקול, דער שוואכסטער פון אונז איז אסאך בעסער פון זייער טריפה'נע סקול, אונז זעמיר מער מצליח, דארט ליגט נישט קיין הצלחה, די הצלחה ליגט ביי אונז, דער אייבערשטער האט געוויזן אז דער כלל ישראל קען מען נישט אויסמעקן, נישט נאר דער גשמיות פון כלל ישראל, דער רוחניות פון כלל ישראל, אונזער הייליגער רבי איז שוין נישט דא איבער פערציג יאר, און דאס לעכטעלע ברענט און דאס טליעט, און ס'לערנט אונז אויס אמונה טהורה און זיך פירן פונקטליך ווי אזוי אונזערע חכמים האבן געוואלט.

און עס איז וויכטיג פאר אונז קינדער צו וויסן צוויי זאכן, איין זאך אז עס איז שוין געווען גזירות נוראות אויף כלל ישראל, עטס אלע ווייסטס, בימי מרדכי ואסתר איז געווען די גזירת כליה, אז גאנץ כלל ישראל להשמיד להרוג ולאבד, וואס האט מרדכי הצדיק געטון, ער האט צוזאמגענומען 22 טויזענט קינדער, און ער האט געלערנט מיט זיי די מצוה פון קומץ, האט דער המן הרשע אויף דעם געזאגט, אתי מלוא קומצא קימחא דידכו ענקער קליינע קומץ פון עומר, ודחי עשרה אלפי ככרא כספא דידי, ס'איז מער ווערד פון די גאנצע געלט וואס איך האב צוגעזאגט, איך האב באקומען דעם אקעי פון די רעגירונג אז איך וועל קענען טון חלילה להשמיד להרוג ולאבד.

די וועלט טייטשט, אז ווי אזוי האט ער דאס געזען, ווייל ער האט געמיינט אז מרדכי הצדיק זיצט יעצט מיט די קינדער און לערנט זיי אויס הלכות מסירת נפש, ס'וועט קומען ווי אזוי מען זאל מקבל זיין דעם עול מלכות שמים, האט ער געזען מען לערנט די מצוה פון עומר, מהרה יבנה המקדש, עס וועט נישט געלונגען פאר דעם רשע מרושע, נאר דער אייבערשטער וועט אונז העלפן, און ער האט פאר די קינדער געזאגט, מ'האף מיר אז מיט ענק איז מהרה יבנה המקדש.

חשובע טייערע קינדער, נישט אומזינסט האט מען ענק גערופען, ווייל עטס האטס דעם כח, דער רבי ז"ל פלעגט זאגן, אז די איינציגסטע זאך וואס ס'איז געבליבן ארגינעל, ווי מ'זאגט שור כי אבדו חסידנו ומפגיע אין בעדינו, מ'האב מיר יידער נישט די צדיקים און קדושים צווישן אונז שוין, וואס זאלן מגין זיין און מתפלל זיין אויף אונז, האט דער רבי ז"ל געזאגט אז נאר תינוקות של בית רבן שאין בהם חטא דאס איז ארגינעל וואס ס'איז געווען אמאל.

עטס האטס דעם כח, אונז זאג מיר, אבינו מלכינו עשה למען תינוקות של בית רבן, רבש"ע קוק אן אידישע קינדער, מ'איז ארומגענומען מיט גוים מיט אלע מיני תועבות, וואס טוען אבער אונזערע קינדער, מ'זיצט א גאנצן טאג על התורה ועל העבודה.

טייערע קינדער, נוצט אויס דעם כח, און מען האט שוין געזען, איבער צען יאר צוריק איז געווען די גזירה נוראה וואס איז פארגעקומען אין אמעריקא דאס ערשטע מאל, אבער במשך צוויי טויזענט יאר פון אונזער גלות, האט מען אלס געטשעפעט מיט די ענין פון תורה אדער ברית מילה, ס'האט אויסגעזען שוין אונטערגעשריבן געזעצן מיט אלעם, אז מען זאל חלילה מוזן משנה זיין דעם ברית מילה, ב"ה ענקערע תפלות, ענקערע עלטערן וואס האבן מתפלל געווען האט משנה געווען, ס'איז ב"ה לא יזכר ולא יפקד, מ'האט מורא געהאט, מ'האט געזאגט מען וועט מוזן מאכן ברית'ן אין סעלערס, און ב"ה מ'היט ווייטער מצות ד' פונקט אזוי ווי עס איז געווען.

אין דעם זכות, אין ענקער זכות, וועט דער אייבערשטער העלפן, מ'וועט מתפלל זיין אויף דעם מקום קדוש, מקום שהתפללו בו אבותי, וועט אודאי דער אייבערשטער העלפן, אז מ'זאל אויספועל'ן אז לא ירעו ולא ישחיתו, זיי וועלן נישט האבן קיין שום שליטה, מיטן אייבערשטענס הילף, אונז זאל מיר זוכה זיין במהרה די גזירה זאל בטל ווערן, בביאת משיח צדקינו, א כתיבה וחתימה טובה פארן גאנצן כלל ישראל, אמן.



## בקרב כל הקהלות הקדושות – על פי קריאת מרנן ורבנן שליט"א

גלייכצייטיג איז ארויסגעקומען א פאראייניגטער רוף פון אלע גרעסערע קהלות הקדושות ומוסדות התורה פון דער שטאָט וויליאַמסבורג, וואו ס'ווערט אַרויסגעברענגט דער חובת השעה, אַז על פי קריאת קדשם פון די רבנים ומנהיגים ראשי בית ישראל ווערט פאַררופן אַ "יום תפלה רבתי בכל המוסדות ובכל בתי כנסיות ובתי מדרשות ברחבי ניו יארק, לנקוט באומנות אבותינו, הקול קול יעקב, להתחנן ולהתריע לפני אדון כל השומע תפלת כל פה, לקרוע רוע הגזירה המרחפת על ראשינו".

בנוסף צו דעם פאַראייניגטן רוף פון די קהלות הקדושות איז ערשינען אויך באַזונדערע מודעות פון די עדות הקדושות וואו די אלפים חברי הקהלה והורי המוסדות ווערן גערופן צו אַנטיילנעמען אין דעם יום תפלה למען עתיד דורותיהם.

צווישן די גרעסערע קהלות הקדושות האָט אַרויסגעשיינט ק"ק קהלת יעקב פאפא בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר מפאפא שליט"א, וועלכע האט על פי פקודת הקודש פונעם רבי'ן שליט"א ארויסגעגעבן באזונדערע מודעות אין אַלע פיליאַלעס פון די קהלה הקדושה, די צענטראַלע קהלה אין וויליאַמסבורג, און אַזוי אויך אין בארא פארק, אין מאנסי ובכל מקומות מושבותיהם, וואו מ'טוט בהורמנותא דמלכא פון כ"ק מרן אדמו"ר מפאפא שליט"א רופן דעם ציבור צו קומען אין ביהמ"ד אויסזאָגן גאַנץ תהלים למען עתיד הדורות.

אַזוי אויך איז ערשינען מודעות פון ק"ק עדת יראים וויען בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א, וואו דער ציבור ווערט אויפגעפאָדערט זיך משתתף צו זיין אינעם יום תפלה, וואו דער רבי שליט"א וועט אליין ערשיינען בראש צו מתפלל זיין אינאיינעם מיט'ן ציבור.

באַזונדער האָט זיך אַרויסגעזען דער קריאת הקהלה פון ק"ק תורת חיים וויזניץ וויליאמסבורג, בראשות כ"ק מרן אדמו"ר מוויזניץ שליט"א, מיט א קריאה נשגבה לכל קהלא קדישא הדין צו קומען מתפלל זיין אינעם יום תפלה, לבקש רחמים לפני שומע תפלה אדון כל, בעד ביטול הגזירה.

דאָס זעלבע שפילט זיך אָפּ אין פילע צענדליגער קהלות און גרעסערע בתי מדרשים לענגאויס די רחבי ניו יאָרק, וואו אומעטום ווערט פאַררופן מניני תפלה, מ'וועט פאַסטן אינאיינעם אַ האַלבע טאָג, און מ'וועט זיך מתחנן זיין און מתריע זיין צום מלך שומע תפלה, משמיעי צעקה השמיעו צעקתינו לפני שומע צעקה!

מ'וועט זיך בעטן אין זכות פון די פריערדיגע צדיקים, די גדולי ומאורי ישראל פונעם פריערדיגן דור וועלכע האָבן מיט מסירת נפש אויפגעבויעט אידישקייט, הזכירו לפניו השמיעו לפניו תורה ומעשים טובים של שוכני עפר, זייער בלוט און זייער מסירת נפש וואס זיי האבן אוועקגעאָפּפערט אַז ס'זאָל בלייבן אַן ערליכער שם ושארית צו אידישקייט זאָל נישט נעקר ווערן! יזכר אהבתם ויחי' זרעם, זאָל געדענקט ווערן זייער מסירת נפש און זאָל זייער זכותביישטיין פאַר זייערע אלפים ורבבות תלמידים הקרויים בנים, שלא תאבד שארית יעקב, כי צאן רועה נאמן הי' לחרפה, זייערע שעפעלעך זענען אין אַ געפאַר, זייערע סטאַדעס אונטער אַטאַקע, ובכן מהר עננו אלקי ישענו, ופדנו מכל גזירות קשות!




## כלל ישראל וועט זיך מתחנן זיין דעם דאָנערשטאָג: בטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות!

מיט ציטערדיגע, פלאַטערדיגע אויפגעוואַכטע הערצער טוט כלל ישראל זיך גרייטן צו דעם שטורמישן "יום תפלה לביטול הגזירה", ווען קאָלעקטיוו וועלן פילע צענדליגער טויזנטער אנשים נשים וטף פון אַלע שיכטן און אַלע קרייזן, אלפי רבבה בעלי בתים און אברכים, זיידעס און באַבעס, טאַטעס און מאַמעס, און רבבות תינוקות של בית רבן, תלמידי הישיבות, בנות ישראל הכשרות אין די בתי חינוך כ"י, וואָס אויף זייערע אומשולדיגע ריינע נשמה'לעך שוועבט דאָך די רשעות'דיגע גזירת המן ווי אַ שוואַרצער וואָלקן און באַדראָעט זייער עתיד ה' ירחם.

אַלע אינאיינעם וועלן בקול רעש גדול זיך אָנשליסן אין איין מאַכטפולער אומברעכבאַרער כח פון תפלה ותחנונים, לך כנוס את כל היהודים וצומו עלי, וקראו אל ה' בחזקה, וואו מ'וועט זיך בעטן צום שומר ישראל, ער זאָל אונז אָפּהיטן פון די אַלע שלעכטע גזרות קשות ואכזריות, כי לך לבד עינינו תליות!

יהדות ניו יאָרק קוקט ארויס מיט האָפענדע אויגן און אויסגעשפּרייטע הענט צום הייליגן טאַטן אין הימל, אז הן קל כביר לא ימאס תפלת רבים! אז די צענדליגער טויזנטער הייסע תפלות, די אמת'דיגע טרערן, די תחינות און די הימל-שפּאַלטענדע יללות, וואס אידישע קינדער וועלן זיך מתחנן זיין לפני ה' אין אָט דעם יום תפלה לביטול הגזירה, זאָל ווירקליך אויפפּראַלען די שערי שמים, עס זאָל צערייסן, צעפּיצלען און צעברעקלען די גזירה האיומה כאבק פורח, ס'זאָל שוין נתקיים ווערן דער "חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו", די גזירה רעה זאָל נעקר ווערן, און מיר זאָלן קענען ווייטער מחנך זיין אונזערע קינדער כאשר עם לבבינו ונפשינו, בעגלא ובזמן קריב, אמן.

**אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ נָא אַל תְּשִׁיבֵנוּ רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ!**

זַכָּאָה חוּלָקָנָא לְמֵיתַב בְּצִלָּא דִמְהֵימְנוּתָא עִלָּאָה:

# גרעסטער סוכה בחצרות הקודש ווערט אויפגעשטעלט לקראת זמן שמחתינו בצילא דמהימנותא קדישא צו אקאמאדירן אלופי אלפי אנ"ש וועלכע קומען פון גרעיטאר ניו יארק מיטצוהאלטן לעכטיגע טישן און שמחת בית השואבה בצל אבינו רועינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**גיגאנטישער ריזיגע סוכה פון טויזנטער ס"פ אויפגעשטעלט ברחוב בעדפארד עוו. אין צענטער פון שטאט וועלכע וועט באהעפטן די צוויי גיגאנטישע הויפן פון דארטיגן בנין הת"ת איר צו פארוואנדלען אלס איין מאסיווער שטח אויפצושטעלן די 'סוכה הגדולה'**

דעם פארגאנגענע וואך האָט זיך אָנגעהויבן די מאַסיווע אַרבעט אויפצובויען די שפּאָגל-נייע גיגאַנטישע פּראַכטפולע "סוכה הגדולה" פאַר די געהויבענע עריכת השלחנות פון אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א במשך די לעכטיגע ימים הנעלים פונעם זמן שמחתינו מקרא קודש הבעל"ט.

במשך די לעצטערע יארן איז אנטשטאנען אן אויסטערלישע געדרענג ביי די טישן און שמחת בית השואיבה בימי הסוכות בפרט ביים גרויסן עפל טיש ביום שמינו עצרת ווען אלפי אנשי שלומינו באלאגערן דעם סוכה צו כאפן אן עפל מידי קדשו פון רבין שליט"א המסוגל לישועות וואס האט צוגעברענגט צו סכנת נפשות ,

צוליב דעם האבן אין די לעצטערע חדשים די געטרייע עסקנים בקרב הנהלת קהלתינו הקדושה אינאיינעם מיט די הנהלת המוסדות הק' אין וויליאַמסבורג אריינגעלייגט גרויסע כוחות אויסצואַרבעטן אַ פרישער פּלאַן, צו קענען מאסיוו אויסברייטערן די סוכה הגדולה, צו אַקאָמאָדירן די הערליכע טישן, די חגים ומועדים לששון, מתוך שמחה וחדוה והתעלות רוחני בצל הקודשוועלכע ווערט מיטגעהאלטן דורך רבבות אנ"ש במשך דעם זמן שמחתינו, פון גרעיטאר ניו יארק און געסט פון איבער די גאנצע וועלט

די סוכה הגדולה ווערט אויפגעבויעט אין אַ גאָר קאָסטבאַרער פּראָיעקטביים בנין הת"ת אויף בעדפארד עוו., און וועט אי"ה קוואַרטירן טויזענטער זיץ-ערטער פאַר די אלפי הבעלי בתים מיט הויכשטאָקיגע פאַרענטשעס פאַר די פילע טויזנטער תלמידי ישיבותינו הק' און אברכי הקהלה, און וועט ווערן הערליך איינגערישט מיט א געַנצליכער פנים חדשות, אהערצושטעלן דעם יום טוב אויפ'ן שענסטן און פּראַכטפולסטן פאַרנעם ברוב פאר והדר, להנאת אלופי אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר הבאים להסתופף בצל הקודש, למיתב בצלא דמהימנותא עלאה!

מטעם הנהלת הקהלה ווערט באדאנקט די געטרייע עסקנים נמרצים, אברכי קהלתינו הקדושה, כל אחד בשמו הטוב יבורך, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן טעג און נעכט אַהערצושטעלן די פּלענער און אצינד באגלייטן זיי די אויפבוי מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, ובמיוחד טוט מען באדאנקען די הנהלת הישיבה און די מענעדזשמענט פון די בניני מוסדותינו הק' וועלכע שטייען מיט א געוואלדיגע געטריישאפט אויף יעדן טריט און שריט צו קענען דורכפירן דעם פּראָיעקט למען כבוד הציבור וקהלתינו הק', תשואות חן חן להם!

**וּתְזַכֵּנוּ לֵישֵׁב בַּעֲבוֹדָתֶךָ וּבְיִרְאָתֶךָ עַל הָאֲדָמָה אַדְמַת קֹדֶשׁ!**







דער בלאַט



מופט
אין
קרית
יואל
דורך קרית יואל'ס איינציגסטע
היימישע
מאווינג
פירמע
טראסט און גלויבן
טרעניר טע
שטאב
אונטער
היימישע
אויפזיכט
א כתיבה וחתימה
טובה און א גוט
געבענטשט יאר!
בנימין הערש ברוין
845.287.4190
info@moversincny.com
WE ARE HERE TO MOVE YOU
MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
MOVE SATISFIED
HASSLE FREE


HONEY
MEAD
WITH APPLE AND CINNAMON
מעיד איז א משקה מקובל מתלמידי
הבעל שם טוב זי״ע ועכי״א פאר מלוה
דמלכה, וואך נאכט, ראש חודש, ראש
השנה, חנוכה, פסח, און ביי יעדע יומא
דפגרא, און מען פלעגט וואונטשען שפע
ברכה מיט הצלחה.
כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה
סגולה מהבעל שם טוב
ליתן מעיד על סעודת ברית
100% PURE
HONEY
LAUFER
APPLE
MEAD
WITH CINNAMON
Nameless.team
LAUFER
כשר לפסח
ברכתו שהכל



בס"ד
WE MEASURE AND DELIVER ANYWHERE
Sukkah Depot™
OF MONROE
For all your sukkah needs
CANVAS SUKKAHS
SCHACH
QUALITY WARRANTY ON SCHACH
TRAVEL SUKKAHS
TABLES & BENCHES
AIR BEDS & COTS
CHAIRS & STOOLS
LIGHTS & ACCESSORIES
Sukkah Depot™
WWW.SUKKAHDEPOT.COM
6 VAN BUREN DRIVE 845.204.3851


SOLID GROWTH
OPPORTUNITIES AHEAD
NEXT LEVEL OF BUSINESS
INTRODUCING
STONEGATE Center
ROUTE 208 / 2 STONEGATE DRIVE, MONROE, NY 10950
NOW LEASING
Customized built to your style & needs
Large windows
Modern conference room
Airy roof deck
24 hour building access
Close to NYS-Thruway / 17M
Main road access - Route 208
Parking space galore
Supermarket in the building
Transportation shuttles
SUPERMARKET
2
STONEGATE
Center
CALL TO INQUIRE TODAY!
845.388.1900
info@BloomingRealty.com
Moche Halpern
718-930-1877
moche@bloomingrealty.com
Lazar Schvimmer
845-238-0247
lazar@bloomingrealty.com
Shia Lieberman
347-781-4545
shia@bloomingrealty.com
PROJECT BY:
BLOOMING
REALTY

שִׂמְחָה לְאַרְצֶךָ, וְשָׂשׂוֹן לְעִירֶךָ, וּצְמִיחַת קֶרֶ"ן — תְּרוֹמַמְנָה "קַרְנוֹת צַדִּיק":

# קרית יואל רבתי רופט אויס פייערליכן "שהחיינו" צום באַנייען רוחניות'דיגן צענטער פון ניי-בלייענדער עיר בתוך עיר "שכונת ויואל משה", מיט באַנייאונג פון ביהמ"ד "בית יקותיאל" דקהל יטב לב סאטמאר אַלס צענטראַלער לייכט-טורעם לתורה ולתפלה

**ציטוויליגער בית המדרש וואָס וועט שטיין על תלה בנוי׳ ביז׳ן אויפבוי פונעם מלכות׳דיגן ביהמ"ד הגדול "בית יקותיאל", מגדל תפארתה פון שכונת ויואל משה**

וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי:

## שפּאָגל-נייער ביהמ"ד ערעפנט זיך דעם שבת קודש פ׳ נצבים ערב התחלת השנה; געהויבענע תפלות אין די הייליגע טעג בימי הדין וועלן אָפּגעראָכטן ווערן אונטער קדושה'דיגע אַטמאָספערע

כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא:

**נייער ביהמ"ד ומקוה אין צענטער פונעם פרעכטיגן "עיר בתוך עיר" שכונת ויואל משה, אויף חוסט רד, ערצייגט סאַמע גרעסטער עקזיסטירנדער צענטער לתורה ולתפלה, לטהרה ולצדקה וחסד פון דער גאַנצער אומגעגענט**

וביום השבת קודש ששו ושמחו: **העפטיגע צוגרייטונגען צום פריידיגן "ערשטן שבת קודש" בראשות הגה"צ רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א, דומ"ץ בית מרדכי לייב דקיט"ל קרית יואל, ווען אנ"ש תושבי השכונה וועלן שטראָמען לקבל נועם שבת אין שפּיץ פונעם דיין שליט"א** — כד עייל שבתא: **געהויבענער דיין וועט בעז"ה אויפטרעטן מיט "דברי פתיחה" בנועם זיו אמריו, בליל שבת קודש פאר קבלת שבת, לרגל פתיחת השערים, אַראָפּצושטעלן די יסודות פונעם נייעם ביהמ"ד**

אַ באַשיינפערליכע און אומגלויבליכע התרוממות קרן צדיק:

## פרישע רינגעלע אין גאָלדענע קייט פון בתי מדרשים דקהל יטב לב קרית יואל; 5'טער פרישער ביהמ"ד ערעפנט אין בלויז איין "1" יאָר!

קרית יואל. — "ושימחתים בבית תפלתי, כי ביתי בית תפלה יקרא"! שווער צו שילדערן די גרעניצלאָזע פריידיגע געפילן וואָס ברויזן און שטורעמען אין די הערצער שפּאַנענדיג פון איין הרחבת גבולי הקדושה צו דער אַנדערער אין סאַטמאַר'ס קרוין-שטאָט קרית יואל, בשעת ווען די אלפים תושבים העיר וכל גלילותי׳ טוען שטורמיש אויפנעמען די שמחה'דיגע נייעס אַז מ'גייט שוין בעז"ה אָט דעם שבת קודש, שבת קודש פ, נצבים הבעל"ט, באַנייען דעם שפּאָגל-נייעם ביהמ"ד מפואר דקהל יטב לב סאטמאר וואָס ווערט באַקרוינט מיט'ן כתר שם טוב העולה על גבי' אַלס "בית יקותיאל", און אָט דעם שבת קודש וועט דאָס שוין באַנייעט ווערן מיט די געהויבענע שבת'דיגע תפלות, אור לתושבי"ם יום שבתון, ברוב פאר והדר!

ובכן תן כבוד לעמיך, תהלה ליראיך, ששון לעירך וצמיחת קרן — תרוממנה קרנות צדיק! אוי וואָס אַ שמחה'דיגער "שהחיינו" אויסגעשריי פראַלעט אַרויס פון די איבערגליקליכע הערצער פון די טויזנטער תושבי קרית יואל וועלכע זענען שוין "געוואוינט" צו הערן און מיטלעבן פרישע הרחבת גבולי הקדושה יעדן טאָג, "פּתיחת שערים" און "נייע בתי מדרשים" איז געוואָרן אַ טייל פונעם רוטינעם חיי יום יום אין רבינ'ס הייליגע שטאָט, אָבער פאָרט איז עס דאָ עולה על כולנה, עס איז חיבה יתירה נודעת!

ווייל דאָ בויעט מען נישט בלויז נאָך אַ ביהמ״ד, דאָ עפענט מען נישט בלויז נאָך א מקוה, דאָ פייערט מען נישט בלויז אַ פרישער בנין — נאָר דאָ שטעלט מען אַוועק די יסודות פון אַ גענצליך נייער געגענט!!

דאָ ציעט מען אַרויף די חומה האדירה פון קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל אויף נאָך אַ גענצליך־פרישער שכונה גדולה לאלקים, אַן עיר בתוך עיר הצדק קרי׳ נאמנה!

דאָ שפרייט מען די פליגלען פון הקהל הקודש צו אַן אויסוואַקסנדע ריזן געגענט מיט עווענטועל ״טויזנטער משפחות״, וואָס וועלן אי״ה ווערן אַרומגעצירקלט פון די הייליגע פעולות האדירות פון די הייליגע קהלה, וואָס נעמט אַריין אין זיך אַלע אלפי אלפים תושבים וואָס פירן זיך אויפ׳ן הייליגן דרך פונעם מייסד הקרי׳ אבינו רועינו רבינו הקדוש זי״ע, תחת דגלו פון ממשיך דרכו וממלא מקומו הוד כבוד קדושת מרן רבינו עטרת ראשינו שליט״א, אשר על מי מנוחות ובדרך התורה ינהלנו.

## דער לאָקאָמאַטיוו פון הרחבת גבולי קרית יואל, אַנקערט אַצינד אין "שכונת ויואל משה"

אויב איז דאָס אַ פריידיגער מאָמענט פאר תושבי קרית יואל בכלל איז דאָך איבריג צו שילדערן די שמחה די תושבים החדשים פון שכונת ויואל משה און דער אומגעגענט; וואו די צענדליגער משפחות האָבן זיך אַרויסגעצויגן במשך די פאַרלאָפענע חדשים, איינציגוויז, נאך א משפחה און נאך א משפחה, און אצינד האלט עס שוין ביי אַ ריזן מספר פון משפחות אנשי שלומינו, חברי ק״ק סאטמאר, סלתה ושמנה פון די הייליגע שטאָט קרית יואל, וועלכע האָבן די גאנצע צייט אַרויסגעקוקט, ״מתי אעשה גם אנכי לביתי״, כי ביתי בית תפלה יקרא, אַז ס׳זאָל זיין אַן ״אייגענער סאַטמאַרער ביהמ״ד״ וואו מ׳זאָל קענען זיך פירן בקדושה ובטהרה, אַזוי ווי רבינו הקדוש זי״ע האָט געוואָלט.

איז אַצינד, האַרט ערב דעם נייעם יאָר, וועט דער פייערדיגער ״שהחיינו״ בליל הראשון של חג אין דעם נייעם ביהמ״ד המפואר ״בית יקותיאל״ וואָס די תושבי שכונת ויואל משה וועלן אי״ה מיט התרגשות זאָגן אויך כולל זיין דעם שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, אַז דער פראָגרעסירנדער אומאָפשטעלבאַרער הרחבת גבולי הקדושה לאָקאָמאַטיוו, די בניית בתי מדרשים שנעל־צוג פון ק״ק סאטמאר קרית יואל, טוט אַצינד אַנקערן בבית מלונם, די שפרודלדיגע אויסברייטערונג פון ק״ק קרית יואל לאַנדעט אַצינד אין זייער געגענט, ווען זיי באַקומען זייער אייגענע הערליכע בית שמגדלין בו תורה ותפלה, לשם ולתפארת!

דערמיט טוט זיך בעז״ה אריינפאַסן אַ הערליכע רינגעלע אין דער גאלדענער קייט פון „פרישע בתי מדרשים״ אין קרית יואל, וואָס קוים מיט צוויי וואָכן צוריק האָט מען ב״ה באַנייעט דעם פרישן ביהמ״ד אין שכונת ״בלומינגראָוו־קרית יואל״, נאָכפאָלגנדיג די ערעפענונג מיט געציילטע חדשים צוריק פונעם מלכות׳דיגן ״בית כהנא״ וואָס איז אויסגעשטיגן אלס תל תלפיות — אָפשפיגלענדיג באַשיינפערליך דעם הם אמרו ״פן ירבה״ ורוח הקודש אומרת ״כן ירבה וכן יפרוץ״ — און דאַן די פאַרגאַנגענע וואָך די פראַכטפולע השלמה פונעם ביהמ״ד ״ישמח משה״ מיט דער התחדשות המקוה ברוב פאר והדר, און אַזוי גייט מען מחיל אל חיל, נאכאנאנד און אָן אויפהער.

## די צענטראַלע הויפטקוואַרטיר פון דער נייער שכונת ויואל משה

ווי שוין היינט באקאנט אומעטום איז ״שכונת ויואל משה״ אויסגעשטיגן אויף אַן אומגלויבליכן פאַרנעם, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן גרייט האָבן הונדערטער משפחות אָגעהויבן צו ״קלאָוזן״ אויף די נייע הערליכע, רחבות׳דיגע דירות, וואו זיי זענען זוכה צוצוקומען צו הרחבת הדעת אין אַ הערליכע געשמאקע סביבה, אויסשפרייטנדיג דערמיט די גרעניצן פון קרית יואל צו פרישע ענדלאָזע האָריזאָנטן, ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה.

ביינאַזאַם מיט׳ן זיך אַריינציען אין די נייע דירות, האָט די הנהלת הקהלה זיך תיכף אַריינגעוואָרפן אין די אַרבעט אַהערצושטעלן אַ בית המדרש גדול ונהדר, א הויפטקווארטיר פאר׳ן ציבור הקהל הקודש הזה וואָס קלאַמערט זיך צו די הייליגע קהלה, און וויל דייקא קובע מקום זיין אין אַ ביהמ״ד וואָס באַלאַנגט צו די קהלה קדושה און דאָרט וועט מען קענען לערנען און דאַווענען און עוסק זיין בתורה עבודה וגמילות חסדים אונטער אַ הייליגע אַטמאָספערע צווישן יראים ושלמים, יראי ה׳ וחושבי שמו, ווי א ריכטיגער ״סאטמארער ביהמ״ד״ דאַרף אויסצוקוקן.

צו דער זעלבער צייט וואָס די הנהלת הקהלה האָט געלאָזט אין גאַנג די מאַסיווע אונטערנעמונג אויפצובויען דעם מלכות׳דיגן ״ביהמ״ד הגדול״ פון שכונת ויואל משה ״בית יקותיאל״, וואָס אַנטשפרעכט אַ זעלטנהייט פון א מאיעסטעטישער געביידע כליל ביפי׳ ובהדרה, האָט מען גלייכצייטיג גענומען אין באַטראַכט דאָס אויסטערלישע נחיצות אז מ׳מוז ״שוין יעצט״, אויף דערווייל, אהערשטעלן א צייטווייליגער ביהמ״ד, וואו דער ציבור זאָל זיך קענען קוואַרטירן תיכף ומיד!

מיט אַן אויסטערלישער סייעתא דשמיא, באַגלייט מיט׳ן ברכת צדיק פון ״תרוממנה קרנות צדיק״, האָט מען ב״ה באַוויזן צו גרייכן דעם ציל מיט אַלע הידורים, ווען אין די לעצטערע תקופה האָט פראגרעסירט א העפטיגער און בליץ־שנעלער בוי־פראיעקט אויפצובויען דעם נייעם שיינעם הערליכן ״פראָוויזאָרישן ביהמ״ד״, אויף דער ״אוסטראה פאַרקוועי גאַס״, אין צענטער פון שכונת ויואל משה, און מ׳האָט אין דעם אינוועסטירט קאָלאָסאַלע געלטער, עס אַהערצושטעלן און אויסרישן כראוי וכיאות לכבוד בית אלקים ולכבוד קהלתינו הקדושה.

טראָץ וואָס בעצם איז עס טאקע א פראוויזארישער ביהמ״ד, פאר ביז ווען דער נייער בנין הגדול וועט זיך אויפבויען על תלה בנוי׳, האָט מען אָבער דאָס נישט גענוצט אלס ׳אויסרייד׳ צו זשאַלעווען אויף סיי וועלכע באַקוועמליכקייט און צורך פאַר׳ן נייעם ביהמ״ד! מ׳האָט דאָס אַזוי געבויעט, אַז ס׳זאָל האָבן אין זיך ״אַלעס״ למען כבוד בית ה׳!

אַ הערליכער ריזיגער היכל גדול ומפואר מיט ״הונדערטער״ זיצן צו אקאמאדירן דעם ריזן ציבור; שיינע גרויסע רחבות׳דיגע חדרי התורה והתפלה; א פולשטענדיגע מקוה מפוארה גרייט פאר׳ן ציבור לקבל תוספות טהרה מדי יום ביומו; קאַווע צימערן; חדרי הוראה; אַ ברייטער לופטיגער ״עזרת נשים״; מיט ״אלעם״ וואָס פאָדערט זיך, אז דאס ביהמ״ד זאל קענען דינען אלס פולקאָמער רוחניות׳דיגער צענטער, אַ מנינים־אימפעריע, אשר ממנו תצא תורה ותפלה וטהרה פאַר דער גאַנצער שכונה און דער גאַנצער אומגעגענט!

מיט סייעתא דשמיא איז אריינגעקומען אַ ברכה אין דער אַרבעט און ס׳האָט גאלאפירט פאראויס, אָן קיין אפשטעל, ממש טאָג־און־נאַכט.





דער גרויסער היכל ביהמ״ד און קארידאר צו די חדרי התפלה און די מקוה מפוארה ווערט צוגעענדיגט ברוב פאר והדר

מכון לשבתך — תל תלפיות:

# "שכונת ויואל משה" איינוואוינער בליץ-שנעל אויסגעכאַפּט אַלע "זיצן" אין ביהמ"ד החדש, ביי סוקסעספולער זיצן-פאַרקויף לקראת די הייליגע טעג

**אויסטערלישע פּאָזיטיווע אָפּקלאַנג ביים ציבור פון געטרייע באַגלייטונג דורכ'ן נייעם משמש און די גבאים פונעם ביהמ"ד צו פאַרזיכערן אַלעמענס צופרידנהייט מיט גוטע זיצן סיי אין ביהמ"ד און סיי אין עזרת נשים**

**גבאי הביהמ"ד אינאיינעם מיט צענטראַל-קהל שטעלן צו הערליכע בעלי תפלה, שיעורים ודרשות, לענגאוים די הייליגע טעג און דעם בעפאָרשטייענדן זמן שמחתינו**

אנ"ש האַלטן פאַר די אויגן קריאת הקודש פון הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א:

**"דער ציבור זאָל דאַוונען דייקא אין די אייגענע בתי מדרשים וואָס פירן זיך ערליך אַזוי ווי דער רבי זי"ע האָט אַוועקגעשטעלט"!**

— ושמחתים בבית תפלתי; כי ביתי בית תפלה יקרא —

איבערהויפּט יעצט, ווען מ'איז געלאָפן קעגן דעם זייגער, און מ'האט פאר יעדן פּרייז אויף דער וועלט געוואָלט עפענען דעם ביהמ"ד אויף די הייליגע טעג און דעם זמן שמחתינו מקרא קודש, האָט די אַרבעט פראגרעסירט ממש 24 שעה אין טאָג! ס'האָבן געאַרבעט צענדליגער "סובס אויפאַמאָל, די געביידע האָט געזשומעט ווי אַ בינען-שטאָק, רבו בוני המלוכה, ותשלם כל המלאכה!

די הנהלת הקהלה, מיט די געטרייע עסקנים העומדים לנצח על מלאכת בית ה', האָבן געלייגט אומערמידליכע כוחות, מ'האָט נישט געשוינט קיין צייט געלט און כח און מיה, אז ס'זאל זיך שוין קענען עפענען האי מקום קדוש, וואו אנשי שלומינו תלמידים וחסידים תושבי קרית יואל זאָלן קענען קובע מקום זיין לתפלתם ולתורתם, אַלס מגדל עוז פון וואַנעט ס'זאָל זיך פאַרשפּרייטן תורה וקדושה וטהרה, און אָט, אין א מזל'דיגער שעה, גרייט מען זיך שוין צום "פּתיחת שערים" בשעה טובה ומצלחת.

## וביום השבת קודש, שבת נצבים ערב ראש השנה, שישו ושמחו!

ובכן קען מען זיך אויס'משל'ן וואָס א שמחה עס כאפּט ארום דעם ציבור דעם היינטיגן ערב שבת קודש פרשת נצבים, ווען מ'גרייט זיך שוין צום פתיחת שערים פון אַ ביהמ"ד וואָס איז — ווי אומגלויבליך ס'הערט זיך נאך אזא קורצע צייט מיט א בליץ-פּראיעקט — פולקאָם גרייט אַלס אַ יפה נוף משוש, א כלילת יופי, הערליך און שיין פארענדיגט, גרייט אַריינצונעמען אין זיך די הונדערטער פרישע מתפללים, אַריינגערעכנט פילע 'נייע תושבים' וועלכע ציען זיך טאַקע אַריין אַצינד לקראת די שנה החדשה הבא עלינו לטובה, מיט'ן רעכטן פוס, בשעה טובה ומצלחת.

זייט ביי זייט מיט די עושי המלאכה וועלכע פיבערן מיט די לעצטע פּיטשוועקעס פון די בוי-אַרבעט, זענען די געטרייע עסקני הקהלה — האנט ביי האנט מיט די לאקאלע תושבי השכונה וועלכע זענען שוין צוגעבונדן צום נייעם ביהמ"ד בלב ובנפש נאָך פאַר'ן עס אפילו באַנייען, ווייל זיי שפּירן דערין זייער צווייטע היים — איינגעשפּאַנט אויף אַלע פראָנטן אויסצורישן דעם ביהמ"ד מיט אלע צוגעהערן, שפּאָגל-נייע סידורים און ספרי קודש, טישן און בענק, טישטוכער, און אַלע דעטאַלן אַז ס'זאָל שוין אַלעס זיין גרייט אויף דעם בעפאָרשטייענדן גרויסן שבת, דעם שב"ק נצבים.

וביום השבת קודש שישו ושמחו כמקבלי מתן נחניאל, אפצוגעבן א שבח והודי' פאַר'ן רבוש"ע שהחיינו לזמן הזה, ווען מ'וועט אי"ה אריינגיין אין דעם נייעם הערליכן ביהמ"ד, צו פראוועון דעם "חנוכת הבית ופתיחת שערים".

צו דער לאנג-דערווארטער און פריידיגער געלעגנהייט ווערט אי"ה אהערגעשטעלט אַ הערליכער און דערהויבענער שבת קודש, מיט דער באטייליגונג פון אַלע אנ"ש תושבי השכונה, וועלכע וועלן קומען זיך קובע מקום זיין אין דעם נייעם היכל המפואר. בליל שבת קודש וועט מען האבן די כבוד אז עס וועט קומען מיט דאווענען, הגה"צ רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א, דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקהלתינו הק', און אויפטרעטן מיט "דברי פּתיחה" לרגל האי יומא דקא גרים.

דער הויכפּונקט פונעם שבת קודש וועט זיין בצפרא דשבתא, ווען ס'וועט אי"ה געפּראַוועט ווערן אַ גרויסארטיגע קידושא רבא, לרגל פתיחת שערים — און אַזוי אויך וועט געפּראַוועט ווערן אַ קידוש לרגל הולדת בתו פון העסקן הדגול והנמרץ הרב מרדכי אהרן קארצאג שליט"א, מרביץ תורה במוסדותינו הק' און דער איש המעש אלס "גבאי עמוד התורה" בתוככי שכונת ויואל משה — מיט דער באטייליגונג פון אלע תושבי השכונה, "די נייע מתפללים" פונעם ביהמ"ד, און ווי אויך ווערן דערווארט די ראשי הקהלה, עסקנים נכבדים בקרב קהלתינו הק', וועלכע וועלן זיך קומען באַטייליגן ביי דער גרויסער שמחה פון קהלתינו הק', בהרחבת גבולי הקדושה.

## לקראת שבת פּתיחת שערים לכו ונלכה כי היא מקור הברכה!

תושבי קרית יואל רבתי וכל גלילותי' בכלל — און די תושבי השכונה האדירה "שכונת ויואל משה" בפרט — זענען איבערגענומען מיט פריידיגע געפילן, מיט א שפּאנענדע ערווארטונג, צו קענען אריינקומען אין די שערים המצויינים, זיך מסדר זיין מיט א פּלאץ אינעם נייעם היכל בית ה', עס מחנך זיין לתורה ולתפלה, און מיטהאלטן דעם גרויסן שבת המתאחדת, וואס וועט צום ערשטן מאל צונויפנעמען אחים לדעה כאיש אחד ובלב אחד, פון די גאנצע געגענט מתוך שמחה וחדוה, קומי אורי, און מ'קוקט אַרויס אויף דער געוואַלדיגער השלמה פון דער מקוה און אַלע חדרים, וואָס וועט עס פאַרוואַנדלען אין דער רוחניות'דיגער "תל תלפּיות" פונעם גאַנצן אומגעגענט!

אַריינטרעטענדיג אין דעם נייעם יאָר ת'הא ש'נת פ'ריחת ג'ידולינו טוען רבבות אלפי אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאַטמאַר אַרויסזינגען א שבח והודיי להשי"ת מיטהאַלטנדיג ווי מ'שפּאַנט אַזוי הערליך פאָראויס מחיל אל חיל אין רבינ'ס הייליגע שטאָט, אתרא קדישא אתרא דמר קרית יואל רבתי עם, מ'איז מכיר טובה די העלדישע ראשי הקהלה, די מסירת נפש'דיגע עסקנים, די געטרייע נגידים וגבירים, וועלכע האָבן אזויפיל כוחות אַריינגעלייגט צו קענען עפענען די שערי הביהמ"ד כליל בהדרה, און מ'קוקט אַרויס אויף די ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען, ביתר שאת וביתר עז, נאָך בנינים, נאָך בתי מדרשים, נאָך הרחבת גבולי הקדושה, לגדל ולרומם את תפארת קהלתינו הק', בדרך רביה"ק זי"ע תחת דגלו של כ"ק מרן רבינו שליט"א, עד ביאת הגואל בב"א.

**קרית יואל: תתחדש עלינו שנה טובה! אַ פּרעכטיגע דיאַמאַנט אין דער גאָלדענער קייט פון הרחבת גבולי הקדושה בעיר עוז לנו!**



## קרית יואל קוועלט! קרית יואל שפרודעלט!

# פינף "5" נייע בתי מדרשים דקהל יטב לב געעפענט - און אַריין אין באַנוץ - אין אַוועקגייענדן יאָר שנת תשפ"ב לפ"ק!!!

1. ביהמ"ד "ישמח משה" - שכונת סעקשאן 4
2. ביהמ"ד "אלד טאון רד." - בלומינגראָוו
3. ביהמ"ד "בית כהנא" חברון רד.
4. ביהמ"ד "מעריוואָלד סאוט" - בלומינגראָוו
5. ביהמ"ד החדש "בית יקותיאל" - שכונת ויואל משה

## ת'הא ש'נת פ'ועל ג'בורות:

### דערפאָלגרייך יאָר תשפ"ב מאַכט פלאַץ פאַר'ן פריש-אָנקומענדיגן שנה טובה ומבורכת צו ערצייגן פרישע שפרודלדיגע הרחבת גבולי הקדושה בעיר עוז לנו

**אין צוגאָב צו די נייע בתי מדרשים וואָס בויען זיך ב"ה ברחבי העיר הצדק מיט אַ גאַלאָפירנדער בליץ-שנעלקייט לרומם קרן העיר פון רבינ'ס הייליגע שטאָט קרית יואל הגדולה לאלקים**

שטייענדיג אצינד ערב ראש השנה ת'הא ש'נת פ'ריחת ב'נינים, און צוריקבליקנדיג אויף וואָס אַ פרוכטבאַר סוקסעספול יאָר ס'איז זיך ב"ה פאַרלאָפן אין די הייליגע שטאָט אין די ראַמען פון "הקהל הקודש", בלייבט מען איינפאַך שטיין פאַר התפעלות!

אַ שנעלע רעכענונג, צוריקקוקנדיג אויפ'ן מיט־הרחבת־גבולי־הקדושה־באַצייכנטער קאַלענדאַר פונעם פאַרלאָפענעם יאָר, צייגט אונז אומגעהויערע דורכברוכן, מאַסיווע אויפטוען, און ועל כולם: די אויפבוי, השלמה און פאַקטישע ערעפענונג פון נייע הערליכע בתי מדרשים וועלכע שטייען שוין פאַקטיש אין באַנוץ לתפארה בעוז וברמה פאַר'ן ציבור אלפי אנשי שלומינו תלמידים וחסידים תושבי העיר קרית יואל רבתי בכל רוחותי'!

מיט גאָלדענע בוכשטאַבן וועט, אַלזאָ, דאָס יאָר תשפ"ב איינגעקריצט ווערן בקורות ימי' פון קרית יואל האדירה.

— אַ יאָר וואָס דער כבוד העיר, דער קרן הקהלה, דער כח הציבור איז געהויבן געוואָרן צו די סאַמע העכסטע ספערן!

— אַ יאָר וואָס מ'האָט ב"ה באַוויזן דורכצופירן ריזן הרחבת גבולי הקדושה אונטערנעמונגען און פאָרברייטן אַ גאָלדענע וויזיע!

— אַ יאָר וואָס האָט צוגעברענגט פאַר'ן רבינ'ס הייליגע שטאָט גאַנצע "פינעף" פרישע בתי מדרשים דקהל יטב לב בד' רוחות העיר, וועלכע שטייען שוין על תלם בנוי' ועומדים לתפארה, און דעם ראש השנה תשפ"ב גייט פון דאָרט אָפּקלינגען דער "ושמחתים בבית תפלתי" בקול תרועת השמחה — כי אנו קהליך, ואתה קהלתינו!

## פרשת ויצא: ביהמ"ד החדש ישמח משה- שכונת סעקשאן 4

דאָס ערשטע אינעם פרישן בתי מדרשים רייע דקהל יטב לב איז דער נייער ביהמ"ד המפואר "ישמח משה" אויף ישראל זופניק דרייוו, וואָס איז נתנדב ונבנה געוואָרן דורכ'ן לעגענדאַרן ראש הקהל בונה ומקים הנגיד הטפסר הרה"ח ר' מענדל שווימער שליט"א, וועלכער האָט דעם גאַנצן פראָיעקט אויסגעצאָלט בנדבת לבו הטוב.

מיט געציילטע חדשים דערויף האָט מען ב"ה באַוויזן אויך צו פאַרענדיגן די מקוה מפוארה, הערליך, נאָבל און מאַיעסטעטיש, און אַזוי איז דער גאַנצער ביהמ"ד כולו אומר כבוד.











אַדאַנק דעם איז דאָס ביהמ"ד אויסגעשטיגן אלס "מנינים צענטער" און זשומעט מיט מנינים, ערב בוקר וצהרים. איבערהויפּט יעצט בין הזמנים פיבערט דאָס ביהמ"ד מיט מניני סליחות ושחרית, אָפּגערעדט אין די שבתות ומועדי השנה וואָס ווערט אָפּגעראָכטן מיט אַזאַ דערהויבנקייט, בראשות הרה"ג דומ"ץ הביהמ"ד שליט"א.

די פּראכטפולע מקוה ציעט אידן פון די גאנצע אומגעגנט, בנוסף צו די משמש שטיבל מיט אלע באדערפעניש. ביינאכט דינט דאס אלס מנחה מעריב צענטער פאר די אומגעגנט, און אַ בית מלא תורה, וואו אידן זענען קובע עתים לתורה און א בית הוראה לדעת את המעשה אשר יעשון.

## פרשת תשא: ביהמ"ד החדש דועלק \ אלד טאון-בלומינגראוו

דעם פארלאפענעם פרשת כי תשא איז ב"ה געעפענט געוואָרן דער ביהמ"ד דקהלתינו אין דער דועלק געגענט אין שכונת בלומינגראוו־קרית יואל, וואו אנ"ש אין די אומגעגענט דאווענען די תפלות און שלש סעודות בראשות דעם געהויבענעם דיין הרה"ג ר' מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א, דומ"ץ דקהלתינו הק'.

אצינד אויף די ימים נוראים האט מען ארויסגעדינגען א גרעסערער לאקאל אויף 18 ליע עוו. צו אקאמאדירן די פלייץ פון מתפללים וואס ווילן זיך קובע זיין אין א היימישע סאטמארער ביהמ"ד, וואָס וועט אי"ה שטיין ביז מ'וועט — אינגיכן בעז"ה — פאַרענדיגן דעם ביהמ"ד החדש והמפואר אויף "דועלק" וואָס בויעט זיך אויף ב"ה אין א בליץ־שנעלקייט און אנ"ש קוקן שוין ארויס בכליון עינים עס צו באַנייען אין די גאָר נאָענטע תקופה, וגדול יהי' כבוד הבית.

## פרשת קרח: ביהמ"ד בית כהנא-חברון רד.

דער קרוין פון די הרחבת גבולי הקדושה תשפ"ב! דאָס איז געווען די דערפאָלגרייכע און בליץ־שנעלע אויפבוי פון דעם מעכטיגן תל תלפיות, דער מלכות שבמלכות'דיגער בנין ההוד "בית כהנא" אויף חברון דרייוו, וואָס איז געוואָרן דאָס געשפּרעך פון טאָג נישט בלויז ביי די טויזנטער אנ"ש חברי קהלתינו הק' און רבבות תלמידי וחסידי סאַטמאַר איבער דער וועלט, נאָר אויך אין אַלע צענטערן פון די שטאָט קרית יואל, אין אַנדערע שיכטן און קרייזן, וואו מ'קוקט כסדר אַרויף מיט התפעלות אויף דעם הערליכן בית היוצר וואָס הייבט זיך אַרויף מיט שטאָלץ און פראַכט, והיית אך למעלה, לכבוד ולתפארת.

"בית כהנא" איז בליץ־שנעל אויסגעשטיגן אלס דער רוחניות'דיגער נערוו־צענטער פון דער גאַנצער געגענט, אלס "תל תלפיות" אשר מכל פיות אליו פונים. דער ביהמ"ד זשומעט מיט שחרית מנינים פון פארטאגס ביז אין די שפעטע פארמיטאג שטונדן; עס לויפן די שחרית־מנינים יעדע צוואָנציג מינוט אויפ'ן זייגער, אין באַגלייטונג פון אַ געניטן מסדר המנינים און געטרייע גבאים העומדים על גביהם, ווען אלעס קלאפּט מיט אזא וואונדערבארער כבוד הציבור וואָס יעדער הייבט ארויס מיט התפעלות.

וממנו תצא תורה, ווען דער היכל הביהמ"ד איז מלא וגדוש מיט לומדים אין די פרי און די נאַכט שטונדן, און א גאנצן טאג פיבערט עס מיט תורה ותפלה. באַזונדער שיינט אַרויס דער משמש שטיבל וואָס שטייט צום פאַרפיגן לתועלת הציבור מיט אלע סארטן צרכי ציבור ותשמישי קדושה, בעת פת שחרית יעדן אינדערפרי אין די מעין לאבי צוגעשטעלט בחינם מיט א ברייטקייט, פון וואָס דער עולם טוט זיך דערקוויקן, אָפּצייכענענדיג אַן אומגעהויערער סוקסעס פון אַ ביהמ"ד שלא נראה כבושם הזה ב"ה.

אַצינד לקראת די הייליגע טעג הבעל"ט טוען מתפללי הביהמ"ד ערווארטן מיט גרויס כבוד והנאה די ערשיינונג פון הגה"צ רבי משה חיים לאבין שליט"א, חתן כבוד הגאון הצדיק מורינו שליט"א, וועלכער וועט אי"ה באַשיינען די געהויבענע תפלות במשך די ימים נוראים וחגים ומועדים לששון, און אַריינברענגען אַ התרוממות הנפש אינעם גאנצן ציבור מתפללי הביהמ"ד, וואָס קוקט אַרויס לשמוע אל הרנה ואל התפלה. באַזונדער טוען ערשיינען די פולשטענדיגע סדרי התפלה, תקיעת שופר, דרשות, שיעורים, אַלעס דבר דבר על אופנו, מיט אַן אויסערגעווענליכער כבוד הציבור, וואָס הייבט אויף כל קהלא קדישא הדין.

## פרשת עקב: ביהמ"ד החדש מעריוואלד-בלומינגראוו

עס איז נאָכנישט אַריבער קיין גאַנצער חודש זינט די באַנייאונג פונעם נייעם הערליכן ביהמ"ד החדש דקהל יטב לב אויף שכונת מעריוואָלד אין בלומינגראָוו־קרית יואל, און שוין שיילט זיך עס ארויס מיט אזא אויסטערלישער סוקסעס און הצלחה העכער אלע ערווארטונגען, ווערנדיג פארוואנדעלט אין דער סאטמארער צענטער פון דער גאַנצער אומגעגענט, וואוהין אנ"ש תושבי העיר שטראָמען לקבוע מקומם לתורה ולתפלה ולהוראה.

אַצינד לקראת די ימי הדין הערט מען צוריק פון די געטרייע גבאים ווי עס איז שוין ב"ה אויספארקויפט געווארן אלע זיצן פונעם ביהמ"ד, סיי אינעם היכל הביהמ"ד און סיי אין די עזרת נשים, און מ'גרייט זיך דאס אפצורעכטן מיט גרויס קדושה והתעוררות — בעת ווען אין די זעלבע צייט קוועלן די הערצער פון פרייד און הנאה מיטצוהאַלטן ווי האַרט דערנעבן בויעט זיך אויף דער תל תלפיות דאָס ביהמ"ד הגדול והנהדר, וואָס ווערט אַרויפגעצויגן אונטער אַן אומגעהויערער גאַלאָפּ, און מ'קוקט אַרויס אויפ'ן גדול יהי' כבוד הבית הזה לשם ולתפארת.

## פר' נצבים: ביהמ"ד החדש "בית יקותיאל" שכונת ויואל משה

דאָס פרוכטבאַר יאָר תשפ"ב האָט נאָכנישט באַוויזן איבערצומישן דאָס לעצטע בלעטל אירע, ווען קהל קרית יואל האָט עספּיעט נאָך אַריינצוריקן אינעם לעצטן שבת פונעם יאָר אַ "פתיחת שערים" פון אַ פרישן ביהמ"ד גדול ונהדר.

אָט דער פרישער ביהמ"ד, וואָס איבער איר ערעפענונג לייענט איר אין היינטיגן נומער, ווערט נאָך צוגעשריבן צום פארלאפענעם יאָר, עפענענדיג פריש פלאַץ פאַר'ן אָט־ניי אָנקומענדיגן יאָר — ת'הא ש'נת פ'ועל ג'בורות — צו צייגן אירע גבורות ונפלאות בעז"ה וואָס ס'קומט נאָך אַלץ צו גיין אין סאַטמאַר קרית יואל!

## עס איז שוין נישט קיין עתיד; ס'איז שוין, בחסד ה', דער הוה!

דער "מחיל אל חיל" אויסדרוק איז בלאָס קעגן אַזאַ ערשיינונג, קעגן אַזעלכע אַנטוויקלונגען, קעגן אַזאַ וואונדער־פאַרשריט, וואָס מ'טוט ב"ה בייוואוינען אין קרית יואל רבתי!

אַ שנעל־צוג פון הרחבת גבולי הקדושה, וואָס גאַלאָפּירט פון איין עק שטאָט צו דער אַנדערער, און איבעראַל מיט אזא קראפט, מיט אַזאַ שלימות, מיט אַזאַ כבוד הציבור, מיט אַזאַ כבוד ה', און ועל כולם מיט אַזאַ הצלחה נפלאה, וואָס הייבט אַרויס במלוא מובן המילה דעם "וכל אשר יעשה יצליח"!

ככלות תשפ"ב אַנערקענט יעדער אַז דער גאָלדענער 'עתיד' פון וועלכע מ'האָט אַזויפיל גערעדט איז שוין אַצינד אַ חלק פונעם פּרעכטיגן 'הוה' — מיר לעבן שוין אין דער גליקליכער "ואחריתך ישגה מאוד" תקופה, וואָס וועט מארשירן אלץ העכער, אלץ גרעסער, כל כלי יוצר עליך לא יוצלח זאת נחלת יראי ה'.

**ואחריתך ישגה מאוד — איז שוין אַ חלק פונעם הוה!**






goodpointmediainc@gmail.com



וצדקה
מעבירין
את רוע
הגזירה!
אנ"ש פאר אנ"ש
עס איז פאר אונזערע ידידים און קרובים, אנ"ש,
וואס תמיד זענען מיר זיך משמח בשמחתן,
יעצט ווילן מיר פיק מצטער זיין בצערתן,
און פארגרינגערן דאס צו זיין צום יו"ט!
איר קענט זיי
פארגרינגערן
דאס אריינטרעטן
אין יו"ט מיט
עטוואס הרחבה!
רופט אריין:
845.783.5688 #9


גייט צו
צום יום הדין
מיטן גרעסטן
זכות!
קופת
הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

שפרידלדיגע רעיונות מיט "האַרץ און געפיל" פון די מוסדות כלפי די טויזנטער עלטערן:

# ענטוזיאַסטישע באַגריסטונג און געשפּרעך פון קרית יואל איבער פרישע שעפערישע דורכברוך פון 'מוסדות קרית יואל' צו פארגרינגערן פאר הורי המוסדות מקיים צו זיין מנהג ישראל פון "כפרות שלאגן" פראקטיש און געניט

**נייע מאדעפעצירטע סיסטעם פון 'כפרות שלאגן' פאר אלע טויזנטער תלמידים ותלמידות בין כותלי המוסדות קלינגט אלס חידוש בעולם המוסדות אין גאַנץ ניו יאָרק; 'מוסדות קרית יואל' שטעלט זיך ווידעראמאל ארויס אלס מוסטער און וועגווייזער פאר אלע מוסדות ווען עס קומט צו פארוואנדלען און פארברייטערן אלטע-סערוויסעס מיט נייע-חידושים ווי קיינמאל פריער; באזונדערע חידושים ערווארטעט מיט אהערשטעלן כפרות 12 שעה אן אפשטעל 'צום גדלי" אויפן ריזיגן שטח המוסדות פאר פרויען און קינדער. און באזונדער 'ערב יוה"ק' צו סערווירן אלע תושבי העיר גאנצע 26 שעה ברציפות פון 7:00 ביינאכט פאר פרויען און קינדער ביז חצות הלילה, וואס וועט אנהאלטן ביז 9:30 אינדערפרי**

חידושים מיט די היזיגע קרית יואל'ער מוסדות גייט סינאנים. עס גייט נישט פארביי קיין עטליכע וואכן אן הערן עפעס א פרישע סערוויס, א נייע מהלך, און געניאלע חידוש אויפצוהייבן, פארבעסערן, מאדיפעצירן די אנגייענדע אקטיוויטעטן בתוככי המוסדות. אנהאלטן און פארבעסערן און דאס נעמען אויף א העכערע שטאפל. יעדער קוועלט יעדער אנערקענט וויאזוי די הייליגע מוסדות האבן אין גאר א קורצע צייט אפשניט פון בלויז געציילטע יאר זיך אזוי הערליך אנטוויקלט מיט אזא אומגעהויערע הצלחה וסייעתא דשמיא, סיי ברוחניות וואס דאס איז דאך דער עיקר העיקרים און אזוי אויך אויף יעדע גשמיות'דיגע אספעקט גייענדיג בלויז העכער.

אצינד קומט 'מוסדות קרית יואל' מיט א פרישע געדאנק, דאסמאל איז עס ארום די הייליגע מנהג ישראל פון 'כפרות שלאגן'. וואס וועט פולקאם איבערגעשריבן און באקומט א נייע דערהער. די פולקאם איבערגעארבעטע סיסטעם פון כפרות שלאגן טוט איבערשרייבן סיי די צייטן, די לאקאציעס. אזוי אויך נעמט דאס אריין דראסטישע פארבעסערונגען סיי פאר די טף ונשים וועלכע שלאגן אין די טעג פון עשרת ימי תשובה, און אזוי אויך קומט אריין חידושים אום ערב יום הקדוש ווען עס קומען די טויזנטער תושבי העיר מקיים זיין דעם מנהג ישראל אויפן ריזיגן שטח המוסדות ביי די בניני הת"ת.

די פארצווייגטע אפעראציע צוצושטעלן כפרות וואס ווערט יערליך אהערגעשטעלט דורך די מוסדות הק', נעמט אריין גאר אסאך פלאנירונג פון פאראויס כדי צו האבן צוגעשטעלט אין לויף פון די ערבי יום הכיפורים ווען עס גייט אן א מאסיווע פראדוקשען אהערצושטעלן גענוג כפרות דאס בעסטע און באקוועמסטע צו קענען מקיים זיין גרינג, פראקטיש און געלאסן.

# כפרות

## מיט חידושים

די הייליגע 'מוסדות קרית יואל' דינט אלס פיאנער און פארגייער, מען ווארט נישט אז אנדערע זאלן פאראויסגיין און אויסטרעטן דעם וועג. נאר מען גייט אלעמאל א איבריגע טריט, מען טרעט אויס און מען ארבעט אויף לאנגיעריגע סערוויסעס מיט נייע געדאנקען וואס טוט פיל מער בענעפעטירן און דאס מאדיפעצירן פאסיג אהערגעשטעלט צו קענען סערווירן די וואקסענדע ציבור בליעה"ר אויף יעדן היינזיכט.

די שטאט קרית יואל וואקסט כסדר עס קומען צו פרישע געגענטער, האט דעריבער די הנהלת המוסדות געזוכט מיטלען א פאסיגע מהלך צו קענען סערווירן יעדן געניט און רואיג. אן קיין דרוק און יאגעניש, און ב"ה איז א הנאה איינצומעלדן פאר די טויזנטער תושבי העיר איבער די נייע אונטערנעמונג וואס די הייליגע מוסדות טוען איינשטעלן מיט א בליציגע רעיון צו מאדיפעצירן און מקיים זיין דעם מנהג ישראל פון כפרות שלאגן בין כותלי המוסדות ווען די קינדער וועלן מקיים זיין דעם מנהג אין חדר און אין שולע דורך די חשוב'ע סטעף מיט געניטשאפט.

נעמענדיג אין באטראכט אז אזא געדאנק זאגט זיך לייכט, אבער דאס נעמט אריין א געוואלד פון צוגרייטונגען, זיך פארשטענדיגן מיט די עלטערן, אויסארבעטן א פאסיגע פעימינט סיסטעם, און פארשטייט זיך אנפירן מיט די פאקטישע פראצעדור פון כפרות שלאגן בקרב המוסדות איז א מאסיווע אונטערנעמונג.

און דעריבער האט די מוסדות - מיט איר גאלדענע רעפוטאציע פון ארדענונג און סדר - אויסגעארבעט א דעטאלירטע פארום, אלעס הערליך שיין מסודר, פראפעסיאנאל, קלאר און פארשטענדליך, אז יעדע משפחה זאל קענען מאכן די אייגענע חשבונות און אין געציילטע מינוט'ן אלעס קענען פארשטיין און ארויסהאבן.

די פארום קומט מיט א אויסוואל פאר יעדע משפחה אויסצופילן די פונקטליכע נעמען פון אלע קינדער. גאר א שטארקע דגוש איז געווען געלייגט אז אלעס זאל ווערן געפיטערט אין זעלבן דאטא סיסטעם, אזוי ארום אז יעדע משפחה האט בלויז געברויכט צוריקשיקן איין פארום פאר אלע קינדער אינאיינעם, וואס טוט פיל פארלייכטערן סיי כלפי די טויזנטער הורי המוסדות און סיי כלפי די סיסטעם פון כפרות שלאגן אז עס זאל גיין שנעל און גרינג צו די צופרידנהייט פון די עלטערן.



ווירקליך האט די ניי געמאלדענע פראקטישע חידושים פונעם מנהג ישראל אויף קומענדיגן עשי"ת הבעל"ט געהאט גאר א שטארקן אפקלאנג ווען עס האט תיכף אנגעהויבן פליסן מעסעדזשעס און מען האט צוריקגעהערט פון פילע תושבי העיר הורי המוסדות מיט קינדער געבענטשטע משפחות וועלכע באוואונדערן

דעם הערליכן נאבעלן סיסטעם ווען אנשטאט דארפן זיך אראפשלעפן מיט די קינדער פון קליין ביז גרויס וואס קומט אן גאר שווער אפילו א געווענליכע טאג איבערהויפט אין די פארנומענע ערב יו"ט טעג ווען יעדער איז טרוד איז גאר שווער ארויסצוגיין פון שטוב אין די שעות. אפגערעדט פון די אומגלויבליכע פארלייכטערונג אנשטאט צו שטיין אין די היצן און זיך פארשטענדיגן מיט א קינד אדער שטאב ביים טישל מיט די אויסוואל פון וויפיל כפרות איז דאס א טריט אוועק 'מיט אביסל טינט פונעם פעדער' און די כפרות שלאגן איז מסודר עצהיו"ט אויפן שענסטן הידור.

דער חידוש פאר זיך, צו טראנספארמירן די מנהג פון כפרות שלאגן זאל מסודר ווערן בתוככי המוסדות, איז כדאי לעצמה און ברענגט א נייע באדייט מיט פיל בענעפיטן פאר אלע זייטן, סיי מצד די מוסדות צו פארזיכערן גענוג פאר אזויפיל טויזנטער קינדער בליעה"ר, מיטן האבן פון פאראויס באשטעלט די פונקטליכע צאל וויפיל מען דארף באשטעלן און נישט בלייבן מיט א דעפעציט אין עופות ווי עס האט זיך געקענט מאכן אין די פארגאנגענהייט ווען מען האט נישט געוואוסט פון פאראויס אפצושאצן די גרויסע פארלאנג. און אפגערעדט פאר די טייערע חשוב'ע עלטערן וואס טוט ממש אריינברענגן א נייע משמעות וואס איז א אויסערגעווענליכע הילף אין שטוב פאר די טייערע מאמעס וואס קענען אויסנוצן די פארנומענע צייטן און בלייבן אין שטוב.

באזונדער האט מען צוריקגעהערט א שטארקע נקודה פון פילע עלטערן וועלכע האבן זיך באדאנקט פאר די נייע סערוויס געבנדיג א געלעגנהייט פאר די חשוב'ע עלטערן ווען בשעת'ן מקיים זיין דעם מנהג ישראל טוט מען גלייכצייטיג מקיים זיין מצות צדקה צו שטיצן די אייגענע קינדער, מיטן 'כפרות שלאגן' דורך די מוסדות הק' וואס איז א שטארקע הכנסה אויסצוהאלטן די הייליגע אימפעריע מיט אירע טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר כ"י.

אבער מען איז נישט געבליבן ביי דעם. אין צוגאב האט מען פולקאם פארבעסערט און איינגעשטעלט פילע רעפארמירונגען אין די סקעדזשעל'ס מיט נייע פראקטישע צייטן צוגעשטעלט מיט א רחבות און שפע אויפן ריזיגן שטח המוסדות אונטער די בניני הת"ת. צוטיילט אין צווי באזונדערע צייטן. אנגעהויבן פון "מיטוואך צום גדלי" האט מען איינגעשטעלט א סדר ווי מען וועט קענען שלאגן כפרות 12 שעה אן אפשטעל, מיט א ריזיגע אינוועטארי פון טויזנטער עופות אויפן פלאץ. גענוג און נאך פאר אלע וועלכע האבן די קינדער אין אנדערע מוסדות אדער וועלכע זענען נישט אנגעקומען צוריקצושיקן די 'פארום'ס' מיט די קינדער צו קענען שלאגן כפרות בקרב המוסדות.

און גאר באזונדער ווערט באגריסט די נייע איינשטעל פון כפרות שלאגן 26 ברציפות פון מאנטאג נאכט 7:00 ערב יוה"ק אויפן ריזיגן שטח המוסדות וואו מען וועט קענען ברענגן די קינדער, די בני בית צו שלאגן כפרות ביז חצות הלילה. און אזוי וועט די גאנצער נאכט פיבערן מיט טרעילארס פון טויזנטער עופות וואס וועט געשלאגן ווערן צו די פולסטע באקוועמליכקייט פון אלע תושבי העיר יעדער לויט זייער בעסטע צייט און סקעדזשעל. און פון 4:30 באשמורת הבוקר וועלן זיין אויפן פלאץ א רייע שוחטים ובודקים צו שחט'ן און דורכפירן דעם גאנצן פראדצעדור פון מנהג ישראל כמקדמת דנא מיט א גאנצע מאסיווע אפעראציע צו פראצעסירן די טויזנטער עופות דורכאויס אלע שטאפלען כדת וכהלכה. אונטערן פיקוח פון משגיחים בהוראת והשגחת הגה"צ הדומ"ץ שליט"א וועלכע וועלן שטיין אויפן גאנצן פראדוקציע וואס וועט אנהאלטן ביז 9:30 אינדערפרי ערב יום הקדוש לתועלת אלפי תושבי העיר.

די מוסדות האט דאס יאר געלאזט באשטעלן פון פאראויס עופות בהרחבה גדולה צו קענען סערווירן יעדן תושב העיר אין די שעות פון ערב יום הקדוש צו פארזיכערן אז מען קען מקיים זיין דעם מנהג ישראל סיי פאר זיך און סיי פאר די קינדער רואיג און געלאסן, אן קיין דרוק און יאגעניש, מיט געמיטליכע סערוויס מיטן גרעסטן מאס רואיגקייט אין די פארנומענע ערב יו"ט טעג. און מען קוקט ארויס מיט סייעתא דשמיא אז מען זאל טאקע קענען יעדן צופרידנשטעלן ביתר שאת און מען זאל ווערן פארשריבן בספרן של צדיקים מיט א גאנצע כפרה און א זיס לעכטיג יאר פארן גאנצן כלל ישראל.

די עיר רבתי עם קרית יואל, מיט אירע טויזנטער איינוואוינער, די אלפי ההורים, די אלפי התומכים, און אלפי תושבי העיר קענען זיך נישט גענוג איבערקומען פון הנאה, זעענדיג באַשיינפערליכע "הרמת קרן המוסדות"!

מ'זעט און מ'שפירט, דאָס וואָס מ'ווייסט און מ'הערט, אַז די מוסדות ווערן געפירט מיט "קאָפּ און האַרץ", מ'טראַכט, מ'איז נושא בעול, מ'זיצט און מ'קלערט, מ'שטייט און מ'אַרבעט, וויאַזוי מ'קען הייבן, העכערן, פארשטערקערן, למען המוסדות, למען התלמידים והתלמידות, למען המלמדים והכלי קודש, און למען הציבור, למען אלפי היראים והחרדים לדבר ה', וואָס קוקן אַרויס אויפ'ן הצלחת וקיום המוסדות הק'.

נישטאָ וואָס צו רעדן אַז די דורכברוכן קענען בלויז צושטאנד קומען מיט פאַראייניגטע כוחות, ווען דער ציבור איז דאָ, די הנהלת המוסדות איז דאָ, אלעס כאיש אחד ובלב אחד, דעמאָלט קען מען באַוויזן אדורכצופירן אזוינע דורכברוכן, וואס זענען נישט בלויז אַ חידוש אין די מוסדות, נישט בלויז א חידוש אין קרית יואל, נאָר אין דער גאַנצער וועלט! מוסדות סאטמאר קרית יואל זענען פארוואנדעלט געוואָרן אין די "וועג-ווייזער", עס שטעלט דעם טאָן פאַר'ן עולם המוסדות, וויאַזוי מ'לייגט האַרץ און מח און מחשבה צו הייבן און צופרידנצושטעלן די עלטערן, און מיט פאַראייניגטע כוחות וועט מען אי"ה ווייטער קענען פאָרזעצן, להגדיל המוסדות ולהאדירם.



## בכל עת ובכל זמן:

# ק"ק קרית יואל געדרוקט און ארויסגעשיקט וויכטיגע 'לוח הקהלה' פון אלע סערוויסעס, בתי מדרשים און זמני בית הוראה דק"ק קרית יואל לקראת די בעפארשטייענדע ימים נוראים הבעל"ט; ערווארטעט אנצוקומען מארגן פרייטאג צו אלפי תושבי קרית יואל

יעדע סארט רוחניות'דיגע ווי גשמיות'דיגע סערוויס פאר די טויזנטער תושבי העיר שטעלט זיך נישט אפ פאר גארנישט און אצינד נאכן אויסשטעלן אזעלכע הערליכע ימים טובים מיט אלע זמנים פאר יעדע קהל'ישע ביהמ"ד און סערוויס באזונדער, האט מען אצינד דאס גענומען און דאס זעלבסט פארוואנדעלט אין א פרישע סערוויס מיטן פובליצירן א פראקטישע לוח הזמנים וואס איז צוזאמגענומען אלע זמנים לפונדק אחד דאס צו האבן צו דער האנט בכל זמן ובכל עת ובכל שעה.

דער לוח אנטהאלט דעטאלירטע זמנים פון אלע תפילות פון ראש השנה און יום הקדוש און אלע קהל'ישע בתי מדרשים וואס איז א געוואלדיגע תועלת און הילף פאר די טויזנטער אנ"ש צו וויסן און מיטהאלטן די פונקטליכע זמנים פון די תפילות אין אלע 11 בתי מדרשים אויסגעשפרייט אין אלע געגענטער.

באזונדער קומט דער לוח אויסשטאפירט מיט די זמנים דיוקים פון תקיעת שופר לנשים לענגאויס די שטאט, כדי די נשים צדקניות פון יעדע געגענט זאלן וויסן די פונקטליכע צייט ווען מען קען הערן שופר בלאזן וואס איז א חיוב אויף יעדן.




איינס פון די פרעכטיגע סערוויסעס פון ק"ק קרית יואל וואס ווערט שוין היינט נאכקאפירט דורך פילע אנדערע קהלות איז דאס האבן א אייגענע אתרוגים מארק אויפגעשטעלט מיט דאס שענסטע און בעסטע סחורה, איז אויך דאס איינס פון די שטארקע נאכגעקוקטע זמנים. און דאס ערשיינט טאקע אלס איינס פון די פילע פראקטישע זמנים אויפן לוח הקהלה.

אין די לוח האט מען געלאזט דרוקן אינעם לוח די זמנים פון כפרות שלאגן וואס ווערט צוגעשטעלט דורך די מוסדות הק' פאר די תועלת פון אנ"ש און זייערע שטובער וואס נוצן אויס די מנהג ישראל צו קויפן כפרות און דערמיט שטיצן די מוסדות מיט אירע טויזנטער תלמידים ותלמידות בליעה"ר כ"י.

שטייענדיג בעפאר די ערבי ימים טובים ווען די טעג איז מען טרוד זיך איינצוהאנדלען די ד' מינים איז ארויסגעשטעלט געווארן די זמנים פונעם 'בית הוראה קרית יואל' מיט אלע זמני ההוראה צו קענען אנפרעגן לשאול את דבר ה' הרבנים הגאונים דייני קרית יואל שליט"א ווי די טויזנטער תושבי העיר שלענגלען זיך דורךביים צענטראלן בית הוראה אויף 6 גארפיעלד ראוד און בבתי הדיינים שליט"א צו ווייזן די פרעכטיגע פרי עץ מהודרים און כפות תמרים פאר די דיינים הגאוה"צ שליט"א צו ערהאלטן זייער הוראה כדת וכדין.

---

## במוצאי שביעית בן דוד בא:

# טויזנטער 'שטרי פרוזבול' המהודרים ארויסגעשיקט געווארן צו די היימען פון תושבי העיר דורכ'ן 'בית הוראה דקרית יואל'

### שטר פרוזבול אביערגעקוקט עס זאל זיין כדין וכהלכה דורך פון הרבנים הגאונים הדיינים שליט"א מיטן סמכות פון הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א

שטייענדיג אין סוף פונעם שמיטה יאר ווען עס איז חל די הלכות פון שמיטת כספים, און ווי איינגעפירט טוט מען מסדר זיין א שטר פרוזבול ביי א בית דין פון ג' אנשים, און עס ווערט אויסגעטיילט און פארשפרייט פארשידענע שטרות פרוזבול אויף פארשידענע אייגענארטיגע נוסחאות און אופנים. דעריבער האט די 'בית הוראה' אונטערן פיקוח פון די חשוב'ע דיינים שליט"א ובראשם הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א וועלכע האבן צוגעזען די פעלערהאפטיגקייט פון אסאך פון די סארט גאנגאבארע שטרות, געלאזט שרייבן א אויסגעהאלטענע שטר פרוזבול מיט אלע הידורים כדת וכדין, לויטן נוסח פון מרן רביה"ק זי"ע.

און דער ספעציעלער נייע אויפלאגע פון די 'שטר פרוזבול' איז ערווארטעט אנצוקומען צו די טויזנטער היימען פון תושבי קרית יואל רבתי, אין צייט נאך בעפאר ערב ראש השנה, יעדער זאל דאס האבן צו די האנט אין די ריכטיגע מינוט, ווען



מדארף דאס אויספילן ע"פ הלכה.

די אויסגעארבעטע 'שטר פרוזבול המהודר' וועט באזונדער זיין צו באקומען ביים צענטראלן לשכת ההוראה פאר אלע נייע תושבים וואס זענען נאכנישט מסודר אויף די פאסט מיט די נייע אדרעסן און גאסן. צו געבן יעדן א געלעגנהייט זיך צו פארזיכערן מיט א פרוזבול.

תושבי קרית יואל קוקן זיך צו מיט התפעלות אויף די אנגייענדע אומאפשטעלבארע פעולות כבירות חובקות זרועות עולם פון די בית הוראה דקרית יואל און פארן צענטראלן קהלה וואס קאארדענירט די פילצאליגע פראיעקטן אויף יעדע רוחניות'דיגע געביט. און די חברי הקהלה און תושבי העיר זענען שטארק דאנקבאר באותות הכרת הטוב פאר די אלע פארמערטע פעולות להעמיד הדת על תילה.

# הגה"צ פרע"ח רבי משה חיים לאבין שליט"א נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א חדב"ן הגה"צ מורינו שליט"א וועט ווײלן אויף די ימי הרחמים והרצון בקרב בית המדרש בית כהנא דקיט"ל שכונת חברון ראווגע

קרית יואל. לקראת די ימי הרחמים והרצון איז געמאלדן געווארן מטעם די הנהלת בית המדרש בית כהנא דקהל יטב לב אז עס וועט ווײלן אויף יו"ט ראש השנה און יום הקדוש דער געהויבענער גאסט הגה"צ פרע"ח רבי משה חיים לאבין שליט"א חדב"ן הגה"צ מורינו שליט"א נכד כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

דער חשובער גאסט הגה"צ שליט"א וועט פארדאווענען תפילת המוספין במשך די הייליגע טעג און זאגן די תקיעת שופר און כל נדרי דרשות און דינען אלס בעל תוקע בהיכל מנחם זאב בביהמ"ד בית כהנא.

במשך די לעצטערע טעג און וואכן האט דער געטרייער משמש מוה"ר ברוך אברהם טעסלער הי"ו געזיצן אין ביהמ"ד צו פארקויפן די זיצן פאר די ציבור מתפללי הביהמ"ד, ווען דער מאפע פונעם היכל הביהמ"ד איז געווארן אויסגעשטעלט אויפ'ן מאקסימאלסטע פארנעם ווי דער ציבור בעלי בתים ואברכים האבן זיך איינגעהאנדעלט זיצן בקרב הביהמ"ד, צו קענען מיטהאלטן די לעכטיגע תפילות בצילו פונעם חשוב'ען גאסט הגה"צ שליט"א צו ווערען די מתפללים זענעם מקושר בלו"נ.

ספעציעל איז ערווארטעט א ריזיגער ציבור דעם קומענדיגן זונטאג פארטאג'ס אום ערב ראש השנה מיטצוהאלטן די סליחות "זכור ברית" וועלכע וועט פארגעזאגט ווערן מיט גרויס התעוררות דורך הגה"צ שליט"א.

לשמוע אל הרנה ואל התפילה




חקוק על לוח לביך:

## קהל'ישע מאגנעט 'לוח השנה' ארויסגעשיקט צו די העכער 'דריי טויזנט' אדרעסן חברי ק"ק קרית יואל

צוריקהערנדיג די גאר שטארקע גריסן אויף די פאריעריגע ערשיינונג פון 'לוח השנה' וואס האט באשיינט די טויזנטער הייזער אין שטאט און סימבאלאזירט דאס 'מעגל השנה' בקרב הקהלה ווען בכל זמן וזמן האט מען פאר די אויגן די 'לוח השנה' מיט די פילע אקטיוויטעטן, פראיעקטן פון די קהלה וואס איז דא צו יעדע צייט אין יאר. און איז געווען גאר נוצבאר די לוח אויף א מאגנעט איר צו פלאצירן נאנט צו די האנט צו וויסן און זען די זמני השנה, שבת, יו"ט, זמן תפלה וקריאת שמע וכו'.

באזונדער איז די מאגנעטישע לוח געקומען אויסגעשטאט מיט די פילע נומערן פון אלע אפטיילונגען פון די ק"ק סערוויסעס. וואס רעכנט אריין בראש וראשנה די בית הוראה וואס פסק'נט שאלות 24 שעה א טאג און איז דער אבן שואבת און אורים ותומים לכל דורש ומבקש אויף א זעלטענעם פארנעם. די נומערן פון די צענטראלע קהל'ישע אפיסעס, די גמ"ח ויואל משה און גמ"ח בעידן חדוותא וועלכע זענען בארימט און ווערט גאר שטארק באנוצט דורך די טויזנטער תושבי העיר בזמן חדוה ושמחה. אויך די נומערן פון די שמשים פון אלע קהל'ישע בתי מדרשים, די חתונה זאלן און קלענערע שמחה זאלן. מקוואות טהרה.. ועוד ועוד.

איז דעריבער נאך די געוואלדיגע אפקלאנג האט די קהלה דאס יאר פון פריש געלאזט אפדרוקן און פארשפרייטן צו די 'העכער דריי טויזנט' חברי ק"ק קרית יואל די פראקטישע נוצבארע און גאנגבארע לוח השנה מאגנעטן און דאס צושיקט איבער די גאנצע שטאט לארכה ולרחבה וואס וועט שטיין ווידעראמאל צו די האנט מיט די פונקטליכע זמנים לכל אורך השנה.

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

זמני מניני מעריב
· בביהמ"ד הגדול ·

בכל 10 מינוט מזמן מעריב עד שעה 11:00
בחדרי התפלה למטה

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 10:40 | 11:00 | 11:15 | 11:30 | 11:45 | 12:00 |

היכל בית המדרש הגדול

קהל יטב לב סאטמאר

קרית יואל וואכנשריפט


וְתֶאֱסוֹף
גָּלֻיּוֹתֵינוּ
לְחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ
מודעה לאנשי שלומינו
די בכל אתר ואתר
לקראת זמן שמחתינו
מקרא קודש
בצל הקודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א
אין צוגרייטונג צום זמן שמחתינו
הבעל"ט ווערט אריינגעלייגט גרויסע
כוחות דורכ'ן וועד האש"ל צו קענען
אהערשטעלן
אכסניות
פאר אלפי אנשי שלומינו
די בכל אתר ואתר
המתאספים ובאים מכל מקומות מושבותיהם
להסתופף בצל הקודש
אויף די געהויבענע
צווייטע טעג יו"ט
שמיני עצרת שמחת תורה,
בחצרות קדשינו
אויב זוכט איר א דירה
אויף צווייטע טעג
ווענדט אייך צו העסקן
מוה"ר נפתלי הירצקא
בראווער הי"ו
718.874.4017
וויכטיגע
בקשה
אנ"ש תושבי וויליאמסבורג
בקשתינו שטוחה לפניכם!
• אויב קענט איר פאַרדינגען אַ דירה;
• אַרויסגעבן אַ בעיסמענט
• אָדער איר האָט פּלאַץ אַריינצונעמען געסט "בלויז צום שלאָפן"
ביטע ווענדט זיך צום
אויבנדערמאַנטן נומער
ויהא חלקיכם בין מזכי הרבים גדולה הכנסת
אורחים יותר מקבלת פני השכינה!
פּרטים בנוגע די סעודות יו"ט וכדו' וואָס
וועט אי"ה צוגעשטעלט ווערן בהרחבה
גדולה לכל האורחים הנכבדים ווערן
נאָכפּאָלגן אי"ה אין די נאָענטע טעג
בברכת יהא בואכם לברכה,
וגמר חתימה טובה ושנת גאולה וישועה.
הנהלת הקהלה
בצל
תומר
מועדים לשמחה חגים וזמנים
בצלא קדישא עלאה
של איתן אדונינו הוד
כ"ק מרן רבינו
עט"ר שליט"א
וְתֶאֱסוֹף גָּלֻיּוֹתֵנוּ לְחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ
שע"י קהל יטב לב דסאטמאר


בס"ד
העכער,
העכער,
העכער,
געשטיגן, געוואקסן,
העכער אלע
ערווארטונגען.
Pentagon | 718.400.9035
Legadail
לגדל, א יאר פון שטייגן,
א יאר ווי יעדע תלמיד איז באגלייט געווארן צו העכערע שטאפלן,
א יאר פון דערגרייכונגען העכער אלע ערווארטונגען.
א נייע יאר, א נייע זמן, נייע צילן און דעגרייכונגען בעזרת השם יתברך.
א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.
845.600.1331
info@legadail.org
SERVICING HCBS:
MONROE • MONSEY
WILLIAMSBURG • BOROUGH PARK



ארבעה מינים
סוכות תשפ"ג

יאנעווע מאראקא
דערי לולבים

פלאהר מארקעט

# קרן ויואל משה

צווייטע שטאק

**55 Forest Rd.**

אנגעהויבן פון צום גדלי'

שעות
טעגליך: פון 2:00 מיטאג ביז 11:45 ביינאכט
ערב שבויו"ט: פון 10:30 ביז 1 מיטאג
מוצאי שב"ק ויו"ט: פון 2 שעה נאכן זמן

מיר ווארטן אייך צו סערווירן:

**שמואל נתן גרינפעלד**
845-662-5178

**פנחס** בראה"ל **בראך**
845-325-4045

הרחבה'דיגע צענטערן

אריין און ארויס

ריזיגע אויסוואל

קלארע פרייזן

העפליכע סערוויס

אתרוג אינשורענס!

דיין אויפ'ן פלאץ

845.779.0745

קרית יואל · וויליאמסבורג · בארא פארק · מאנסי · לעיקוואוד

אֵין שִׁיעוּר רַק ״תּוֹרָתִי״ הַזֹּאת

# קרית יואל רבתי שפּאַנט צום "כולל אַפּיעל" מיט פייערדיגע אָנשלוס אינעם "תקופת העולים" פאַר די 500 לומדי העיר

בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן:

## זעלטענע "מכתב קודש" פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א מיט אויסנאַמליכע קריאה דחופה צום "תקופת העולים" צינדט אָן פלאַמעדיגע "תורתי" רעקרוטירונג ביי כל קהלה קדישא הדין

**קרית יואל - מיט התלהבות'דיגע הערצער און געשפאנטע ארויסקוק רישן זיך טויזנטער תושבי עיר התורה והחסד, קרית יואל רבתי יצ"ו, צום יערליכן גרויסארטיגן "ראש השנה אפיעל", לויט'ן דירעקטן באפעל און הוראה פון מרן רבינו הקוה"ט זיע"א, וועלכער האט באשטימט די פארכטיגסטע מאמענטן פון יאר, ר"ה פאר תקיעת שופר, לעורר לבבות ישראל פאר די לומדי תורה.**

כולל סאטמאר קרית יואל - עול"ה על כולנה

עס איז שוין היינט ברייט בארימט די הערליכע סצענעס וואס שפילן זיך אפ מידי יום ביומו צווישן די כולל ווענט, וואו די 500 לומדים מופלגים זענען זיך מייגע בכל מקצועות התורה. דאס ערהאבענע בילד וואס נעמט איבער יעדן וואס שפרייזט נאר אריין אין היכל כולל סיי וועלכע שעות אין טאג, איז עפעס וואס נעמט איבער דעם מענטש, עס שטעלט אפ דעם מח, און עס לאזט זיך נישט גלייבן אז עס עקזיסטירט נאך אזא געהויבענע מציאות אינעם היינטיגן דור.

די שמחת התורה אין שטאט איז באזונדער גרויס די איצטיגע תקופה, אינערהאלב די וואונדערליכע התעלות נשגבות דורכאויס די פילע ראמען פון די פופצן פרעכטיגע חבורות אינעם כולל, מיט פילע סיומים אויף מקצועות אדירות ומופלגות, וואס ווערט פארענדיגט די יעצטיגע טעג, לעת תקופת השנה, ווען מ'גרייט זיך צו שליסן דעם העכסט מוצלח'דיגן שנת הלימודים תשפ"ב.

די קייט סיומים און השלמות מקצועות, טוט סימבאליזירן אן עילאה'דיגע דערגרייכונג פון "יגעת ומצאת תאמין", ווען נאך א פלייסיגע התמדה דורך די אריות שבחבורה, די הונדערטער יושבי אהל, וואס אין להם בעולמם כלום, סיידן די ד' אמות של הלכה, זענען זיי זוכה צו "ברנה יקצורו", שניידן די פרוכטבארע פירות פון זייער שווערע הארעוואניע, און תיכף גיין מחיל אל חיל, זיך אריינלאזנדיג אין פרישע מקצועות נרחבות, שטייגנדיג אינעם סולם ההוראה, צו באווייכערן דעם כח הרוחני בקרב קהלתינו ומוסדותינו הק' מיט די מוכשר'דיגע כלים מפוארים, מורה הוראה און מרביצי תורה און אלע כלי קודש וואס פארלאנגט זיך אין פארגלייך צום בליענדן וואוקס בליעה"ר.

### כולן שוין ל'תורתי'

די וואונדערבארע הרמת קרן התורה, קומט צושטאנד אין רעזולטאט פון די נאכאנאנדע העכערונגען וואס ווערט יעדע פרישע ווייל פראקלאמירט און תיכף דערויף אריין אין שוואונג, וואס דערהייבט און שענקט די ריכטיגע הרחבת הדעת פאר די לומדים, צו קענען ווייטער וואקסן און שטייגן על במתי הוראה, און אויסשטייגן לפרי תפארה.

כדי דאס זאל קענען פאסירן, האנדלט מען ב"ה פון א ציבור נכבד עד למאוד, אן עדה קדושה וואס איז התלהבות'דיג דא פאר די מגיני העיר, די הונדערטער לומדים וואס באשיצן די שטאט מיט זייער כח התורה, און זענען משפיע זכותים והשפעות פאר אלע מחזיקים.

אינעם הויכפונקט פון די הרמות'דיגע באגריפן פון החזקת התורה, ווערט אצינד אפגעצייכנט א פולע יאר זינט די "תורתי" רעוואלוציע איז אריין אין קראפט, א מינימאלע וועכנטליכע סומע פון 23$ שענקט שטענדיגע זכות אינעם עסק התורה פון א כולל יונגערמאן, באזירט אויף די הלכה קבועה אין שו"ע, אז דער ארבייטער וואס קען נישט לערנען א גאנצן טאג, אבער מיט דעם וואס ער העלפט א צווייטן איד לערנען, איז "כאילו לומד בעצמו".

די אנשליסונג אינעם 'תורתי' פראיעקט, האט אויפגעטריבן אן אייפערדיגע מאמענטום באלד פון אנהויב, אפצייכענענדיג אן אומגלויבליכע סוקסעספולקייט צווישן אלע שיכטן פונעם ציבור החשוב. דאס האט פארמירט א ברילִיאנטענע באזע פון "תורתי שותפים" וואס שטיצן מיט א ברייט האנט די הונדערטער לומדי תורה אין אונזער שטאט, פינאנצירן די מעכטיגע תורה אימפעריע וואס שלייפט אויס תלמידי חכמים מופלגים, מורי הוראה מובהקים און אלע סארט כלי קודש ומזכי הרבים וואס איז נאר דא צו געפינען.

### יעדער קויפט א 'ראש השנה עלי-ה'

מחיל אל חיל, איז נארוואס פראקלאמירט געווארן די גראנדיעזע "תקופת העולים", וואס צילט צוויי־פאכיג, הן דאס אנשלוסן פרישע "תורתי" שותפים, דורכ'ן ענדיגן די גרויסע ארבעט פון אנקומען צום גאנצן ציבור בליעה"ר, און זיכער מאכן אז יעדער קריגט די פריוועליגיע און זכות עצום וואס א "תורתי" שותף באדייט, און הן די גרויסע אונטערנעמונג פון "העכערן" די זכות תורתי, צו 31$ לשבוע.

### קרית יואל'ס י"ב אבני החושן...

# שמחת יו"ט: ר"ה אַפּיעל אין "12" בתי מדרשים נהדרים דקהל יטב לב

## סימבאָליזירט היסטאָרישע הגברת כח הקדושה בעיר קרית יואל רבתי

ב"ית י"עקב לכו ונלכה! אין צוזאמענהאנג מיט'ן גרויסארטיגן "כולל אפיעל" וואס ווערט אפגעראכטן בעיצומו של יום הדין, ווערט פארנאטירט א היסטארישע דערגרייכונג לקראת דעם היי־יעריגן אפיעל דשנת תשפ"ג, ווען אזא אומגלויבליכער מספר פון "12" בתי מדרשים, פרעכטיגע מבצרים מפוארים לתורה ולתפלה, דקהלתינו הק' קהל יטב לב קרית יואל, וועלן אפרעכטן דעם אפיעל אין די הייליגסטע מאמענטן פון יאר.

עס רייבט זיך די אויגן פאר וואונדער, און עס קלינגט נאך אלץ אן אומגלויבליכע געשעניש, אבער ס'איז פארט א פריידיגע מציאות וואס ברענגט טרערן פאר שמחה ורגש, ווען מ'האלט ב"ה ביי אזא וואונדערליכע אפצייכענונג, מיט'ן פערמאנענטן בסיס'דיגן אוועקשטעל פון אזא מורא'דיגן ציפער ווי י"ב בתי חיינו, נישט בלויז א רוחניות'דיגע דאך איבער'ן קאפ, נארווירקליך גיגאנטישע הערליכע קרני אורה, שפיגלדיגע מלכות'דיגע בנינים און היכלים, באזארגט מיט אלע צרכי תורה ותפלה, וטהרה, אויפ'ן שענסטן און פראקטישסטן אופן, אין אלע געביטן פון 'לא יחסר המזג'.

דאס קומט נאך א ווענדפונקטפולע שנת אורה בתוככי עיר העוז לנו קרית יואל רבתי, מיט אירע טויזנטער אנ"ש היקרים, וואס האבן די זכי' צו געהערן צו אונזער הייליגע קהלה, תחת דגלו והדרכתו פונעם רועה נאמן לעדת ישורון, כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, וועלכער איז עומד בראש פון די עדה הקדושה, מיט אזא געוואלדיגע סיעתא דשמיא אויף טריט און שריט, לנהל עדת ה' מי מנה, אויף די אריגינעלע אומבויגזאמע יסודות איתנים, די לויטערע הייליגע תורת אמת וואס מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע האט אונז מנחיל געווען למורשה.

די אומנאטירליכע הגבהת קרנינו למעלה וואס האט זיך אפגעשפילט דורכאויס שנת תשפ"ב, ווי א דירעקטער המשך פונעם הרחבת גבולי הקדושה אין די אלע יארן פריער, ווערט אבזערווירט מיט געהייטערטע עקסטאז, ווען יעדע פרישע ווילע ווערט אנאנסירט א נייער ביהמ"ד, א פרישער פנת יקרת, נאך א רוחניות'דיגער צענטער, און באלד דערויף איז די קאנסטרוקציע אין העפטיגע שוואונג, ווען נישט לאנג שפעטער האלט מען ביי א פרישע חנוכת הבית, במלוא הוד והדר - אינעם גאלאפירנדער שפאן פון "תרוממנה קרנות צדיק", צו ערמעגליכן דעם גאנצן ציבור, אנ"ש, זקנים עם נערים, צו דינען השי"ת בתורה ותפלה און אלע צרכי הנשמה, באהבה ואחוה צווישן אחים לדעה, מיט א פאראייניגטע קלאמערונג אין די הייליגע דרכים און יסודות וואס רביה"ק זי"ע האט אוועקגעשטעלט.

ספעציעל איז פריידיג דער פאקט, ווען אלע בתי מדרשים, חדשים וגם ישנים, ווערן געפירט אונטער די געהויבענע השפעה פון די אויסגערופענע דיינים ומורי צדק לעדתינו, סינאנים מיט אלע כוחות השפעה אין די בתי מדרשים, ווי מגידי שיעורים און כלי קודש אין אלע סארטן עבודת ושירות את הציבור, וואס זענען משפיע מאורם וזיום, כולם ראשי בני ישראל המה, פירות מפוארים פון אונזער הייליגן "כולל סאטמאר קרית יואל", וואו זיי זענען אויסגעשטיגן מיט אזעלכע מופלא'דיגע השלמות.

דאס פאר זיך טרייבט אויף א שמחה עילאה, ווי געהויבן און מוצלח'דיג די רוחניות'דיגע השפעות גרייכן צו יעדן לומד ומתפלל, דורכ'ן דירעקטן צינור פונעם עמוד התורה, דער מגדל עוז לתורה והוראה, וואס פארשיינט קרית יואל רבתי מיט אזעלכע ווייטגרייכנדע כוחות.

אצינד, ווען מ'גרייט זיך צום "ראש השנה אפיעל", וועט דער נומער "צוועלף בתי מדרשים" שפילן א באזונדערע דערהויבענע ראלע אין דערהייבן די נדבות הציבור, נאנטער ברענגען צו סוקסעס די צויבערהאפטיגע "תקופת העולים", אונטער וואס אנ"ש שליסן זיך אן מיט א געמיינזאמע העכערונג אינעם זכות "תורתי", אין אן עפאכע ווען די געניסונג פון קרית יואל'ס תורה אימפעריע ווערט דעמאנסטרירט בגאון ועוז מיט אזא קריסטאלענע פראכט בכל מקום ומקום אשר דבר המלך מגיע, איבערהאלב די פראכטפולע אכסניאות של תורה ותפלה בקרב עם סגולה.

**אֵין זֶ"ה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים!**

טאקע דאס איז דער שיג ושיח פונעם היי־יעריגן "כולל אפיעל", אז נאך די היסטארישע דערגרייכונג וואס מען איז בסייעתא דשמיא אנגעקומען אינעם פארגאנגענעם יאר, צו העכערן די תמיכות פאר די 500 לומדים אונטער א סעריע באדייטפולע העכערונגען, וואס האט דראסטיש ארויפגעשאסן דעם יערליכן בודזשעט צו אומדערהייבליכע השגות, זאל מען ווייטער קענען מצליח זיין מיט'ן צאלן די צייטליכע געהעכערטע תמיכות, כאשר היה באמנה די לעצטערע יארן ב"ה, און נאך קענען צולייגן פרישע הוספות אין די תמיכות, דורכדעם וואס דער ציבור התומכים וועט זיך אנשליסן מיט א געמיינזאמע העכערונג דורכאויס די "תקופת העולים".

אלע פארשטייען די געוואלדיגע זכותים און אחריות וואס ליגט אויף אונז צו מחזק זיין דער מקום תורה וואס איז דער שטאלץ און פראכט פון דער קהילה, און יעדער יחיד מאנ"ש איז זיך משתתף מיט לכה"פ א זכות "תורתי", מיט'ן א קביעות'דיגע נדבה פון 31$ לשבוע, און דערמיט האבן די זכי' צו פאררעכנט ווערן ווי "כאילו לומד בעצמו", ווי גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך.

זעלטענע מכתב קודש

דער דרינגענדער באדייט פונעם "תקופת העולים", שיינט העליש ארויס פונעם זעלטענעם פייערדיגן "מכתב קודש" וואס איז נארוואס ארויס מבית המלך, די הייליגע אפעלירונג פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער האט באופן יוצא מן הכלל אפגעשריבן א לענגערער קריאה נשגבה ספעציעל פאר'ן "תקופת העולים" קאמפיין, וואו ער דרוקט זיך אויס מיט זעלטענע לשונות פון בקשה נמרצה פאר'ן גאנצן ציבור תושבי העיר, צו נעמען א חלק אינעם זכות "תורתי", אויפ'ן נייעם פרייז וואס איז געווארן באשטימט.

דער רבי שליט"א ברענגט צוערשט ארויס מיט שטארקע הפלגות בחביבות הכולל מיט אירע איבער 500 לומדים, וואס שיינט ארויס אלס מיוחדת במינה, א מקום קדוש וואס געבט ארויס אזעלכע הערליכע פירות, א מקום תורה וואו די לומדים זענען מצליח מיט אזעלכע מופלא'דיגע השלמות און התעלות'ער בכל חלקי התורה והוראה.

באזונדער באריערט דער רבי שליט"א די עבודת הקודש פון די געטרייע הנהלת הכולל, וואס איז עומד על הפקודים מיט די דראסטישע העכערונגען אין די תמיכות הלומדים, וואס בלויז היי־יאר, האט מען אויסגעטיילט אין די תמיכות א סכום עצום וכביר פון "דריי מיליאן דאלאר"! אלס טייל פון די פעולות נשגבות להגדיל תורה ולהאדירה, און הרמת קרן התורה בכל כח ועוז, וואס גייט פאראויס מיט א זעלטענע הצלחה בס"ד.

דער רבי שליט"א טוט דערביי אפעלירן בכל עומק, צום גאנצן ציבור אנ"ש, יעדער זאל זיך אנשטרענגען לבוא לעזרת בית ה' אלקינו, צו מוסיף זיין און ארויפגיין מיט די באשטימטע תמיכה, און דערמיט איינקויפן א מקח טוב לעצמם, דער זכות הנשגב פון "זכות תורתי", איינצוקויפן דערמיט א זכות לימוד התורה הק', וואס וועט זיי זיכער זיין לשמירה עליונה, און זיי משפיע זיין אלעס גוטס שטענדיג.

דער רבי שליט"א פירט אויס מיט ווארעמע ברכות לרוב, באגלייט מיט הארציגע תפלות ובקשות פאר א גוט געבענטשט יאר, די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, א כתיבה וחתימה טובה, און מ'זאל זוכה זיין צו א שנת גאולה וישועה מתוך רחמים וחסדים.

דער גאר ווארעמער מכתב קודש, ווערט אצינד נתפרסם בראש כל חוצות, טרעפנדיג אין פינטל פון הארץ פונעם גאנצן ציבור אנ"ש תושבי עיר קרית יואל רבתי, וועלכע ווערן דערווארעמט בכל חום לבבם ונפשם צו נענה זיין לקול קריאת צדיק, שפירנדיג א זכי' און א זכות, צו זיין א טייל פונעם מחנה גדול לתומכים, וואס געניסט פון די זכותים נשגבים עד אין לשער.

### עוד יזכור לנו אהבת איתן אדונינו

דער "ראש השנה אפיעל" וועט אפגעראכטן ווערן אינעם עיצומו של יום הדין, אין צייט ווען טויזנטער אנ"ש זענען פארזאמלט אין די בתי מדרשות וכנסיות, איינצורייסן פאר'ן שוכן מרומים פאר א שנה טובה ומתוקה, וועט מען דערביי גערופן ווערן בקריאה של חיבה דורך די שלוחי קודש פונעם כולל, וועלכע וועלן מלהיב ומזכה זיין דעם ציבור פאר א תמיכה קבועה והגונה פאר'ן עמוד התורה בעירינו, מיט'ן אנשלוס פון "זכות תורתי" מיט די נייע הוספה'דיגע עלי'.

זיך גרייטנדיג צום אפיעל, איז אין ארט אראפצוברענגען דאס וואס אין די לעצטערע יארן, ווען מרן רביה"ק זי"ע איז שוין נישט געווען בכח צו האלטן די לאנגע ווארימע "תקיעות שופר דרשות" ווי אין די געזונטע יארן, האט דער רבי דאן אוועקגעשטעלט צו מאכן דער יערליכער "ראש השנה אפיעל" פארן כולל, און דער רבי האט בשארית כוחותיו דערביי אויסגערופן: "זאל די צדקה פון תומך לומדי תורה זיין במקום די דרשה...."

יזכור אהבתו ויחיה את זרעם: מידי שנה בשנה געדענקען מיר די הייליגע דיבורים, און בשעת דער יערליכער אפיעל לעשות רצון קדשו בעצם יום הדין, זענען מיר זיך משתתף מיט א שיינע "דרשה", סכומים הגונים פאר כוללינו המפוארה מיט אירע 500 לומדי תורה מתוך הדחק, וועט זכותו הגדול והקדוש מליץ זיין מיט הויפענס זכותים ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א פירט אויס אינעם ניי־ערשינענעם "מכתב קודש": "וזכות מרן דו"ז רביה"ק זי"ע אשר על שמו נקרא האי מקום קדוש, יעזור ויגן על כל התומכים והמסייעים, להתברך בשנה טובה ומבורכת ושפע קודש".

**ויהי בעלות 'תורתי'**

# הונדערטער לומדי-שותפי "תורתי" ערהאַלטן אויף פאסט פערזענליכע גרים פון כולל

אין די יעצטיגע טעג טוען הונדערטער 'תורתי' שותפים ערווארטן מיט שפאנונג דער אנקום פון א רייכע אינהאלטספולע בראשור, וואס ווערט אדרעסירט צו די אלע מוקירי תורה, מחזיקי תורה בעיר רבתי קרית יואל, וועלכע האבן די זכי' נמנה צו ווערן אלס 'לומדי תורה', דורך זייערע קביעות'דיגע וועכנטליכע שטיצע פאר די 500 לומדים, וואס זיי גרייטן זיך אצינד צו הייבן אונטער אן עילאה'דיגע הייב־קראפט צו א מינימאלע 31$ פער וואך.

אינעם בראשור ווערט דורכדרינגליך דעטאלירט די הרמת קרן התורה וואס שפילט זיך אפ בין כותלי הכולל, באגלייט מיט פריידיגע באריכטן פון די אנגייענדע פיאנערישע איניציאטיוון דורך די הנהלת הכולל, וואס איז אומערמידליך טעטיג מיט'ן מרחיב זיין דעתן של ת"ח, מיט כסדר'דיגע פרישע פראיעקטן פון הוספת תמיכה, אונטער א שלל פון קאטעגאריעס אין די לימודים און סדרי חזרות, בנוסף צו די צענטראלע תמיכה־טשעק, וואס איז שוין עטליכע מאל געהעכערט געווארן די לעצטע תקופה.

עס ווערט ברייט אפגעהאנדלט א רעפאראט איבער דעם דראסטישן וואוקס אינעם יערליכן בודזשעט, סיי פאר די אלגעמיינע תמיכה, און סיי פאר די סעריע תמיכות פאר די חזרות־בחינות, וואס טרעפט אינאיינעם צאם א דראמאטישע שפרינג פון מיליאנען דאלארן אינעם בודזשעט.

באזונדער וועט זיין א דערקוויקעניש צו ליינען א גאר דעטאלירטע רשימה פון די "פופצן" פרעכטיגע חבורות וואס באצירט דעם עמוד התורה אין אונזער שטאט, די חבורות מפוארים בכל מכמני הוראה און סדרי חזרות, באגלייט מיט די פונקטליכע דעטאלן פון די ראשי החבורה, פטרוני החבורה, דער סדר החבורה, מיט אלע ארומיגע דעטאלן. אזוי גייט מען דורך חבורה־נאך־חבורה, מיט א קורצע אבער קלארע איבערזיכט בתוככי כל החבורות, א רשימה וואס וועט זיכער שאפן אן קורת רוח פאר אלע קוראים בעונג.

דער אינהאלט פונעם בראשור איז געווארן אראפגעשריבן העכסט פראפעסיאנאל, אויף א מוסטערהאפטיגן דעזיין, אויף א ליינבארע קלארע פארמאט, למען ירוץ בו עיני הקורא. עס איז ערווארט צו דערגרייכן אויף פאסט אין די קומענדיגע טעג פאר אלע הונדערטער תומכים, וועלכע וועלן דאס געוויס דורכליינען מיט גרויס אינטערעסע.

# פרייע אידישע איבערזעצונג פון פלאם פייערדיגע מכתב קודש מאת כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

## ספעציעלע קריאת התורה לרגל די "תקופת העולים" פאר'ן "כולל סאטמאר קרית יואל"

למען אחי ורעי אדברה נא, טייערע אנשי שלומינו, זאל זיס זיין מיין געבעט פאר'ן הייליגן מקום, די מעכטיגע תורה פעסטונג, כולל תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר, בעיר העוז לנו קרית יואל, וואס איז ברייט באקאנט לשבח, א טייערער מקום וואס איז ממש זעלטן אין איר'ס גלייכן, וואס אין אירע שאטנ'ס שטייגן אויס הייליגע פלאנצונגען, העכער פינף הונדערט יונגעלייט פון אונזער קהלה, כ"י, פלאגן זיך אויף תורה בטהרה, וואקסן אין תורה ויראה, איינקויפענדיג מקצועות התורה והלכה, דורך א געוואלדיגע פלייס און התמדה.

בחסדי השי"ת האבן מיר זוכה געווען די לעצטע תקופה צו זען ווי ס'איז פארמערט געווארן די צאל לומדים אויף א געוואלדיגן פארנעם, ווען ס'איז געלונגען פאר די חברי הנהלת הכולל, וואס שטייען בראש מיט א וואונדערליכע איבערגעגעבנקייט, צו פארשטארקערן די כוחות התורה, און דערהייבן דעם קרן הכולל הק' מיט אלע סארט אופנים, צו מוסיף זיין די תמיכות ביתר שאת פאר אלע בני הכולל שיחיו, און מרבה זיין די גבולי הכולל מיט חבורות און וואונדערליכע סדרים, אין צוגאב צו אלע אנדערע פעולות לטובה, וואס איז צוגעלייגט געווארן לטובת די עמלי התורה, ווי למשל, דער 'קרן נישואין', און ענליך.

ווי ברייט באקאנט, און ברויך נישט קיין ראי', איז בלויז דורכאויס לעצטע יאר העעל"ט פארטיילט געווארן פאר די בני הכולל א תמיכה נכבדה פון נאנט צו דריי מיליאן דאלאר, און עוד ידם נטוי', צו גיין מעלה מעלה.

אין די יעצטיגע צייט, ווען די הנהלת הכולל רעכט אפ א ספעציעלע מגבית, צו שטעלן א פעסטן יסוד פאר די המשכה פונעם הרבצת תורה והוראה, קומט די תורה הק' מיט א געבעט, אז מ'זאל קענען אנהאלטן און פארזעצן מיט'ן התעלות און פארברייטערונג פונעם כולל הק'. איך בעט פון אנ"ש מוקירי תורה, אנא, גארטלט זיך ענק אונטער, קעגנקומען צוהילף למען בית ה' אלקינו, מיט'ן גאנצן הארץ און געלט, צו מוסיף זיין און ארויפגיין מיט די באשטימטע תמיכה, און דערמיט איינקויפן פאר זיך א געלונגענעם געשעפט, דער זכות הנשגב פון "זכות תורתי", לויט וויפיל ס'ווערט באשטימט, איינצוקויפן דערמיט א זכות לימוד התורה הק', וואס וועט זיי זיכער זיין לשמירה עליונה, און זיי משפיע זיין אלעס גוטס שטענדיג.




למען אחי ורעי אדברה נא, אנשי שלומינו היקרים, הע"י, ויערב נא עתירתי למען האי מקום קדוש, מבצר כביר לתורה ולתעודה, **כולל תורה ויראה דרבינו יואל מ'סאטמאר, בעיר עוז לנו קרית יואל**, הנודע למכביר, לשבח ויקרת המקום **שהוא ממש מיוחדת במינה** אשר בצל כנפי' יחסיון גידולי קודש **למעלה מחמש מאות אברכי קהלתינו כ"י**, עמלי תורה בטהרה, המתעלים בתורה וביראה ומשנתם בפיהם מקצועות התורה והלכה מתוך שקידה והתמדה עצומה.

ובחסדי השי"ת זכינו בתקופה האחרונה לראות כיצד נתוספו ספסלי בית המדרש במדה גדושה, כאשר **עלה בידי חברי הנהלת הכולל, העומדים על הפקודים במסירות נפלאה, להגביר חיילים לתורה ולרומם קרן כוללינו הק' בכל האופנים, להוסיף תמיכות ביתר שאת לבני הכולל שיחי', ולהרבות גבולי הכולל בחבורות וסדרים נפלאים, בנוסף לכל שאר פעולות לטובה שנתוספו לטובת עמלי התורה, כגון קרן נישואין וכיו"ב, והמפורסמת אינו צריך ראי', אשר רק במשך שנה העעל"ט חלקו לבני הכולל תמיכה נכבדה בסך של קרוב לשלש מיליאָן דאָלער, ועוד ידם נטוי' למעלה מעלה.**

ולעת כזאת כאשר הנהלת הכולל עורכים **מגבית מיוחדת** להעמיד יסוד כביר למען המשכת הרבצת תורה והוראה, תורה הק' מתחננת בתחנה, למען נוכל עמוד ולהמשיך התעלות והרחבת גבולי כוללינו הק' ונפשי בשאלתי קדם אנ"ש מוקירי תורה הע"י, **אנא החלצו חושים לבוא לעזרת בית ה' אלקינו, בכל לב ונפש ומאוד, להוסיף ולעלות בתמיכה הגונה וקבועה, ולרכוש לעצמם מקח טוב את זכות הנשגב של "זכות תורתי"** כפי אשר יושת, לקנות בזה לעצמם את זכות לימוד התורה הק' שיהי' להם בודאי לשמירה עליונה ולהשפיע להם כט"ס

כן יהי רצון שזכות הרמת קרן התורה הק', וזכות מרן דו"ז רביה"ק זי"ע אשר על שמו נקרא האי מקום קדוש, יעזור ויגן על כל התומכים והמסייעים, להתברך בשנה טובה ומבורכת ושפע קודש, וכל ברכות האמורות בתורה יחולו על ראשם מתוך הרחבת הדעת בנחת ולא בצער, ויזכו כולם לגדל דורות ישרים זרע קודש מאירים את העולם בתורה ובמעשים טובים, ובימי הרחמים והרצון יתקבלו תפלותינו לרחמים ולרצון לפני אדון כל, לכתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים טובים, ולשנת אורה ושמחה, שנת גאולה וישועה מתוך רחמים וחסדים, בב"א.

יהי רצון אז דער זכות הרמת קרן התורה הק', און דער זכות פון מרן דו"ז רביה"ק זי"ע, וואס אויף זיין נאמען ווערט גערופן דער מקום קדוש, זאל העלפן און ביישטיין פאר אלע תומכים און מסייעים, געבענטשט צו ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר, מיט א שפע קודש, אלע ברכות וואס שטייט אין די תורה זאל קומען אויף ענק, מתוך הרחבת הדעת, בנחת ולא בצער, און ענק אלע זאלן זוכה זיין מגדל זיין דורות ישרים, זרע קודש וואס באלייכטן די וועלט מיט תורה און מעשים טובים, און בימי הרחמים והסליחות זאלן נתקבל ווערן אונזערע תפילות לרחמים ולרצון לפני אדון כל, לכתיבה וחתימה טובה לאלתר לחיים ולשלום, לשנת אורה ושמחה, שנת גאולה וישועה, מתוך רחמים וחסדים, בב"א.

[אט שרייבט דער רבי שליט"א צו בכתי"ק] "למען החזקת התורה ולומדי', ולמען המצוה הנשגבה כי רבה הוא, יום ד' לס' ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגך, ח"י אלול תשפ"ב לפ"ק" חתי"ק.


דער בליק

פרישע דערפרייענדע "הרחבת גבולי הקדושה" פאַר דער שטאָט "קרית יואל":

# פרייד און עקסטאַז אין "שכונת היילענד לעיק" צום באנייען צו די היילִיגע טעג הבעל"ט פונעם פרעכטיגע געביידע פאַר'ן "צענטראַלן ביהמ"ד" וואס וועט דינען אַלס מקום תורה ותפלה און "מנינים צענטער" פאַר גאַנצער אומגעגנט

## תושבי השכונה אויפגעטריבן קאָלאָסאַלע סכומים פון אָרטיגע איינוואוינער, פאָרצוברייטן "רוחניות'דיגע באַזע" מיט אחריות פארן עתיד השכונה וואס וואקסט און בליהט מיט פרישע משפחות בליעה"ר

אל המקום אשר הכינותי:

### פראַכטפולער בנין מיט גרויסער שטח אין צענטער פון די שכונה וועט אַנטהאַלטן "היכל מפואר", "עזרת נשים", "מקוה מפוארה", "היכל התורה", "חדר הוראה"

וואודבאָרי, קרית יואל. – די פילצאליגע איינוואוינער פון "שכונת היילענד לעיק" טוען אויסרופן אַ פריידיגן און עקסטאַזליכן "ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה", צו דער גליקליכער ווענדפונקט אין דער אַנטוויקלונג פון די שכונה המפוארה, מיט'ן זוכה זיין לברך על המוגמר צו באנייען דעם ריכטיגן פלאַץ, המקום אשר הכינותי, צו דינען אַלס "צענטראַלער ביהמ"ד" פון דער גאַנצער אומגעגענט, לשם ולתפארת.

דער פתיחת שערים פונעם נייעם "ביהמ"ד הגדול" פון די שכונה, וואס ווערט געעפענט מיט גרויס שמחה אין די יעצטיגע 'ימים נוראים' המשמשים ובאים, דורך די חשוב'ע תושבים אברכים תלמידי וחסידי סאטמאר, איז נישט בלויז אַ פריידיגע נייעס פאַר דער געגענט – נאָר איז זאָגאַר אַ שמחה'דיגע אַנטוויקלונג פאר דער גאַנצער שטאָט "קרית יואל", וואָס דער געגענט איז פון אירע הערליכע און שנעל-וואקסנדע, אַז מ'טוט זיך ב"ה אַזוי וואונדערליך צושפּרייטן, פאַרפעסטיגן, פאַרשטאַרקן, עצום ורב כמה שנאמר, ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצי!!



במתי מעט ירדו, ועתה שמך ה' אלקיך לרוב!



אלטע היכל ביהמ"ד



ס׳איז באמת צום באַוואונדערן, ווער ס׳זעט דעם נייעם בנין וואָס די עסקנים האָבן באַוויזן אפצוקויפן ווערט באַלד באַגייסטערט מיט התפעלות, דערזעענדיג אַ געביידע, מיט איר גאנצער גרויס און רחבות ווי ס׳איז געבויעט געוואָרן צו דינען אַלס ביהמ״ד פאַר אידישע קינדער, לעשות רצון קונם וחפץ צורם!

ס׳האָט נאָר געדאַרפט קומען די ריכטיגע מינוט, ווען אחינו בני ישראל האָבן זיך באַזעצט אַרום און אַרום, אַז די געביידע זאָל אַריינפאַלן ווי אַ רייפע עפּעלע צום ציבור אין די האַנט, ״ויקם השדה – תקומה היתה לה״, צו קענען דינען אַלס בית גדול וקדוש שמגדלין בו תורה ותפלה אויפ׳ן שענסטן פאַרנעם!

ס׳איז קלאָר אַ טייל פון די אָפענע סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט דעם וואוקס פון דער שטאָט קרית יואל מיום הווסדה, ווי דער באַשעפער שיקט אַלץ צו אַז מ׳זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה פון דער שטאָט וואָס רבינו הקדוש זי״ע האָט מייסד געווען אַז ערליכע אידן זאָלן דאָ קענען וואוינען און מגדל זיין די קינדער מיט הרחבת הדעת.

ווען די עסקני השכונה, זענען געוואָרן באַוואוסטזיניג איבער די מעגליכקייט אפצוקויפן דעם בנין, האָט מען דאָ אַנטפּלעקט אַ גרויסער בנין צוגעגרייט פאַר אונזער געברויך – אַן אוצר הינטער׳ן אויוון...

אויב איז דאָס אלעס נישט גענוג, קומט דאָ צו דער ״סטראַטעגישער לאָקאַל״ פון דעם בנין. עס איז ממש אינעם ״צענטער״, וואָס טוט פאַרבינדן און צונויפנעמען אלע געגענטער פון היילענד לעיק וואס איז צוזייעט אויף פילע גאסן. אַלע אַרומיגע געגענטער זענען ממש ״וואָלקינג דיסטענס״ צו דעם נייעם ביהמ״ד, אַזוי אַז ס׳זאָל קענען דינען סיי אַלס דער שבת׳דיגער ביהמ״ד און סיי אַלס דער צענטער און פאסיגער ביהמ״ד פאר מנינים לימות החול!

אומר ועושה! אין קרית יואל ווייסן עוסקים בצרכי ציבור, אַז מ׳פאַרזוימט זיך נישט לאַנג, נאר ווען ס׳קומט להרחיב את גבולי הקדושה פון דער הייליגער שטאָט, דאַן שפּרינגט מען אַריין, מ׳מאכט נישט קיין חשבונות, און דער אויבערשטער העלפט, אז מ׳קען דורכפירן דערנאָך דעם מקח.

אָט געווי דאס איז וואס האָט דא פּאַסירט. די עסקנים זענען אריין אין קאנטראקט, און תיכף דערויף צונויפגערופן אַלע תושבי השכונה,



וועלכע זענען געווען איבערראַשט צו דער אַנטוויקלונג.

די נויטווענדיגקייט און ווארימקייט פון די חשוב'ע תושבים אַריינצושפּרינגען דערין, דערקענט זיך אויף די נדבות רוחו וואס נעמט ארום דעם גאנצן געגענט. ווען יעדער יחיד ויחיד האט זיך געלאזט קאסטן ריזיגע סכומים צו פינאנצירן דעם רוחניות'דיגן יסוד מוסד וואס וועט דינען אלס קראנטער עתיד פארן גאנצן געגענט.

אצינד מיטן אנטוויקלונג ווען מען גרייט זיך שאו שערים ראשיכם ווען די טויערן פון א פרישע פרעכטיגע בנין לתורה ותפלה ווערט באנייט אין שטאט, טוט דאס פולשטענדיג פארזיגלען דעם 'שכונה' אלס א שלימות וואס שטייט אויף פעסטע יסודות "על תילה בנוי" אצינד איז דער פרעכטיגער שכונה א פולקאמע טייל פון שטאט קרית יואל, וואס קומט אויסשטאפירט מיט א פראַכטפולן מקום לה,' אַ יופי ווי עס פּאַסט זיך – גארנישט ווייניגער ווי די פרעכטיגע הייזער אין דער געגענט.

די נייע ביהמ"ד, וועט שטיין צום דינסט א גאַנצע וואָך, מיט מנינים און שיעורי תורה, א היכל התורה, און צוגאב מיטן ריזן שטח וועלכע איז גענוג גרויס פאר אלע געברויכן, גענוג און נאָך צו אקאמאדירן סיי די יעצטיגע תושבים, סיי די חברותות, און סיי נאכצוקומען דעם שפּרודלדיגן וואוקס פון דער געגענט בליעה"ר.

די נייעס פון דאס עפענונג פון די 83'טע ביהמ"ד אין בלויז די 'נייע' געגענטער אין שטאט קרית יואל, טוט נאטירליך שאַפן אַן אויסטערלישע שמחה און נחת רוח פאר מרן רביה"ק זי"ע מייסד העיר ומרא דאתרא קדישא הדין, און די תושבים קוקן ארויס אויך אויף ווייטער נאכמער מרחיב זיין די גבולי הקדושה וויסנדיג אַז דאָ טוט מען פאַר זיך אליין, פאר די אייגענע קינדער, צו פארמאגן אַ בית גדול רם ונשא לגדל תורה ותפלה.

אמרו לפני מלכיות: צו די יעצטיגע ימים נוראים הבעל"ט גרייט מען זיך שוין ארייגצוציען אינעם נייעם בנין, ווי דארט וועט אפגעראכטן ווערן אלע תפלות, די געהויבענע תפילות מוספים וואו מען וועט ממליך זיין שמו יתברך אין א פרישן בית מקדש מעט וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט מסירות נפש און די תפילות זענען ערווארטעט אפגעראכטן צו ווערן מיט גרויס התרגשות אז מען האט זוכה געווען צו דעם געהויבענעם מאמענט אוועקצושטעלן נאך א מלכות'דיגע בית השם אין נאך א געגענט וראו כל עמי הארץ כי המלכות שלך הוא.

# ערשטער שבת אין ביהמ"ד בית יצחק ד'נייפעסט פונעם נייעם שכונה "היילענד־לעיק עסטעיטס"

אַ הערליכע שבת הילולא איז געפראוועט געוואָרן אינעם נייעם שכונה "היילענד-לעיק עסטעיטס" איגאַייגעם מיט פתיחת שערים און חנוכת הבית פארן נייעם ביהמ"ד 'בית יצחק דנייפעסט' ע"ש פונעם בעל הילולא הרה"ג רבי יצחק בן ר' חנניא יו"ט ליפא מנייפעסט ז"ל וועמענס יארצייט איז אויסגעפאלן פארגאנגענעם שב"ק פ' שמות העעל"ט.

דער פראַכטפולער ביהמ"ד איז געעפענט געווארן פריער ווי געראכטן – הגם עס איז נאכנישט פולקאם פארענדיגט פון אינעווייניג – כדי צו קענען אקאָמאָדירן א גרעסערע צאל מתפללים אויף וואס מען האט זיך געראכטן אז עס וועלן זיך באטייליגן ביים שבת חנוכת הבית.



דאס עפענונג פונעם ביהמ"ד איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד דורך די תושבי השכונה בפרט און ציקונפטיגע תושבים בכלל וועלכע האבן ארויסגעקוקט דערויף, ווייל דאס טוט פארמירן "היילענד-לעיק עסטעיטס" אלס א פולקאמער אידישער שטעטל מיט א געהעריגע עפטליכע ביהמ"ד לתורה ולתפילה אינעם הארץ פונעם דעוועלאָפּמענט. דאָס ביהמ"ד איז ביז איצט געווען קואסירט אויף א צייטווייליגן פארנעם. און איז נאר שנעל אויסגעוואקסן פון פלאץ אזש עס איז נישט געווען מער די מעגליכקייט מוסיף זיין די ספסלי ביהמ"ד.

# ערשטער שבת אין ביהמ"ד בית יצחק ד'נייפעסט פונעם נייעם שכונה "היילענד־לעיק עסטעיטס"

[פארזעצונג פון זייט 8]

עס איז נישט געווען מער די מעגליכקייט מוסיף זיין די ספסלי ביהמ"ד.

די הערליכע ביהמ"ד. גרויס, שיין, רחוות'דיג, ליכטיג, הויכע זאַך, מיט אלע צוגעהערן ווי עס פּאַסט פאר א בית ה' און שיינט ארויס אלס א תל-תלפיות פון די שכונה. כדי די תושבים זאלן עס קענען אויסנוצן כדבעי לתורה ולתפילה.

די תפילות שבת וואָס זענען אָפּגעראָכטן געווארן אינעם נייעם ביהמ"ד, זענען פאַרגעראוויגט געוואָרן דורך א זון פונעם בעל ההילולא. שבת אינדערפרי פאַרן ליינען איז געמאלדן געווארן אז מען וועט אויפנעמען פאר גבאי הביהמ"ד האברך הה' ר' שלום פעלדמאן הי"ו וואס איז באוויסט מיט זיין עסקנות למען הכלל ובפרט למען השכונה. נאכן דאווענען איז געפראוועט געווארן א רייכער קידוש לרגל היומא דהילולא. וואו מען האט מסיים געווען מסכת סנהדרין און געמאכט דעם הדרן.

דער הערליכער שבת האט איבערגעלאזט א גרויסן רושם אויף די תושבי השכינה פארמירענדיג נאך א רינגעלע אינעם גאלדענעם קייט פון הערליך בליענדע ישובים בגלילות ק"י.

די געגענט פון "היילענד-לעיק עסטעיטס" איז נישט ניי אויף די מאַפּע. פראָצדעס וואס מען האט כמעט נישט געהערט דערפון ביז היינט. די געגענט – וועלכע געפינט זיך אויף ריווש-ראָוד נעבן רוט-105 – איז געוואקסן לאַנגזאַם ווען במשך די לעצטע עטליכע חדשים האבן זיך אַהין אריינגעצויגן מערערע היימישע משפחות וועלכע האבן געזוכט א שיין-רואיגן געגענט. עס איז שוין פאראן יעדע וואך שבת א מנין קבוע אינעם געגענט שוין אנגעהויבן פון אינמיטן דעם פארלאפענעם זומער. וואו מידי שבת בשבתו ווערט אָפּגעראכטן אלע תפילות שבת דורך די ארטיגע תושבים.

באריכט איבערן ערשטן שבת אין ביהמ"ד פונעם שכונה







וועד העירוב שכונת היילענד לעיק מיט מודעה איבער עירובי חצרות צום עירוב פון שטאט קרית יואל

### די פרייליכע רעזולטאטן זענען שוין אריינגעקומען:

# כלל ישראל'ס ווארעמע שטיצע פאר "רפואה העלפליין קאמפיין" שטייגט איבער אלע ערווארטונגען שאפענדיג היסטארישע גינסטיגע רעזולטאטן פאר חולי ישראל אין אלע עקן וועלט

**אומגלויבליכע "באנוס-גאול" פון איבער זעקס אהאלב מיליאן דאללאר צוזאמגעשטעלט העכער אלע ערווארטונגען - הונדערטער טיעם מעמבערס אנגעשלאסן מיט א פלאמפיידיגע גייסט - אריינגעקומען פון נדבת לבם הטוב פון קרוב צו 25,000 נדיבי עם**

ניו יארק. - אן אומבאשרייבליכע התרגשות האט איינגעהילט חולי ישראל און זייערע משפחות, ווען עס זענען אריינגעקומען די ענדגילטיגע לאנג ערווארטעטע רעזולטאטן פונעם אויסגאנג פון די היסטארישע רפואה העלפליין היי-יעריגן קאמפיין. די ציפער פון נדבנים, און די נומערן פונעם קאמפיין דערגרייכונג, האבןביידע געצייגט קלאר און דייטליך אז כלל ישראל איז אנגעווארעמט מיט ברען און אייפער צו לינדערן די צער און וויטאג פון אזויפיל חולי ישראל וועלכע ווארטן צו הערן גוטע בשורות!

## כשמו כן רפואת"ו: רעזולטאטן - א נאמען וואס רעדט פאר זיך אליין!

שוין וואכן און חדשים וואס די געטרייע שטאב אינערהאלב די רפואה העלפליין לעבנסוויכטיגע ארגאניזאציע, פיבערן מיט די נויטיגע צוגרייטונגען צום יערליכן קאמפיין, וואס דינט אלס כמעט די איינציגסטע הכנסה במשכ'ן יאר צו קענען פינאנצירן זייערע טעגליכע קריטישע מיסיעס צו העלפן ראטעווען חולי ישראל.

היי-יאר האט דער קאמפיין באקומען איר ערליך-פארדינטן נאמען "רעזולטאטן", א ווארט וואס רעדט פאר זיך אליין, און ברויך נישט צופיל ערקלערונגען. ווייל ווען א חולה צייגט סיי וועלכע אומגינסטיגע סימפטאמען ל"ע און נאכ'ן דורכפירן קאמפליצירטע טעסטס און פראצעדורן צו דערגיין די אורזאך דערפון, ווארטן אלע מיט צאפלדיגע הערצער פול מיט זארג און ציטער "וואס וועלן זיין די רעזולטאטן???" אין אזא צייט, קענען אפילו געציילטע מינוטן זיך שפירן ווי יארן, און ווער רעדט נאך אויב עס פארציעט זיך איבער טעג און וואכן, קען עס אויסזעהן ווי אן אייביגקייט.

## רפוא"ה אור לחולים: א לייכט-טורעם פאר חולים וואס ווארטן אויף רעזולטאטן!

צו וועמען ווענדן זיך אט די פארלוירענע פאציענטן? ווער ענטפערט זייער רוף און געט די ריכטיגע טאט און ראט אויף טריט און שריט? איין אדרעס וואס איז שוין היינט גוט באקאנט ביי אלע חולים אין אן עת צרה, דאס איז "רפואה העלפליין"! ביי זיי וועט מען באקומען ענטפערס! ביי זיי וועט מען ערהאלטן גענויע אנווייזונגען וויאזוי צו גיין ווייטער אין א וועג וואס איז פארנעפלט מיט געדעכטע וואלקענעס פון שרעק און אנגסט. ווען ס'פעלט

זיך אויס באלדיגע רעזולטאטן מיט צושטעלן שנעלע אפוינטמענטס ביי די גרעסטע מומחים ווי נאר איבער די וועלט, שפאנען זיי איין די שטערקסטע און עפעקטיווסטע מהלכי הרפואה, די געטרייע רפואה העלפליין קעיס ווארקערס ווארפן זיך אריין אין יעדע קעיס מיט הארץ און געפיל, צו דעליווערן מאכטפולע רעזולטאטן דאס שנעלסטע וואס איז שייך.

במשך די טעג בעפאר'ן קאמפיין איז עס שוין געוועזן דאס געשפרעך פונעם טאג ביי יונג און אלט. אבן מקיר תזעק, אלע גאסן זענען שוין געוועזן באהאנגען מיט שרייענדע מעלדונגען איבער'ן קאמפיין הממשמש ובא, און האבן שוין פאראויס געלאזט וויסן אז ס'קומט עפעס היסטאריש ווי קיינמאל פריער.

## הונדערטער טיעמס אנגעשלאסן צו שאפן רעזולטאטן!

גלייכצייטיג האבן שוין הונדערטער וואוילטעטיגע אידן זיך אנגעשלאסן, טויזנטער טעלעפאן רופן און מעסעדזשעס זענען ארומגעשיקט געווארן דורך טיעם מעמבערס צו זייערע באקאנטע ערקלערנדיג די פארצווייגטע הייליגע פעולות וואס ווערט דורכגעפירט יעדן טאג פון יאר דורך די געטרייע סטעף פון רפואה העלפליין.

היום רפואתינ"ו! אט שטייט מען שוין אינעם יום הקאמפיין דינסטאג תבוא, געציילטע שעות איידער דער קאמפיין גייט לייוו פאר די גלאבאלע וועלט. מיט יעדע פארבייגייענדע שעה ווערן די געפיהלן מער אנגעווארעמט, און די לעצטע צורישונגען צום באשטימטן מינוט ווערן פארענדיגט. ווען די קאמפיין האט זיך אפיציעל אנגעהויבן האט שוין די קאסע געהאט אויפגעטריבן קרוב צו צוויי מיליאן דאללאר! פון גוטהארציגע אידן וואס האבן מקיים געוועזן טרם יקראו ואני אענה.

## בשרו מיום ליום רפואת"ו: צוויי היסטארישע טעג פאר חולי ישראל!

דורכאויס צוויי טעג, זעקס און דרייסיג שעה, האט כלל ישראל געשאנקן אומאויפהערליכע רעזולטאטן פאר חולי ישראל! מה נהדר הי' המראה ווי די ציפערן רוקן זיך העכער און העכער מינוטלעך מיט א שנעלן אימפעט, און פון פאראייניגטע אידישע הערצער פון אלע שיכטן און קרייזן, איז געקומען צו שטראמען נאכאנאנדע הערליכע סכומים קלענערע און גרעסערע. א קידוש ה' וואס איז ווערטערלאז! די ארגינעלע קאמפיין ציהל איז דערגרייכט געווארן שוין מיטוואך נאכמיטאג, אז מ'האט עס באלד ארויפגערוקט צו א באנוס-גאול פון זעקס מיליאן דאללאר!!

## חצות לילה אקום להודות לך על צדקת רפואתי"ך!

מיטוואך אויפדערנאכט ווען דער זייגער האט געוויזן אויף חצות הלילה, האט מען געזעהן די אומגלויבליכע רעזולטאטן! העכער זעקס מיליאן דאללאר!!! ס'לאזט זיך נישט גלייבן די שמחה עצומה וואס האט אויפגעפלאמט ביי אלע מיטארבעטער פונעם מאסיוון קאמפיין אז מ'האט ב"ה דערגרייכט אזא היסטארישע פונקט! ס'איז נישט מעגליך צו שילדערן די געפיהלן פון האפענונג ביי חולי ישראל וועלכע האבן שוין אזוי לאנג ארויסגעקוקט פאר געלונגענע רעזולטאטן און אט האט מען עס זיי געשאנקען נאך שטערקער און בעסער ווי פארגעשטעלט!

## אשרינו מה טוב רפואתינ"ו: איבער "אכט הונדערט טיעמס" אנגעשלאסן!

ווי וואונדערליך איז געוועזן צוצוקוקן צו דעם מעכטיגן קידוש ה', ווען איבער אכט הונדערט גוטהארציגע אידן האבן זיך אנגעשלאסן אינעם קאמפיין, וועלכע האבן געארבעט רונדע דעם זייגער צו פארזיכערן א זיגרייכן הצלחה בסייעתא דשמיא!

דער קאלירפולער צוזאמשטעל פון איבער אכט-הונדערט ענערגישע טיעמס, איז געוועזן עפעס צום באוואונדערן. אנגעהויבן ביי אזעלכע וואס האבן פערזענליך גענאסן פון די קריטישע הילף פון רפואה העלפליין, ביז אנדערע וואס האבן עס בייגעוואוינט ביי נאנטע אדער באקאנטע, ווי אויך אומצאליגע אידן וואס זענען פשוט איבערגענומען געווארן פון די מאסיווע פעולות הרפואה והחסד.

גוטהארציגע אידן פון אלע שטעט און געגענטער, פון יעדן שיכט און קרייז, פון יעדן יארגאנג למקטן ועד גדול, אלע האבן געארבעט אינאיינעם ווי איין גרויסע משפחה, בייטאג און ביינאכט מיט העפטיגע כוחות, שוין פון געציילטע טעג איידער דער קאמפיין איז אריין אין קראפט, ביז מ'האט ב"ה באוויזן די ענדגילטיגע שטוינענדע רעזולטאטן!

און מערסטענס פון די אלע טיעמס זענען פון זיך אליינס געקומען און האבן אנגעבאטן זייער געטרייע הילף מרצונם הטוב, וועלנדיג אויך האבן א חלק אין אזא הייליגע היסטארישע זכות. עס האט זיך דערקענט זייער איבערמידליכע כוחות דורך די אסטראנאמישע סכומים וואס דער קאמפיין האט אויפגעטריבן אין אזא קורצע צייט אפשניט. אשרי להם ואשרי חלקם!

## רפאינ"ו ונרפ"א: מיט אייער הילף וועט מען קענען העלפן חולי ישראל!

אדאנק דעם וועט רפואה העלפליין קענען אויסברייטערן זייערע פעולות פאר נאך פילצאליגע חולי ישראל, און קענען ממשיך זיין מיט זייער רעטונגס מיסיע צו באגלייטן אלע וואס ווענדן זיך פאר זייער הילף טאג טעגליך פון איבער די גאנצע וועלט.

מיט אזעלכע אמשאצבארע זכותים איז זיכער אז כלל ישראל שפאנט צום יום הדין הבעל"ט מיט פארזיכערקייט אויף גליקליכע רעזולטאטן בעז"ה, ווען די אלע מליצי יושר וועלן אויסשרייען מיט עקסטאז: מי כעמך ישראל! אין זכות פון די מדת הרחמנות וואס מיר האבן אלע געוויזן אין די טעג, וועט עס מעורר זיין אויף אונז אז דער בעל הרחמים והסליחות וועט אלעמען שענקן א לעכטיג זיס יאר מיט געזונט און נחת, בני חיי ומזוני, און א שנת גאולה וישועה!

**אשריכם ישראל! איר האט דעליווערט רעזולטאטן!**

### שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה:

# תושבי קרית יואל מיט התרגשות זיך גרייטנדיג צו די ימי הרחמים והרצון ווען פראכטפולע ביהמ"ד החדש "שערי חיים" אויף סקאנימאנק ראוד וועט באנייעט ווערן אפצוערעכטן די תפילות מיט גרויס געהויבנקייט צום פרייד פון תושבי 'שכונת קאנטרי האלאו'

## ביהמ"ד פארענדיגט און ווערט באנייעט נאך לאנגע פארצויגענע קאסטבארע בוי פראיעקט אויסצורייסן און איבערפלאנצן גאנצע אינוויינigסטע סטרוקטור מיט פרעכטיגע היכל, חדרי תפלה, עזרת נשים, מקוה טהרה ומהודרת, היכל התורה, קאווע שטיבער, באקוועמע משמש שטיבל און גרויסע פארקינג לאט מיט אלע צוגעהערן

**מיט הייליגע תפילות במשך די ימים נוראים און ימים טובים המשמשים ובאים וועט די ביהמ"ד נתקדש ווערן בעשר קדושות ווען דער גאנצער ציבור וועט זיך צוזאמנעמען בכח האחדות אויסצופועל'ן ישועות און לעכטיג יאר בראשות הרה"ג רבי שמעון דייטש שליט"א רב הביהמ"ד**

**תושבי השכונה תלמידי וחסידי סאטמאר מלא שמחה וחדוה מיטצולעבן פייערליכע חנוכת הבית המדרש אויפגעבויעט מיט כח און מח און דמים תרתי משמע זיך לאזנדיג קאסטן איניינעם אלע תושבי השכונה כאיש אחד בלב אחד מיט ריזיגע סכומים לבנות בית לה' ולתורתו**

קרית יואל, מיט שבח והודאה צו השי"ת על כל הטוב אשר גמלנו, שרייען אויס פון טיפן הארץ תושבי שכונת קאנטרי האלאו קרית יואל די ברכה פון הגומל חסדים טובים לעמו ישראל. ווען מיט טיפע געפילן פון התרגשות וחדוה עילאית גרייט מען זיך שוין אט אט צו באנייען דעם בית גדול המפואר ביהמ"ד החדש "שערי חיים" וועלכע שטייט מיט שטאלץ און פראכט אין הארץ פונעם שכונה אין צענטער פון קרית יואל.

שכונת קאנטרי האלאו-קרית יואל איז היינט צוטאגס איינס פון די צענדליגער שכונות לענגאויס קרית יואל רבתי, און איז געוועזן פון די נחשונים און פיאנער פון אויסברייטערן דעם עיר הקודש והמקדש עיר עוז לנו עיר הצדק קרית יואל המעטירה. ווי עס האבן זיך אהינגעצויגן מסלתה ומשמנה תלמידי וחסידי סאטמאר און זענען געווען די וועגווייזער פאר אלע נאכפאלגענדע תושבי קרית יואל וועלכע האבן געזוכט צו וואוינען און פירן א לעבן מיט הרחבת הדעת על דרך הסלולה ומקובל לנו פון איתן אדונינו כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע מייסד העיר.

עס האט זיך טאקע ווירקליך ארויסגעשטעלט ביז א קורצע צייט די שיינקייט און נאבעלקייט פונעם געגענט וואס האט אין רעזולטאט זיך געהאלטן און איין אויסברייטערן לארכה ולרחבה מיט פילע נייע קינדער געבענטשטע משפחות און צענדליגער הערליכע גאסן זייענדיג א שפאן אוועק פון אלט קרית יואל, באזונדער איז דער געגענט באקאנט מיט די געוואלדיגע אחדות וואס דאס ברענגט ארייַן א השראת השכונה אינעם געגענט וואס דערקענט זיך אויף יעדן ריר און באגייסטערט יעדן גאסט וועלכע וויילט דארט אויף א שבת אדער יו"ט אדער בעת שמחה.

פון די ערשטע קערנדלעך איינגעפלאנצט אינעם געגענט בשנת תשע"ז העבר עלינו לטובה איז געווען דער געגרינדונג פונעם ביהמ"ד שערי חיים וועלכע האט פון ערשטן טאג געדינט איר תפקיד אלס ציאונגס קראפט און רוחניות'דיגע באזע פארן גאנצן אומגעגענט מיט די פילצאליגע משפחות. מיט ווארימע תפילות במשך שבתות וימים טובים, של"ס מיט התעוררות ויומי דפגרא מיט התאספות פון אלע תושבי השכונה כאיש אחד בלב אחד בראשות די רב הגה"צ רבי שמעון דייטש שליט"א וואס שטייט בראש מיט אלע רוחניות'דיגע פונקציעס אויף אלע געביטן וכל דבר קטן וגדול יבואון אליו און באגלייט יעדן תושב מיט גרויס געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט אויף יעדן אספעקט.

גלייך ביים זיך אנהייבן ארייינציען אינעם געגענט האט זיך שוין אנגעזען די שטארקע נחיצות פון אויפבויען א פולקאמע ביהמ"ד גדול ומפואר נאכצוקומען די וואוקס און דינען די רוחניות'דיגע הצטרכות פונעם גאנצן געגענט, גולה אחר גולה גלתה, ביז מען האט זוכה געווען צום אפקויף פונעם בנין וועלכע געפינט זיך אויף סקאנימאנק ראוד.

אין די ערשטע תקופה ווען מען האט אנגעהויבן זיך ארייינציען אינעם שכונה זענען די עסקנים געשטאנען מיט אפענע אויגן און כסדר געווישטערט אויף די מארקעט צו זען וועלכע געביידעס עס קומען ארויף אויפן ארענע וואס זאל זוכה זיין שיניח הצדיק את ראשו, און זאל זיין פאסיג און עס זאל שטיין אויף א סטראטעגישע מקום צו דינען אלס תל תלפיות שכל פיות אליו פונים.

מיט גרויס סייעתא דשמיא און אומגעהויערע כח העסקנות פון די טעטיגע תושבים און בכוחו ובזכותו של אותו זקן מרן רביה"ק זי"ע מייסד העיר האט מען בשנת תשע"ז זוכה געווען צום גאלדענעם מקח אויפן ריזן באדן און גרויסע בנין ממש פאסיג אין צענטער פון שטאט קרית יואל אין הארץ פון קאנטרי האלאו שטייענדיג אויפן צענטראלן סקאנימאנק ראוד אויף א סטראטעגישע ווינקל און צענטער פונקט פונעם שכונה וואס ווערט געזען דורך אלע פארבייפארער לרומם קרן העיר.

דער מקח אויפן ביהמ"ד איז ערמעגליכט געווארן מיט די פולע השתתפות פון די חשוב'ע תושבי השכונה וועלכע האבן זיך געלאזט קאסטן גרויסע סכומים צו ערמעגליכן א פרעכטיגן בית השם כראוי וכיאות ווי עס פאסט פאר אזא געגענט אויף א שטח מקום רחבת ידים.

צוליב די וויכטיגקייט און אומגעהויערע נויט האט מען זיך תיכף אריינגעצויגן אינעם בנין וועלכע איז אהערגעשטעלט געווארן לויט די בעסטע מעגליכקייטן, מיט א היכל און מקוה פאר צייטווייליג. מיט א עזרת נשים. אבער די עסקנים האבן תיכף געפיבערט פאר פרישע פלענער און פערמיטן זעענדיג די לחץ זו הדחק וואס הערשט מידי שבת בשבתו. און נאך א לאנגע פארצויגענע פראצעדור נאך פילע השתדלות ווען טעטיגע עסקני השכונה זענען געשטאנען אין פארבינדונג מיט א פערמיט פיילינג צו די וואדבורי באאמטע איז מען ארייינגעשפרינגען מיטן מאסיוון בוי פראיעקט אויפצובויען דעם גרויסן ביהמ"ד און רחבות'דיגע מקוה צו שטיין לקדש ולטהר לשמחת לב אלפי תושבי קרית יואל.

אין יענע צייט איז געווען באריכטעט צווישן די שפאלטענעס פון 'קרית יואל וואכנשריפט' וועלכע האט כסדר געברענגט די שנעלע פארשריט און פריידיגע אנטוויקלונגען. עס האט יעדער געזען און באוואונדערט די דעטאלירטע סייט פלענס און בלו פרינטס פון די געפלאנטע בוי פלענער, די שטאקן פונעם ביהמ"ד עזרת נשים, פארקינג, מקוה, און באקוועמע שמש שטיבל.

מיט די נויטיגע פערמיטן פון די וואדבורי באאמטע זענען די עסקני השכונה תיכף ארייינגעשפרונגען אנצוהייבן מיט די קאסטבארע פראיעקט וואס האט צום אלעם ערשט ארייינגענומען א טייערע עסקיוועיטינג ארבעט ארום דעם שטח מיט פילע אנדערגראונד אייינריכטונגען כדי דערויף צו קענען בויען די פארקינג שטח, וואס איז אלעס געטון געווארן לויט די פארלאנג פון די פלענינג באורד.

במשך די צייט פונעם מלאכת הבנוי' האבן תושבי קרית יואל מיט פרייד מיטגעהאלטן די אומגלויבליכע פארשריט להרחיב גבולי הקדושה. מען האט געזען די גאנצע געביידע און דאס פארוואנדלט אין א פנים חדשות אויסרייסנדיג די גאנצע אינהאלט און סטרוקטור ביזן איבערלאזן בלויז די רויע ווענט. און מיט די ריכטיגע ארכיטעקטן און אינזשענירן האט מען דאס צוריקגעבויעט מיט פילע 3 נייע שטאק, א פראכטפולע מקוה אינעם אונטערשטן שטאק, געבויעט מיט אלע חומרות והידורים כפי הוראות מרן רביה"ק זי"ע, דערנאך א באקוועמע משמש שטיבל, שאוער'ס, חדר המקוה, און נאך פילע אייינריכטונגען לקדש ולטהר. און דערנאך די צווייטע שטאק א גרויסע היכל לתורה ולתפלה, און דער דריטער שטאק העולה על כולם די עזרת נשים גאלעריע. אלעס מיט אזא שיינקייט און פראכט מיט הרחבת הדעת פאר די באקוועמליכקייט פון די באי בית ה'.

אצינד שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה נאך חדשים פאראויסמארש ווען די ארבעט האט מארשירט מיט אייפער און גאלאפ אן אפשטעל. גרייט מען זיך שוין ב"ה צוצוטרעטן צום פייערליכן חנוכת ביהמ"ד ווי אלע תושבי השכונה בראשות הגה"צ רב דביהמ"ד שליט"א וועלן מיטהאלטן מיט התרגשות וואו עס ווערט געגאסן און פארפעסטיגט די רוחניות'דיגע יסודות השכונה ויסודות הטהרה פארן עתיד השכונה פאר לאנגע יארן. און מען וועט שוין בסייעתא דשמיא אויף דאס יאר תשפ"ג זוכה זיין אפצורעכטן די ווארימע תפילות ימים נוראים בימי הרחמים והרצון אינעם נייעם בנין.

**ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ**



בס"ד





עזר למזון
Ezer Lemuzan
לע"נ הרה"ח ר' **שמואל** ב"ר **זיידא ישראל חיים הלוי** ז"ל

העכער דריי מיליאן דאלער, איז דורכ'ן פלאטפארמע אריבערגעגאנגען פון אייערע הענט, צו די אקאונטס פון אומצאליגע משפחות וועלכע האבן זיך געשפייזט אדאנק אייך. **איר האט מיט וואס צו זיין שטאלץ.**

כל מזונותיו של אדם קצובים לו מר"ה ועד ר"ה: יעצט ווען אין הימל שרייבט מען אייך אן א נייעם בודזשעט, וועלן אייערע זכותים פון שענקן פרנסה פאר אנדערע, זיכער אנטקעגן קומען, אז איר זאלט פארזיגלט ווערן פאר א יאר פון שפע, געזונט און נחת!

## Williamsburg

| Store | Amount |
|---|---|
| All Fresh | $21,705.00 |
| Bandau | $17,070.00 |
| Bedford Gardens | $31,480.00 |
| Central Market | $40,680.00 |
| Chestnut | $61,850.00 |
| Coconut | $21,240.00 |
| Fleishman's | $3,450.00 |
| Food Expo | $32,025.00 |
| Food Pyromid | $9,160.00 |
| Frankels | $52,300.00 |
| Goldberger | $14,805.00 |
| Green Fresh | $11,510.00 |
| Hatzluche | $49,545.00 |
| Kahan's | $22,765.00 |
| Klein's | $20,945.00 |
| Launda's | $17,785.00 |
| Lee Gardens | $49,245.00 |
| Lefkowitz | $5,160.00 |
| livyuson Fish | $2,785.00 |
| Myrtle Plaza | $17,100.00 |
| Quality Fresh | $10,155.00 |
| Rosenfelds | $11,750.00 |
| Satmar Butcher | $151,415.00 |
| Satmar Meat Ross | $97,530.00 |
| Schwartz | $29,625.00 |
| South Side | $38,055.00 |
| Spitzer's | $17,830.00 |
| The Comer | $30,925.00 |
| The Pantry | $8,110.00 |
| W Fresh | $29,445.00 |
| Yellow Basket | $18,110.00 |

## Boro Park

| Store | Amount |
|---|---|
| 46 Food Center | $23,015.00 |
| Appels | $15,735.00 |
| Apptizing Plus | $9,300.00 |
| Ari's fruitland | $5,920.00 |
| Bochners | $20,960.00 |
| Butcher 52 | $48,755.00 |
| Butcher 53 | $23,465.00 |
| Center fresh | $16,385.00 |
| Duddys | $11,230.00 |
| Einhorn's | $37,895.00 |
| Fischmans | $21,945.00 |
| Food Basket | $21,860.00 |
| Food Depot | $29,125.00 |
| Food land | $4,680.00 |
| Ft. Hamilton | $10,990.00 |
| Goldberg's | $23,900.00 |
| Gourmet Glatt | $3,080.00 |
| Kaff's | $11,525.00 |
| Kehilla Butcher | $2,390.00 |
| Kol Tov | $16,440.00 |
| Kosher Discount | $16,785.00 |
| KRM | $28,395.00 |
| Mazel | $18,755.00 |
| Mega 53 | $46,860.00 |
| Mehadrin | $18,690.00 |
| Mehudar | $700.00 |
| Mittelman | $3,065.00 |
| Paperific | $10,985.00 |
| Parkville | $19,250.00 |
| Posner's | $10,480.00 |
| Rubins | $4,495.00 |
| Super 13 | $65,915.00 |
| Tov Meod | $15,770.00 |
| Weber's 16 | $12,650.00 |
| Weisner's | $9,220.00 |
| Yidel's | $14,465.00 |

## Montreal

| Store | Amount |
|---|---|
| Bentzys | $5,000.00 |
| Continental Meat | $1,310.00 |
| Lipa's | $55,230.00 |
| R&Z Fish Store | $3,175.00 |
| Walter's | $18,160.00 |

## Jersey City

| Store | Amount |
|---|---|
| Olive Branch | $9,635.00 |

## Kiryas Yoel

| Store | Amount |
|---|---|
| Feder's | $9,720.00 |
| Frankel's | $17,505.00 |
| Grand Food | $27,385.00 |
| Hatzluche Butcher | $21,320.00 |
| KJ Meat | $49,625.00 |
| Landau's | $132,960.00 |
| Papermint | $32,980.00 |
| Refersh | $75,500.00 |
| Satmar Butcher | $43,600.00 |
| Shlomie's | $31,070.00 |
| Weinstock | $11,200.00 |

## Monsey

| Store | Amount |
|---|---|
| All Fresh | $111,235.00 |
| Evergreen - Monsey | $155,180.00 |
| Evergreen - Pomona | $23,875.00 |
| Hatzlacha | $123,555.00 |
| Madanim | $11,055.00 |
| Monsey Glatt | $44,990.00 |
| Mottys | $11,145.00 |
| Newday | $25,470.00 |
| Red Delicious | $27,815.00 |
| Rockland Kosher | $184,710.00 |
| Wesley Kosher | $3,220.00 |
| Credit Card | $54,875.00 |
| Special Donations | $137,840.00 |

| Williamsburg: | Boro Park: | Montreal: | Jersey City: | Kiryas Joel: | Monsey: |
|---|---|---|---|---|---|
| $945,555.00 | $655,075.00 | $82,875.00 | $9,635.00 | $452,865.00 | $722,250.00 |

Sponsors






Pentagon 718.400.9035

אין עוד מלבדו

# RAPID CARE

## YOUR COMMUNITY URGENT CARE

**COVID TESTING**
No out of pocket cost

# תשרי סקעדזשול

| שבת און יום טוב טעג | געוועגליכע טאג |
|---|---|
| פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |

| שבת | פרייטאג | דאנערשטאג | מיטוואך | דינסטאג | מאנטאג | זונטאג |
|---|---|---|---|---|---|---|
| וילך - שובה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | צום גדלי'<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ראש השנה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ראש השנה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ערב ר"ה<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| האזינו<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | יום כיפור<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ערב יו"כ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| שבת חוה"מ<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ג' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ב' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | א' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ב' דסוכות<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | א' דסוכות<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ערב סוכות<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| בראשית<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | אסרו חג<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שמחת תורה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שמיני עצרת<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | הושענא רבא<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |

מיר שטייען אייך גרייט צו סערווירן
מיט געטרייע עמערזשענסי רום
דאקטוירים צו אייער צופרידנהייט!

*א גוט געבענטשט יאר, געזונטערהייט!*

**WALK IN!**
**NO appointments needed!**





**815 NY-208**
**South Blooming Grove**
**845.525.2000**

### זה קלי ואנוהו:

# מייעסטעטישער נייע בנין המפואר "דקהל תפלה למשה" וועט בס"ד שטיין כליל בהדרה גרייט אפצורעכטן די געהויבענע תפלות אויף דעם ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט

**פראכטפולער אויג פארכאפענדער געביידע אויפן צענטראלן ווען ביורען גאס שיינט ארויס לכבוד ולתפארה אלס איינס פון די שענסטע בתי מדרשים בעיר ואם בישראל קרית יואל מיט הערליכער ארון הקודש, מזרח וואנט, פרעכטיגע שניצונגען אויפן עזרת נשים איבערגעדעקט מיט טייערע מארמאר שטיינער לתפארת ולנוי**

**זעלטן פרעכטיגער געביידע מהחל ועד כלה געבויעט און אהערגעשטעלט במלוא הדרה דורכ'ן פטרון ביהמ"ד הרבני הנגיד ר' אברהם יודא גאלדבערגער שליט"א בוני ומקים עולמות של תורה ותפלה בכל תפיצות ישראל**

קהל תפלה למשה בראשות הגה"צ רבי שלום ראטענבערג שליט"א גרייטן זיך אויף די קומענדיגע ימים נוראים זיך אריינצוציען אין נייעם געביידע הארט נעבן אלטן ביהמ"ד
זיצן אויספארקויף אינעם פרעכטיגן נייעם בנין צו די תפלות ימים נוראים גייט אן אין פילן שוואונג פאר די פילע מתפללי ביהמ"ד וחברי הקהלה



ילכו מחיל אל חיל:

# הנהלת 'עמוד התורה' דק"ק קרית יואל מארשירט פאראויס מיט שטויגענדע 'הרחבת גבולי התורה' מיטן רע-גרינדונג פון 'חבורת התאחדות אברכים' צום ארגינעלן קאנצעפט מיטן אוועקשטעלן חבורות פאר אלע יארגענג באזונדער צו באגלייטן טויזנטער אברכי קרית יואל

**אויפן ארגינעלן ציל כפי רצון קדשו מרן רביה"ק זי"ע צוזאמצוהאלטן די יונגעלייט בשבת אחים און די הייליגע המשכה זעצט פאר בגאון ובעוז מיט די פארשטערקערטע פעולות פון מפעל 'עמוד התורה'**

נאכן התייעצות הקודש מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א: ראשי חבורות דיינים ותלמידי חכמים שליט"א ווערן נתמנה דורך מפעל 'עמוד התורה' לשרת בקודש צו באגלייטן אלע אינגעלייט מיט הדרכה, חברותות, שיעורי תורה, ועוד ועוד להרים קרן התורה בתוככי העיר רבתי, לעצטע דעטאלן פון יעדע חבורה באזונדער לויט די יארגענג ווערט יעצט פארענדיגט און געגרייט צו פארשפרייט ווערן דורך די חשוב'ע ראשי עסקנים

## ערשטע חבורה אינערהאלב נייע אפטיילונג 'חבורת התאחדות אברכים' שע"י עמוד התורה מיטן עטאבלירונג פון 'חבורת שנת תשע"ז' בראשות פון ראש החבורה הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א

פלאמפייערדיגע 'מעמד התייסדות' פון ערשטן חבורה בהתאסף די הונדערטער בני החבורה יוצאי הישיבות בשנת תשע"ז קומט פאר היינטיגער מיטוואך באולם המפואר שע"י בית הרבני הנגיד ר' שאול פערלמוטער הי"ו אויף ווען ביורען בראשות דער ראש החבורה וועלכע וועט איפטרעטן מיט דברי הכנה לימי הרחמים והרצון

שני שיעורים הבאים כאחד

# צוויי נייע שיעורים האבן זיך אנגעהויבן אין די לעצטע טעג אינערהאלב די טעגליכע שיעורים וואס קומט פאר יעדע נאכט באזונדער פאר יעדע יארגאנג

הערליכער **שיעור** אין **מסכת מנחות** ווערט פארגעלערנט יעדע אויפדערנאכט פאר **יוצאי הישיבה שנת תשע"ו** אין גרויסן ביהמ"ד **בהיכל עזרת נשים** דורך הרה"ג ר' **אשר יחזקאל שווארץ** שליט"א ר"מ בישיבתינו הק'

נייע **שיעור** אין **מסכת מגילה** ווערט פארגעלערנט יעדע אויפדערנאכט פאר **יוצאי הישיבה שנת תש"פ** אין **היכל מנחם זאב** בביהמ"ד בית כהנא דקהלתינו פארגעלערנט בטוב טעם ודעת דורך הר"ר **אשר מרדכי שלעזינגער** שליט"א

און צוגאב צו די **ביז יעצטיגע 3 שיעורים** פאר יונגעלייט יוצאי הישיבה: — **תשע"ו** הר"ר **מיכל וויס** הי"ו **תשע"ז** דורך הר"ר **יואל לעפקאוויטש** הי"ו **תשע"ח** הר"ר **מרדכי אהרן שווארץ** הי"ו **תשע"ט** הר"ר **יואל משה בארלעוו** הי"ו

והכינו את אשר יביאו:

# סעריע דרשות ושיעורים און דברי הכנה לקראת ימי הרחמים והרצון ווערט אפגעהאלטן אין אלע קהל'ישע בתי מדרשים לענגאויס העיר רבתי

## ביהמ"ד הגדול:

רייכע דרשות דורך פה מפיק מרגליות הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א שטורעמט אויף הערצער אין גרויסן ביהמ"ד פון ריזן ציבור מבקשי ה' אריינצוקומען צום יו"ט מיט די ריכטיגע הכנה און חשבון הנפש צו וויסן מה חובתינו בימים הנוראים האלה

שטארקע דארשט ביים ציבור משתתפים מיטצוהאלטן די שיעורי פון הרה"ג מלהיב לבבות ישראל לאביהם שבשמים הרה"ג ר' לייביש דייטש שליט"א מגיד משרים בקהלתינו הק' וועלכע ווערט אפגעהאלטן מידי שבוע בשבוע אין די לעכטיגע ליל שישי נעכט ווערט אצינד אויסגעברייטערט בדברי הכנה לימים טובים הבעל"ט אין גרעסערן מקום בהיכל עזרת נשים

## ביהמ"ד ישמח משה:

רייע שיעורים פון הגה"צ ר' בערל ראזענבערגער שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל וועט צוטיילט ווערן אין 3 באזונדערע שיעורים אין די שבת נאכמיטאג שטונדען מיט דברי הכנה ועניני הלכה אויף די ימים טובים הבעל"ט וועט פארקומען אין היכל ישכר בעריש בביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל מיטן באטייליגונג פון ריזן ציבור תושבי השכונה

דרשה נלהבה קומט פאר היינטיגן דאנערשטאג דורך הרה"ג דורש טוב לעמו ר' יהוסף מאשקאוויטש שליט"א ר"מ בישיבתינו הק' מיט שטארקע אויפטריט לקראת ראש השנה הבעל"ט אין היכל ישכר בעריש בביהמ"ד ישמח משה דקיט"ל

## ביהמ"ד בית כהנא:

שטארקע שיעורים איינגעפעדימט פארצוקומען דורך הרה"ג בנש"ק ר' אלטר משה כהנא שליט"א מרבני כולל סאטמאר קרית יואל אויסגעשטעלט געווארן צו לויפן אין 3 באזונדערע סעריעס בשב"ק אחצ"ה מיט דברי הכנה ועניני הלכה אויף די ימים טובים הבעל"ט וועט פארקומען אין היכל מנחם זאב בביהמ"ד בית כהנא דקיט"ל מיטן באטייליגונג פון ריזן ציבור מתפללי ביהמ"ד תושבי השכונה

## ביהמ"ד מעריוואלד:

גאר פלאמפייערדיגע דרשה היינטיגן דאנערשטאג ערווארטעט צוזאמצוברענגן ריזן ציבור תושבי שכונת בלומינגראוו זיך אנצואווארימען מיט דברי הכנה לקראת ימי הרחמים והרצון דורכ'ן דושינסקיא ראש ישיבה הרה"ג ר' פנחס יקותיאל יודא כ"ץ שליט"א רב דקהלתינו שכונת בעיטס מאנסי

שיעור כללי הל' ראש השנה דורך דעם דיין הרה"ג ר' מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א די וואך שב"ק נאכמיטאג אום 6:00 בהיכל הביהמ"ד

## ביהמ"ד בית יעקב נחמי':

גרויסער ציבור תושבי שכונת קארלסבורג-עצי תמרים האלטן מיט קלארע שיעורים פארגעלערנט דורך הרה"ג ר' יואל ברוין שליט"א דומ"ץ בית יעקב נחמי' דקיט"ל. ערשטע שיעור פארגעקומען דעם פארלאפענעם זונטאג, צווייטע שיעור ערווארטעט היינטיגן דאנערשטאג בהיכל הביהמ"ד

יעדער תושב נעמט אויף יו"ט א

גאסט

ווייל אזוי איז די הלכה

# תושבי קרית יואל טרעטן אריין אין די הייליגע טעג מיטן גרויסן כח הצדקה דורך די שטאטישע צדקה קאסע "צדקת העיר קרית יואל"

## איבער 1300 קיופאנס פארטיילט דורך צענטראלע שטאטישע קאסע "צדקת העיר" - הונדערטער אויפגעסיינט צו טשארדזשן אויטאמאטיש זייער קארטל אין די פיר מסוגל'דיגע טעג, ערב ראש השנה, ערב יום הקדוש, ערב סוכות, און הושענא רבה - סוקסעספולער קאמפיין שליסט אריין פילע תושבי העיר צו לאדענען "א גאסט" אויף יו"ט

קרית יואל. - אשריך קרית יואל! אט דאס שרייט ארויס פון זיך אליינס, שטייענדיג אצינד ביים שוועל פון די הייליגע טעג, ווען אידישע קינדער פארמערן מצות און מעשים טובים וואס זאלן זיין א זכות ביי די פארכטיגע ימי הדין, יעדער איינער כאפט אריין וואס מער, און עס דערקענט זיך שטארק אין די קעשענעס פון די עניי ונצרכי העיר, וואס באקומען לכבוד יו"ט צו קענען איינקויפן מיט א ברייטקייט.

ווי נאר דער צענטראלער שטאטישער קאסע "צדקת העיר" האט פארעפנטליכט אז מען וועט אזויווי יעדעס יאר, אויך דאס יאר פארטיילן 50% גראסערי קיופאנס, האבן פילע אידן אינזינען געהאט זייערע אייגענע קרובים אדער שכנים וואס אזא קיופאן איז פאר זיי א גרויסער הילף, און אריינגערופן אין אפיס פון צדקת העיר, וועלכע האט געהאלטן ווארט און ארויסגעשיקט די קיופאנס פאר יעדן איינציגסטן נאמען פאר וועמען מען האט אריינגערופן, מיט די גרעסטע דרך כבוד וואס איז נאר מעגליך.

אצינד שרייבנדיג די שורות האלט מען שוין נאכדעם וואס הונדערטער נויטבאדערפטיגטע משפחות אין קרית יואל האבן זיך מחי' געווען מיט די גראסערי ארדער'ס פאר ראש השנה, וואו זיי קענען קויפן מיט א ברייטקייט, וויסנדיג אז עס איז "חצי חינם", האלב פון די קאסטן איז אויף די פלייצעס פון צדקת העיר.

ווי פאריאר, וועט דאס יאר אויך געגעבן ווערן, א ספעציעלע דיסקאונטס פון 30% צו קענען קויפן די ד' מינים, און עס איז ארויסגעשיקט געווארן פאר די אלע וואס האבן אריינגערופן פאר די גראסערי קיופאנס, ווי זיי וועלן אטאמאטיש אויך באקומען די טשעק-קיופאן פון די ד' מינים בע"ה.

די קרעדיט קומט זיך פארשטייט זיך אליינס, פאר תושבי קרית יואל, וועלכע הערן צו דאס ווייי געשריי פון זייערע אייגענע קרובים און שכנים, און האבן זיך אנגעשלאסן אין די "גאסט" קאמפיין וועלכע איז היי-יאר פראקלאמירט געווארן דורך צדקת העיר.

די עסקנים זענען ארומגעגאנגען אין אלע בתי מדרשים אין שטאט, און וועלן פארזעצן ארומצוגיין אין די קומענדיגע פאר טאג, מיט א ספעציעלער איינגעשטעלטער סיסטעם אז יעדן טאג גייען די עסקנים ארום אין א צווייטער בית המדרש.

ווי זיי געבן איבער הערשט אן אויסטערלישער ווארימקייט און געוואלדיגע גוטוויליגקייט ביי תושבי קרית יואל, וועלכע זענען א גאנץ יאר דער סימבאל פון חסד, כל שכן ווען עס קומט צו די הייליגע טעג, ווען אידן ווילן האבן א גוט געבענטשט יאר, און מען פארמערט מיט פיל שענערע סכומים.

באזונדער האט מען די מעגליכקייט צו טשארדזשן אויטאמאטיש די קרעדיט קארטל אין די פיר גאר מסוגל'דיגע טעג פון חודש תשרי אין פיר באזונדערע פעימענט'ס, אום ערב ראש השנה וואס געבן דאן צדקה איז א סגולה להכתב בספרן של צדיקים, ווי עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים אז אין זכות פון דעם וואס מען האט רחמנות אויף ארימעלייט, איז זיך דער באשעפער מרחם אויף דעם איד.

אזוי אויך וועט מען אויטאמאטיש טשארדזשן דעם קרעדיט קארטל אום ערב יום הקדוש, וואס איז א סגולה פאר מחילת עוונות, ווי עס ווערט געברענגט אין די גמרא אז היינט צוטאג'ס ווען עס איז שוין נישט פארהאנען קיין קרבנות, טוט צדקה מכפר זיין אויף די עבירות וואס א מענטש פאלט דורך.

אזוי אויך וועט מען דאס טשארדזשן ערב סוכות, ווי עס שטייט אין אר"י הקדוש אז געבן צדקה פאר ארימעלייט איז די גרעסטע סגולה, און דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט אז די צדקה וואס ער פארטיילט ערב סוכות איז זיין "נוי סוכה".

דאס איז אויסערדעם וואס עס איז באקאנט די הייליגע ווערטער פונעם זוהר הק', אז דאס וואס מיר ווייסן איבער די געהויבענע געסט וואס קומען אראפ צו אונזערע סוכות, די הייליגע אושפיזין עילאין די שבעת הרועים, דאס איז בלויז געזאגט געווארן פאר א איד וואס האט אריינגענומען אורחים אין שטוב, ווייל אזוי ווייסן די אבות הק' אז ער איז גענוג ראוי און פאסיג אריינצונעמען געסט אין שטוב, און זיי קומען אראפ צו דעם איד'ס סוכה צו באשיינען דעם יו"ט און זיין סמוך על שולחנו.

און אחרון חביב וועט מען דאס טשארזשן אין סאמע די הייליגע טאג פון הושענא רבה, ווי עס איז גאר א געהויבענע טאג פון מסירת הפתקין, אין דעם טאג איז די גמר החתימה און עס שטייט אין אלע ספרי קודש אז עס איז א ענין צו מרבה זיין בצדקה, ובפרט ביי סאטמערע חסידים האט מען געוויסט אז דעם טאג איז פון די גרעסטע טעג פון יאר ווי רביה"ק זי"ע האט אראפגעלייגט א עבודה וואס איז אין לשער.

אויב ווילט איר נאך האבן א טייל אין די גרויסארטיגער קאמפיין און איר זענט נאכנישט אנגעקומען דערצו, זייט נישט באזארגט, איר קענט יעצט אריינרופן אין אפיס אויף 845.751.0233 צו באשטייערן אייער הערליכער נדבה, און די מצוה פון צדקה וועט אייך באגלייטן אויף אייביג, און זיין א מליץ יושר ביי די הייליגע טעג.

**וצדקה מעבירין את רוע הגזירה**

דראַסטישע 25% העכערונג אין "תשרי חלוקה" דורך די צענטראלע שטאטישע קאסע 'צדקת העיר'

# באַרימטע "גראָסערי קיופאַנס" ווערט אויסגעברייטערט מיט 4'טע טשעק

## נאך אַ 50% גראָסערי-קיופאַן צוגעלייגט, לכבוד די "צווייטע טעג סוכות" צוליב אינפלאציע

א פרייד-כוואליע נעמט ארום די פילצאליגע נצרכי עיר קרית יואל רבתי, וואס זיי האבן אין די יעצטיגע טעג ערהאלטן די ברייטע "גראסערי קיופאנס" דורך די שטאטישע צדקה קאסע "צדקת העיר", ווען עס ווערט אנאנסירט א שטארקע דורכברוך מיט'ן דראסטיש אויסברייטערן די חלוקה, צולייגנדיג א "4'טע טשעק" פון די 50% גראסערי-קיופאנס פאר די גראסערי אויסגאבן אין חודש תשרי.

דער גראנדיעזער "תשרי חלוקה" דורך "צדקת העיר" האָט אין די לעצטע יאָרן מער-און-מער אַריינגעברענגט דעם געדאַנק, אַז געניי ווי מען






דאַרף לכבוד פסח פאַרטיילן א חלוקה פאר די משפחות נצרכות, דאַרף מען אפשר נאָך מער דאָס פאַרטיילן לקראת די ימי חודש אלול ותשרי, ווען די הוצאות שטייגן אַזוי הויך, פון רעגיסטראַציע ביז שיך פאר די קינדער, און פון ד' מינים ביז כפרות און אַלעס אינצווישן.

צדקת העיר, די צענטראַלע צדקה-קאַסע פון די שטאָט, האָט געהערט דעם שטילן געשריי פון די פילצאָליגע משפחות נצרכות, און האָט דאַן אונטערגענומען דעם דאַן-פרישן פראָיעקט, דורכצופירן די גרויסע תשרי חלוקה, וואָס איז בעיקר געצילט, אַרויסצוהעלפן פאר די משפחות מיט די גרויסע גראָסערי-הוצאות וואָס מען האָט אין דעם חודש.

גארנישט אנדערש איז היי-יאר, זיך גרייטנדיג צו די ימים טובים פון חודש תשרי תשפ"ג לפ"ק, טוט "צדקת העיר" דורכפירן די גרויסע חלוקה, וואָס וועט אי"ה געבן פאַר די משפחות די מעגליכקייט איינצוקויפן אין גראָסערי במשך דעם חודש תשרי, פאר אַזויפיל ווי פופציג פראָצענט ביליגער אויף די ימים טובים אָרדערס! יעדע קיופאַן ווערט געדרוקט אין פארעם פון א "טשעק", טוענדיג מהנה זיין די נצרכים אויפ'ן העכסטן מאס דרך כבוד.

זוכנדיג אלעמאל צו גיין העכער אין מהנה זיין נצרכי העיר, איז היי-יאר צושטאנד געקומען די צוגאבע פון א 4'טע טשעק, אלס הוספה נכבדה צו די ביז איצטיגע 3 טשעקס, יעדע טשעק באזונדער מיט א 50% דיסקאונט אין גראסערי. די עקזיסטירנדע 3 טשעקס האט געצילט צו העלפן די נצרכים דעקן די גראסערי הוצאות, באזירט אויף די דריי צענטראלע איינקויף צייטן אינעם חודש תשרי, א) לכבוד ר"ה, ב) לכבוד יום הקדוש, ג) לכבוד סוכות.

שטייענדיג אין א תקופה ווען אינפלאציע פלאגט זייער דעם ציבור, ספעציעל ווען עס קומען די חגים וזמנים לששון, ווען די שטייגענדע פרייזן אויף אלע פראדוקטן און לעבנס הוצאות שפירט זיך אומגעהויער אין די קעשענע, האט "צדקת העיר" איינגעזען פאר וויכטיג צו גיין אין שפאן פון אינפלאציע... אז יעדער העכערט, וועט צדקת העיר אויך העכערן, צולייגנדיג א פרישע "קיופאן טשעק" פאר די תשרי חלוקה, ספעציעל געאייגנט צו האבן אויף איינצוקויפן אין גראסערי אויך פאר די צווייטע טעג יו"ט, וואס איז ווי א פארנעם פאר זיך, ושמיני רגל בפני עצמו.

ווידעראַמאָל, ווי עס איז דער שטייגער פון צדקת העיר, טיילט עס צדקת העיר פון איר קאַסע אָבער נישט פון אירע אייגן-געדרוקטע געלט... צדקת העיר פאַרטיילט דאָס

וואָס מען באַקומט פון די אלפי תושבי העיר, וועלכע זענען זיך משתתף אין די "גאסט קאמפיין" דורכ'ן שטיצן צדקת העיר'ס תשרי חלוקה, און ווירקליך האָבן זיי די מעגליכקייט מתפלל צו זיין און האָפן אַז "צדקה מעבירין את רוע הגזירה".

אצינד, אז די תשרי-חלוקה ווערט גראנדיעז פארברייטערט אויף א פיר-פאכיגע פארמאט, ווערט אויטאמאטיש צוגעשטעלט די געבענטשטע געלעגנהייט פאר די "גאסט קאמפיין" אנשליסער, וואס טוען ביישטייערן פון פאָראויס מיט'ן איבערגעבן קרעדיט-קאַרד אינפאָרמאַציע, פון וואָס עס וועט אין די ערבי החג אויטאָמאַטיש אַראָפּגערעכנט ווערן די באַשטימטע סכומים וואָס יעדער געט איבער, צו אריינכאפן די געוואלדיגע זכותים פון נתינת צדקה אין די פיר ערבי החגים, ארבעה פרקים אינעם ירח האיתנים, ערב ראש השנה, ערב יום הקדוש, ערב סוכות, ערב שמיני עצרת, ווען די נצרכי העיר געניסן פון זייער ברייטהארציגע נדבה.

ישיבה אבן שלמה

ישיבה
אבן
שלמה

YESHIVA
EVEN
SHLOMO

26 CLIFF CT.
MONROE, NY 10950
845.345.8456

צוות הישיבה

**הרב שלמה לייפער שליט"א**
מנהל לפנצ"ה

**הרב יוסף הענדלער שליט"א**
מנהל אחצ"ה

**הרב זושא שמעלצער שליט"א**
סגן מנהל

**הרב שמעון נייששטאדט שליט"א**
מגיד שיעור

**משה יעקב קליין**
בי סי בי עי.

**שמואל יצחק קליין**
מומחה בתורת הנפש

בעזהשי"ת

# מודעה משמחת

מיר ווילן מודיע זיין אז אופן קומענדיגן ווינטער זמן תשפ"ג, וועלן מיר האבן בעז"ה א שיינע באקוועמע דארמיטארי פאר די וואכן טעג.

**די וואס ווילן זיך איינשרייבן פאר'ן ווינטער זמן,**

## זאלן אריינשיקן אן אפליקעישאן נאך פאר יו"ט

**כדי מיר זאלן קענען מסדר זיין ברוחניות ובגשמיות עצהיו"ט.**

די ישיבה איז אוועקגעשטעלט מיט א ציל צו באגלייטן יעדן בחור בפרטיות ער זאל מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות.

**פאר מער פרטים קען מען רופן אין אפיס**
**845-345-8456**

**אדער קענט איר זיך פארבינדן מיט איינע פון די צוות הישיבה:**

הרב **שלמה לייפער** שליט"א, מנהל פארמיטאג, 917-974-0455.
הרב **יוסף הענדלער** שליט"א, מנהל נאכמיטאג, 845-304-8287.
הרב **זושא שמעלצער** שליט"א, סגן מנהל, 845-499-9718.
הרב **שמעון נייששטאדט** שליט"א, מגי"ש.
הרב **משה יעקב קליין** הי"ו, בי סי בי עי.
הרב **שמואל יצחק קליין** הי"ו, מומחה בתורת הנפש.
הרב **עזריאל בלומענפעלד** הי"ו, מומחה בתורת הנפש.

**הנהלת הישיבה**

# הונדערטער תושבי קרית יואל וועלן דעם יאר איינקויפן די ד' מינים ביי "קהל'ס אתרוגים יריד"

## מען שטעלט צו א ריזיגע אויסוואל פון הערליכע מהודר'דיגע ד' מינים פארן ציבור פאר גאר ביליגע פרייזן - גרויסע אויסוואל פון מאראקאער און יאנאווער אתרוגים - באזונדערע מיה און פלאג אריינגעלייגט געווארן היי-יאר צוצושטעלן הערליכע לולבים - גרעסערער שטאב עסקנים איפגענומען צו סערווירן דעם ציבור

## יריד קומט פאר זונטאג האזינו - עשי"ת, פון 3:00 ביז 11:00 אין עזרת נשים פון ביהמ"ד הגדול

שטייענדיג אין די טעג אינעם ברען פון די תשרי ימים טובים סעזאן, ווען יעדע אידיש הויז איז שטארק איבערגעשטרענגט מיט די פילצאליגע אויסגאבן פון הוצאות החג פאר די גאנצע פאמיליע בליעה"ר, ווערט אויפגענומען ביי אלע תושבי קרית יואל, פון גאר פרישע אינגעלייט ביז מיטליעריגע און עלטערע בעלי בתים, די גאר גוטע נייעס אז אויך דאס יאר האט מען בעז"ה, אריינגעלייגט גרויסע כוחות אהערצושטעלן א "יריד" וואו מ'וועט קענען איינקויפן די ד' מינים, גאר הערליכע מהודר'דיגע סחורה, פאר גאר ביליגע פרייזן, וואס דאס ווערט אהערגעשטעלט מיטן איינציגן ציל צו פארגרינגערן פאר אנ"ש וועלכע זענען אנגעשטרענגט מיט די גרויסע הוצאות החג.

עס איז שוין טאקע נישט דאס ערשטע יאר וואס דער יריד ווערט צוגעשטעלט, שוין א שיינע צאל יארן ווייסן די הונדערטער צופרידענע קאסטומערס אז פאר די שענסטע און ביליגסטע ד' מינים גייט מען צום קהל'ס אתרוגים יריד, אבער דאס יאר האבן די עסקנים אריינגעלייגט גאר גרויסע כוחות צו סערווירן דעם ציבור פיל בעסער און שענער פון ביז היינט מיט אסאך געביטן. סיי מיט מהודר'דיגע סחורה, וואס א דאנק דעם גרויסן קוואנטום וואס מ'קויפט איין באקומען די עסקנים גוטע פרייזן פון די מוכרים, אזוי אז מ'קען געבן גאר שיינע און מהודר'דיגע סחורה פאר ביליגע פרייזן, און סיי אינעם עצם אופן פון סערווירן דעם ציבור איז אריינגעלייגט געווארן מער כוחות ווי אין די פארגאנגענע יארן, אז יעדער זאל קענען ווערן סערווירט שנעל און גיך אויף א גאלדענעם טאץ.

ועל כולם האט מען אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות און אהערשטעלן שיינע לולבים, וואס מיט'ן צושטעלן הערליכע אתרוגים האט זיך דער יריד ספעציעלעזירט אויך ביז היינט, אבער ביי די לולבים איז נאך געווען וואס מוסיף צו זיין, און ווי די עסקנים געבן איבער האט מען דאס יאר טאקע אריינגעלייגט אסאך געלט צו באקומען די שענסטע און מהודר'דיגסטע לולבים, צו קענען צושטעלן פאר די קאסטומערס ביים יריד דאס בעסטע וואס איז פארהאן אויף די מארקעט.

עס איז אינטערעסאנט צו באצייכענען אז דעם פארגאנגענעם יאר ביים יריד האט א חשוב'ער דיין פון דא אין שטאט איינגעקויפט די ד' מינים ביים יריד, און ער האט דערנאך ארויסגעברענגט פאר די עסקנים זיין גרויס התפעלות וויאזוי מ'שטעלט צו אזא סערוויס פארן ציבור, מיט אזא שלימות, אז מ'גיבט אוועק די שענסטע סחורה פאר אזעלכע ביליגע פרייזן, וואס ווען נישט ער זעט עס מיט די אייגענע אויגן וואלט ער ממש נישט געגלייבט אז מ'קען פאר אזא מינימאלע פרייז באקומען אזעלכע שיינע מהודר'דיגע ד' מינים.

די זעלבע זאגן אויך אלע צופרידענע קאסטומערס ביים יריד, יעדער ברענגט ארויס מיט התפעלות אז ביים קומען צום ערשטן מאל צום יריד האבן זיי געקלערט אז זיכער ווארט זיי אפ דארט עפעס שוואכע סחורה.. אבער צו זייער גרויס וואונדער האבן זיי געטראפן גאר שיינע ד' מינים וואס יעדער האט באוואונדערט.

דאס איז אלעס צום פארדאנקן די מיה און פלאג וואס די עסקנים לייגן אריין וואכן לאנג פארן סעזאן, אויסצואראבעטן מיט די מוכרים אלע דעטאלן צו באקומען די שענסטע סחורה, צו קענען ארויסהעלפן די פילצאליגע אנ"ש מיט'ן איינקויפן מהודר'דיגע ד' מינים פאר גוטע פרייזן, פון איין זייט זאל מען נישט צאלן אסאך ווען מ'איז אזוי אנגעשטרענגט מיט די הוצאות החג, און פון די אנדערע זייט זאל מען גארנישט דארפן פארקוקן אויף הידור מצוה, נאר ארויסגיין צופרידן מיט די מהודר'דיגסטע ד' מינים אויף די מארקעט, און די עסקני הקהילה שיקן ספעציעל אראפ מערערע פראפעסיאנאלע מומחים וועלכע קלויבן אויס די שענסטע ד' מינים דאס צוצושטעלן פארן ציבור.

דער יריד היי-יאר וועט זיין אויפ'ן גאר באקוועמען לאקאציע, אין היכל עזרת נשים פון בית מדרשינו הגדול,
זונטאג האזינו
- עשי"ת,
פון 3:00 ביז
.11:00

עס וועט
אי"ה זיין
א ברייטע
שטאב פון
ע ר פ א ר ע נ ע
אינגעלייט אויפ'ן פלאץ צו באדינען דעם ציבור, און מ'וועט זיך מיט'ן איבערשטנס הילף אפגעבן מיט יעדן באזונדער זיכער צו מאכן אז יעדער באקומט אלעס לויט זיין פארלאנג, אויפ'ן בעסטן און באקוועמסטן אויפן וואס שייך.

במשך די גאנצע צייט פון די יריד וועלן די דיינים זיצן אין לשכת בית הוראה אקעגן איבער די ביהמ"ד הגדול אויף 6 גארפיעלד רד. ווי מ'וועט קענען פרעגן תיכף ומיד, נישט צו דארפן ארומלויפן ביז מען טרעפט וועמען צו פרעגן. עס וועט נישט זיין ערלויבט ארויסצוטראגן מער ווי 2 אתרוגים, און מען דארף עס איינמעלדן פאר די עסקנים פארן ארויסטראגן, און עס צוריקברענגען ביז א שעה פונעם עס ארויסנעמען.

דער עזרת נשים וואו דער יריד קומט פאר וועט אי"ה זיין אויסגעשטעלט אין עטליכע באזונדערע סעקשאנס, איינגעטיילט ספעציעל פאר יאנעווער אתרוגים און אן עקסטערער סעקשאן פאר מאראקאנער אתרוגים. עטליכע עסקנים וועלן שטיין גרייט ביי יעדן סעקשאן עקסטער לשירות הציבור.

דערנאך וועט מען צוגיין צו אן עקסטערע סעקשאן וואו מען וועט קענען באקומען שיינע געקליבענע לולבים, וואס ווי דערמאנט האבן די עסקנים היי-יאר אריינגעלייגט ספעציעלע כוחות צו אריינברענגען שיינע לולבים מיט א גוטן פארמאכטן שפיץ פון אויבן, שיין גראד, און הערליך גרין. אזוי אויך וועט זיין צו באקומען גאר מהודר'דיגע הדסים משולשים פון אלע סארט שיעורים כרצון איש ואיש.

מען בעט זייער מ'זאל חס זיין אויף ממון ישראל און נישט חלילה שאדן מאכן קיין אתרוגים און לולבים. מען זאל אנכאפן דעם אתרוג פארזיכטיג נאר מיט אַ פאפיר, נישט אנרירן איין אתרוג מיטן צווייטן, נישט קראצן אדער רייבן א פינטל, בלאט פלעק, אא"וו. עס וועלן אי"ה זיין עטליכע ספעציעלע מומחים אויפ'ן געביט פון אתרוגים און לולבים און זיי וועלן אַרויסהעלפן אויף אלע געביטן.

מ'דארף געדענקן אַז די "יריד" איז נישט דאָ פאַר ביזנעס נאָר צו פארגרינגערן דעם ציבור, במילא ערווארט מען די פולסטע קאאפעראציע פונעם ציבור, כדי מען זאל קענען צופרידנשטעלן יעדן איינעם עצהיו"ט.

עס איז צום האפן אז אזויווי אין די פארגאנגענע יארן ווען יעדער איינציגער קאסטומער ביים יריד איז ארויס צופרידן, און לאנגע חדשים נאכ'ן יריד האבן די עסקנים נאך כסדר צוריקגעהערט די גריסן פונעם ציבור איבער די צופרידנהייט פון דעם געלונגענעם סערוויס פון די ד' מינים יריד, וועט מען היי-יאר אויך בסייעתא דשמיא קענען סערווירן דעם ציבור צו יעדנ'ס בעסטע צופרידנהייט, און דער ציבור וועט זיך קענען איינהאנדלען הערליכע ד' מינים
פאר גאר ביליגע
פרייזן, און האבן
אן אמת'דיגן
עונג יום
טוב.



נאך פילע אינטערוועגץ פון עסקני העיר:

# רייע 4 דזשי. טעלעפאון 'סערוויס טאוערס' אויפגעשטעלט אין אלע עקן צו פארבעסערן קאמיוניקאציע אין שטאט

אינטערנאציאנאלע 'ווערייזאן' פירמע אינסטאלירט מאסיווע סערוויס טאוער העכער בנין 'אהל לאה אסתר' אין 'שכונת אלטא פיגא' צו סערווירן גאנץ קרית יואל און אלע שכונות. צושטאנד געקומען נאך פילע אינטערוועגצן דורך די חשוב'ע ווילעדזש באאמטע לתועלת די טויזנטער תושבי העיר

בארימטע אידישע 'סקיי-ווייער' עקסטשענזש טעלעקאם סערוויס אפערירט מאסיווע 'סערוויס טאוערס' ביים העכסטן פלאץ אין קרית יואל העכער ביהמ"ד בית כהנא דקהל יטב לב. צושטאנד געקומען נאך פילע אינטערוועגצן פון די געטרייע ראשי העיר חברי הנהלת קהל יטב לב לתועלת די טויזנטער תושבי העיר

## נייע איינריכטונג ברענגט מיט זיך גלענצענדער עתיד פאר תושבי קרית יואל מיט קלארע און דייטליכע סערוויס נאכדעם וואס די שטאט האט זיך געפלאגט מיט שוואכע סערוויס

נייע טאוערס וועלן ארויסהעלפן מיט די קאמיוניקאציע מיט די הילף פון די טאוערס העכער די בנינים אויףביידע פראנטן פון שטאט



סקיי-ווייער מאנשאפט ביים אינסטאלירן מאסיווע טעלעפאן טאוערס העכערן 'ישיבה קטנה תו"י דרב"י' העכערן ביהמ"ד בית כהנא דקיט"ל אין שכונת חברון ראוונע




ווערייזאן מאנשאפט ביים אינסטאלירן מאסיווע טעלעפאן טאוערס העכערן 'פרדס לאה אסתר' חתונה זאל אין שכונת אלטא פיגא

# אשארת חומותינו

פארזיצער פון 'הסתדרות הציונית העולמית' באשטעטיגט אפיציעל:

# "רעליגיעזע פארשטייער פון 'שס' און 'דגל התורה' זיצן אין דער 'הסתדרות' צוזאמען מיט רעפארמער"

אן אינערליכע געפעכט קומט פאר אין די לעצטע חדשים צווישן די א.ג. רעליגיעזע פארטייען 'דגל התורה' און 'אגודת ישראל' אויפן קריטישע פראגע 'מי בראש', ווען לויט ווי עס האט ארויסגעשיינט דורכאויס די לעצטע וואכן, זענען זיי פאר אביסל 'קנאה תאוה כבוד' גרייט איינצושטעלן דער גאנצע 'אחדות' און 'אגודה אחת' ביים לויפן צו די בחירות הטמאות, אבי דער צווייטער זאל נישט האבן קיין בענקל מער אין כנסת המינים.

מיר וועלן זיך נישט ארייננלאזן אין זייער זינלאזע פאליטיק, מיר ווען זיך אבער יא באציען צו זייער 'קנאות דקדושה', ווען דורכאויס דעם געפעכט פאר קנאה, תאוה, כבוד האט יעדער צד פרובירט אויסצושטעקן א כשר'ע פיסל, און אויסרופן: "ראו כשר אני" - אונזער קאמף איז פאר 'אידיאלאגיע'.

'דגל התורה' האט געטענה'ט בתוקף אז זיי 'קענען נישט' לויפן מיט 'אגודת ישראל' וואס רעכנט אריין אויך דער בעלזער קרייז, וויבאלד בעלזא האט דאך נאר לעצטנס פורץ געווען גדרות עולם מיטן איבערגעבן זייערע מוסדות פאר דעם ציוניסטישן 'משרד החינוך', ווען דאס איז געטון געווארן אויף זייער אייגענע האנט, אפילו אָן א פארמאלע אישור פון די חסידישע 'מועצת גדולי התורה'.

דאקעגן איז 'אגודת ישראל' נישט געבליבן שולדיג, און גע'טענה'ט אז 'דגל התורה' האט צעבראכן גדרות עולם, ווען זיי האבן פאריגע יאר, צום ערשטן מאל אריינגעוועלט פארשטייער אין דער אלוועלטליכער 'הסתדרות הציונית העולמית', דער קערפערשאפט וואס האט פאראויסגעשטופט דער רעיון הציוני און עווענטועל געגרינדעט די מדינה של גיהנם, און דארט - אין די קארידארן פונעם 'הסתדרות', זענען זיי מוסיף חטא על פשע מיטן זיצן אינאיינעם מיט רעפארמער דעפוטאטן פארן נידריגן פון דערגרייכן געלט און פאסטנס.

'דגל התורה' האט פרובירט לייקענען אז זייער פאפעט-פארטיי 'ארץ הקודש' וואס איז אריינגעוועלט געווארן אין דער 'הסתדרות הציונית העולמית' האט נישט קיין שייכות צו זיי, אבער דאן איז דער פארזיצער פון דער 'הסדרות' ארויסגעקומען צו די מידיא און קלארגעשטעלט: "די רעליגיעזע פארטייען 'דגל' און 'שס' זיצןביידע אין דער הסתדרות צוזאמען מיט די רעפארמער פארטייען, מיר ארבעטן שטענדיג וויאזוי צו פאראייניגן כלל ישראל", עפ"ל.

זו חטאת וזו פריה, עס גלייבט זיך שווער אז רעליגיעזע פארטייען וועלכע האבן יארן לאנג געזאגט אז זיי גייען אין כנסת כלומר'שט כדי צו אויפטון פאר אידישקייט, זיצן היינט באקוועם אין דער 'הסתדרות הציונית העולמית' - וואס איז דער סימבאל פון כפירה וניאוץ בה' ובתורתו, פארן איינציגן ציל פון געלט און פאסטנס, און דערפאר ברעכן זיי אלע יסודות'דיגע חומות פון דעם טיילונג מיט די רעפארמער און ציונים, און דארט זענען זיי פארנומען צו 'פאראייניגן כלל ישראל', רח"ל.

**נייע מפעל 'נר טוביה' געגרינדעט פאריגע וואך, צו שטיצן כוללים פאר פארמער וועלכע היטן שמיטה, דער מפעל ווערט גערופן ע"ש ולזכרו פון כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל שערי טוביה און ווערט געפירט דורך הגאון האדיר רבי דוד מיכאל שמידל שליט"א יו"ר אגודת אתרא קדישא וראש ישיבת טבריה קוממיות, און דורך הגאון רבי משה מענדלזאהן שליט"א גאב"ד קוממיות.**

על במותיך חלל:

# הערצאישער קאמף פון יהדות החרדית ראטעוועט כבוד המת נאך שווערן אומגליק אין 'בית שמש'

שאק און טרויער האט באנומען העיר רבתי בית שמש, מיטן הערן די ביטערע בשורה איבער טראגישן פטירה פון הרה"ח ר' אברהם חיים אנשין ז"ל, וואס איז אראפגעקלאפט געווארן דורך א טראק דרייווער צום טראגישן טויט, זייענדיג אין בלויזן עלטער פון 33 יאר, און איבערלאזנדיג 8 יונגע יתומים אינדערהיים כספינה מטורפת בלב ים.

ר' אברהם חיים וואס איז דורכאויס די יארן געווען באקאנט אלס א חבר נאמן ליראי ה', זייענדיג פון די חשוב'ע לוחמי מלחמת ה' אין שטאט בית שמש, איז אראפגעקלאפט געווארן דעם פארגאנגענעם זונטאג פר' כי תצא ביים ארויסקומען פון דאווענען מנחה אין א לאקאלע ביהמ"ד אין שטאט בית שמש.

טאקע דערפאר וואס דער טעכנישע אורזאך צו זיין טראגישע טויט איז נישט געווען מוטל בספק, האט דאס אידישע געפיל אויפגעקאכט ביז גאר ווען די ציוניסטישע פאליציי איז אנגעקומען אויפן ארט און מיט רשעות פרובירט אוועקנעמען דעם נפטר צום פאטאלאגישן צענטער 'אבו כביר', אנגעבליך "צו אבזערווירן דער אורזאך פון זיין טויט".

ערליכע אידן אין בית שמש האבן זיך צונויפגענומען אויפן ארט און מיט מסירות נפש אפגעהאלטן דעם אויטא מיטן נפטר פון פארן קיין 'אבו כביר', ווען די פאליציי האט געזען אז זיי קענען נישט אוועקפירן דעם קערפער, האבן זיי געשיקט מעלדן, דורך זייערע נאנטע, אז מ'גייט נישט פאלמעסן דעם קערפער, זיי ווילן דאס בלויז סקענען.

דאקעגן האט דער יהדות החרדית בהוראת הרבנים גדולי ומאורי ישראל שליט"א קלארגעשטעלט אז לא יתכן אז דאס קערפער פונעם נפטר וואס האט בחייו לוחם געווען מלחמות ה', זאל אנקומען צו די הענט פון די רשעים און מ'זאל אפהאלטן די לויה פאר נאך א טאג צייט מיט ביזוי וצער הנפטר, בלויז ווייל די פאליציי מיט זייער רשעות ווילן אבזערווירן דער אורזאך צום טראגישן טויט.

פון בית שמש האבן זיך די מחאות צעשפרייט קיין ירושלים און נאך שטעט, וואו איבעראל האט זיך דער ציבור צונויפגענומען און ארויס לוחם זיין מלחמת ה' קעגן די ציוניסטישע פאליציי, און דאן האבן זיך די פאליציי געבויגן און זיך גענצליך איבערגעגעבן צו דער פאדערונג פון בני היהדות החרדית צו באפרייען דעם קערפער אויפן ארט.

פון דעם ארט וואו דער אומגליק האט פאסירט איז דער נפטר געפירט געווארן צו טהרה און דער לויה, ווען א גרויסער ציבור תושבי העיר זענען זיך צונויפגעקומען אפגעבן כבוד און מלוה זיין דעם חשוב'ן נפטר וואס איז אזוי טראגיש אוועקגעריסן געווארן, און דערמיט האט ער זוכה געווען לקדש שם שמים בחייו ובמותו, ת.נ.צ.ב.ה.

**ללמדך עד היכן כחה של מחאה!**

עיר האלוקים מושפלת:

# ציוניסטישע שטאט-ראט אין ירושלים מעלדט מלחמה קעגן בויען סוכות אן א פערמיט

**סטראשען אז יעדע סוכה וואס ווערט געבויעט אין דער הייעך אפילו ס'איז באשטעטיגט דורך אן אינדזשעניר וועט ווערן אראפגעווארפן**




שטעלן זיך ווידעראמאל ארויס מיט זייער זינלאזע 'גוטסקייט' צו דאגה'ן פארן זיכערקייט פון דעם חרדי'שן ציבור

**יהדות החרדית וועט משיב זיין מלחמה השערה בדורון תפלה ומלחמה און אויפדעקן דעם אנטיסעמיטישן שלייער פון דער ירושלימ'ער מעיאר מ. ליאון**


WISHING ALL OUR CUSTOMERS A YEAR OF SUCCESS AND PROSPERITY.
NORTHEAST COMMUNITY BANK
A. 52 Bakertown Rd, Suite 205
T. 845.395.3200 W. necb.com
MON-FRI: 9AM-5PM · SAT: CLOSED · SUN: 10AM-2PM
dartmedia.us

דער בליץ פארקויף

א ריזן אויסוואל פון הונדערטער
גאר הערליכע מהודר'דיגע "אא"
# אתרוגים
פאר ~~האלסעיל~~
# פרייזן

סעט "אא" $129, סעט "אא מהודר" $149

— נאר איין טאג —

זונטאג האזינו-עשי"ת
למספרם Oct 2
פון 12 מיטאג ביז חצות הלילה

## בית רחל פאראדייס
5 Israel Zupnick Dr

אתרוגי יאנעווע ומאראקא | לולבים מיט הערליכע שפיצן | הדסים משולשים למהדרין

בריטע באקוועמע לאקאל

אויסגעלייגט גאר מסודר

פרישע סחורה יעדע שעה

פרייזן ווי קיינמאל בעפאר

אלע אתרוגים בהשגחת התאחדות הרבנים

דיינים ומורה צדק אויפן פלאץ



דער בליץ פארקויף



בס"ד
אבד נָשִׂיא מִן הָאָרֶץ
מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל
נשיא אתרא קדישא
געשטאנען אין שפיץ פון אלע פעולות קדושות להצלת ושמירת קברי קדמונינו
אסיפה פון אתרא קדישא בביתו
דער גאב"ד זצוק"ל ביי א מערת קבורה געראטעוועט דורך אתרא קדישא
כופר נפש
אתרא קדישא
ערב יום הקדוש
די גרויסע עיני העדה
נשיאי אתרא קדישא
הגאון הגדול רבי יוסף דוב הלוי סאלאווייציק זצ"ל - מבריסק
הגאון הגדול רבי יעקב ישראל קנייבסקי זצ"ל - הסטייפלער
הגאון הגדול רבי יחזקאל אבראמסקי זצ"ל - אב"ד לאנדאן
הגאון הגדול רבי אליעזר יהודה פינקל זצ"ל - ראש ישיבת מיר
הגאון הגדול רבי דוב בעריש ווידענפעלד זצ"ל - גאב"ד טשעבין
ויבדלחט"א מרנן
הגה"ק כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א
הגאון הגדול ראש ישיבת בריסק שליט"א

ב"ה




## 9 Koshnitz

This spacious and well-maintained apartment is perfect for you. This is a top floor of a two-story building. The apartment is in excellent condition. The backyard is a vast and spacious space.




## 2 Oxford Depot

Looking for an investment opportunity? Look no further! This private house with a big barn is occupied by a tenant, making it a great investment opportunity.
**Asking 289k only**!!




## 557 High st

Beautiful 4 bedroom private house. Newly renovated brand new kitchen. You'll fall in love with the private yard, perfect for entertaining or relaxing.

# For Sale:

- upgraded **7** room top floor apartment in the Meron area
- **8** room apt top floor on Lemberg
- **8** room apartment top floor on Rovna
- **5** room apt first floor on Prag
- **7** room apt second floor on Getzel Berger

# For Rent:

- **private house** right next to woodbury Junction with fixed up basement inground pool private
- **6 room** furnished apt sec 1 few months only
- **5** room apt on lemberg
- **6 room** apt schinus veyoel moshe sec 8 only one year lease
- **4 ,5,6 room** apt in schinus Veyoel Moshe
- **4 room** apt on Getzel Berger
- **3 room** on Getzel Berger
- **4 room** furnished apt for 8 months
- **6 room** apt satmar drive area
- **5 room** apt in woodbury juction
- **3 room** apt on Drubitch

**HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.**

**HFA REALTY GROUP**

The most trusted realty in קרית יואל והגלילות

**845.781.2410**
Sales@HFArealty.com

ext. 3 **משה יוסף פריעדמאן**
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 **מרדכי יואל אונגאר**
Cell 845-238-0039
Mordechai@hfarealty.com


בס"ד
די הייקעלסטע
פינטל
פון כלל
ישראל!
ווען מ'רירט
צו די הייליגע
שוכני עפר!
$54
64
יאר
אתרא
קדישא
האט אפגע-
ראטעוועט
פון
חיטוטי
שכבי
1000'טער
קברי אבותינו
אין אייער ביהמ"ד:
אויפן טעלעפאן:
929.930.4808
כופר
נפש
אתרא
קדישא
ערב יום הקדוש

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

### גייסטרייכע "חובתי" אָוונט פאר גראַדואירטע תלמידות "בית אַלטאַ פיגא" פון יאר תשע"ח - תשפ"א

די פילצאָליגע בנות ישראל הכשרות, גראַדואירטע תלמידות פון די הייליגע מוסדות בני יואל - בית אלטא פיגא, דורכאויס די יארן תשע"ח - תשפ"א, האבן מיטגעלעבט א געהויבענע און גייסטרייכע אווענט, דעם דינסטאָג, ג׳ סליחות, ווען אידישע טעכטער האָבן זיך פאַראייניגט צו שטעלן א פעסטן מויער קעגן די נסיונות פון אונזער דור, באגלייט מיט א פילפארביגע פראגראם און תוכנ׳דיגע רעדעס.

דער הערליכער "חובתי" אָוונט איז אַראַנדזשירט געוואָרן דורך די הנהלת מוסדות בני יואל אין די "עטרת מאיר צבי" חתונה זאלן, ספעציעל געווידמעט פאר די תלמידות וועלכע האבן גראדואירט "בית אלטא פיגא" אין די פאַרלאָפענע 4 יאָר, וואָס די יארגענג איז די סאמע קריטישע און יסודות׳דיגע יארן פאר א אידישע שטוב ווען עס ווערט געשטעלט דער יסוד פאר די דורות הבאים און דעריבער איז אזוי וויכטיג אין די יארן צו אויסשטעלן אן ערליכן פלאן וויאזוי די שטובער זאלן אויסזען בעז"ה, אויפ׳ן ערליכן שטייגער מיט אונזער ריינע מסורת אבות און דערווייטערט פון אַלע גוי׳אישע נייגונגען.

די תלמידות פון אט די יארן זענען די יונגע מאמעס פונעם קומענדיגן דור און זיי דארפן זיין אן אפשפיגלונג פון דעם חינוך וואס זיי האבן באקומען, מיט די נויטיגע שטארקייט צוביישטיין די פרישע נסיונות וועלכע קומען אונטער מיט יעדן פארבייגענדן טאג, עס נויטיגט זיך אסאך כוחות און פעסטקייט צו שטיין אויף דער וואך און נישט דערלאזן קיין שום אומגעוואונטשענע איינפלוס אריינקומען אין שטוב.

כדי דער אָוונט זאל זיין גאר ציענד און איינדרוקספול, איז דאס, מטעם די הנהלת הישיבה, איינגעאָרדענט געווען אויף א ספעציעלן אינהאלטסרייכן פארנעם, באגלייט מיט אינהאלטסרייכע פראגראמען און רעדעס וועלכע האבן ב"ה געברענגט די געוואונטשענע רעזולטאטן מיט א מאסן באטייליגונג פון נשים צדקניות וועלכע האָבן אָנגעפולט די "עטרת מאיר צבי" זאַלן פון ברעג צו ברעג.

עס האבן אויפגעטרעטן חשוב׳ע און באַגאַבטע רעדנערינס תחי׳, וועלכע האבן יעדע אויף זייער שטייגער ארויסגעברענגט וואונדערליך שטארק די געוואלדיגע וויכטיגקייט צו שטיין פעסט קעגן די בייזע ווינטן וועלכע באדראען אונזערע שטובער און דורות. איבערהויפט ווען איז נאך נאענט צו די נארוואס פארלאפענע שולע יארן, און מען איז נאך אנגעזאפט מיט די הייליגע השפעה פון "בית אלטא פיגא", איז דאך דעריבער א שאד אז מען זאל דאס לאזן אויסרינען און פארגעסן ווערן חלילה.

אויפ׳ן אָרט האָט מען געזען די געבענטשטע רעזולטאַטן פון דעם הייליגן מעמד ווען די פילע אָנוועזנדע אידישע טעכטער האָבן באַלד זיך אָנגעשלאָסן מיט אינספירירנדע קבלות טובות, זיך צו גודר זיין מיט גדרים וסייגים צו פארבלייבן הייליג און אפגעהיטן און האבן דעם אחריות צו היטן זיך און זייערע שטיבער פון אַלדאָס בייזן.

עס איז ספעציעל באַגריסט געוואָרן נדבת לבו הטוב פון הרבני החסיד מו"ה יצחק יונה לאָנדאָ שליט"א, חבר הנהלת מוסדות בני יואל, וועלכער האָט מנדב געווען די הוצאות פון דעם מעמד, לעילו נשמת אביו ע"ה.

דער אווענט פון אחדות און יראת שמים, האט געשטארקט אלעמען מיט קבלות טובות און הויפענעס חיזוק און התחזקות, זיך צו האלטן פעסט קעגן די בייזע ווינטן און שפינען ווייטער דעם גאלדענעם קייט פון די אמהות הק׳ עד ביאת הגואל. כה תאמר לבית יעקב!

### ביהמ"ד קומץ המנחה וועט צום ערשטן מאָל פראַוועז אַלע תפלות ימים נוראים מיט אַ דערהויבנקייט אין רחבות׳דיגע לאָקאַל

מיט פרייד איז אויפגענומען געוואָרן די מעלדונגען מטעם די דערהויבענע חבורה שע"י בית המדרש קומץ המנחה, אַז די קומענדיגע טעג פון ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט וועט בעז"ה געפראַוועט ווערן אַלע תפלות היום מבואו ועד צאתו, אינאיינעם אין אַ פאַרגרעסערטן בית המדרש, וואָס ווערט ספעציעל איינגערישט צו אָפּרעכטן דאָרט די תפלות ותקיעת שופר, מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות און התעלות בעבודת השי"ת מבואו ועד צאתו.

די הנהלת הביהמ"ד האָט אַרויסגענומען דעם בית המדרש ברסלב אויף עיקערס רד. וואָס וועט אַקאָמאַדירן אַלע בני החבורה מתפללי ביהמ"ד מיט אַ רחבות. אין די יעצטיגע טעג ווערט פאַרקויפט זיצן (שטעט) אויף די ימי ראש השנה ווי עס איז דער מנהג אין אַלע קהלות קדושות בישראל. צו איינהאַנדלן אַ גוטן זיץ פאר אַ צוגענגליכע פרייז קען מען זיך ווענדן צו הר"ר אליעזר טעלער הי"ו, אויף 845.376.7805 - לשמוע אל הרנה ואל התפלה!

### כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א אויף א קורצן באַזוך לרגל ימי הרחמים והרצון

קרית יואל. – דעם היינטיגן מאָנטאָג פרשת נצבים ב׳ סליחות האָט כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי ספינקא שליט"א געוויילט אין שטאָט אויף אַ קורצע באַזוך אויפצונעמען און גזעגענען חסידים ומעריצים לרגל די ימי הרחמים והרצון.

פילצאָליגע תושבי העיר האָבן אַ ספעציעלן קשר מיט׳ן רבי׳ן שליט"א וועלכער ווילט אין די זומער חדשים דאָ אין שטאָט, אין צוגאָב צו עטליכע שבתים דורכ׳ן יאָר, ווען זיי נהנה זיין מאור תורתו וצדקתו פון דעם ממלל רברבן און דערקוויקן זיך זייערע הערצער פון די שלל פתגמין ועובדין טבין. דעם רבי׳נס שטוב איז אַ תל תלפיות שהכל פונים וואו חסידים און מעריצים זענען משכימים לפתחו און מען איז נהנה עצה ותושיה אין אַלע ענינים מיט די דברי הדרכה והתחזקות.

דעם מאנטאג איז דער רבי שליט"א אָנגעקומען אין די נאָכמיטאָג שעה׳ן און אויפגענומען דעם ציבור וועלכע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט לברך ולהתברך לקראת הימי הרחמים והרצון, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן ביז אין די שפּעטע נאַכט-שטונדן צוליב דעם ריבוי עם וואָס האָט משכים געווען לפתחו, להזכר בדבר ישועה ורחמים.

### גאָר איינגאַרטיגע און הערליכע סיום אויף 1000 מאָל "ספר תהלים" געפראַוועט מיט זעלטענע התרגשות



אין אַ צייט וואָס מסיבות פון סיומים אויף מסכתות איז ב"ה אן אפטע ערשיינונג ביים היימישן ציבור, איז די פאַרלאָפענע וואָך אָפּגעראָכטן געוואָרן אין קרית יואל אַ ריינדער און העכסט

# שטוינענדע רעוואָלוציע פון "קופּת חינוך הטהור - קרן ישכר בער" דערגרייכט די פאַנטאַסטישע סומע פון אַ מיליאָן דאָלער וואָס איז פאַרטיילט געוואָרן בלויז דורך די הייליגע קאַסע

**נאָבעלע איינפּיר פון "קופּת חינוך הטהור" נעמט איין מיט אַ שטורעם די גאַנצע שטאָט קרית יואל און שפּרייט זיך זינט דאַן אויס אין אַלע בתי מדרשים לענגאויס קרית יואל וואו עס ווערט פאַרטיילט צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן פאר שלוחי דרחמנא מנהלי ושלוחי חינוך הטהור**

קרית יואל - "אשרינו מה טוב חלקינו" איז דער ריכטיגער אויסדרוק וואָס קומט אויפ'ן געדאַנק ווען מען לעבט מיט אַזאַ פריידיגע ערשיינונג אינערהאַלב דעם באַרימטן הייליגען "קופּת החינוך הטהור - קרן ישכר בער" שע"י מפעל אחיעזר, וועלכע צייכנט אין די טעג אָפּ די היסטאָרישע דערגרייכונג פון אַ "מיליאָן" דאָלער! וואָס איז ב"ה שוין פאַרטיילט געוואָרן דורך די קופּה, וואָס האָט איינגעהילט אין אַן אש קודש תלמידי וחסידי סאַטמאַר תושבי קרית יואל, אויף אַ פאַרנעם וואָס געדענקט זיך שוין לאַנג נישט בקרב עירינו המעטירה.

## די וואונדערליכע הצלחה פון "קופּת חינוך הטהור - קרן ישכר בער"

דער מפעל הנשגב "קופּת חינוך הטהור", איז כשמו כן הוא באַזירט צו אוועקשטעלן א יסוד כביר פאר די ערליכע מוסדות על טהרת הקודש, צו מחזק זיין די טייערע מסירת נפש'דיגע מנהלים וואס קומען צופארן קיין ניו יאָרק, אַז זיי זאָלן באַקומען זייער ערליך פאַרדינטע מאַקסימום שטיצע, מיט דאָס מינומום אָנשטרענגונג, כראוי וכיאות למקדשי ה'.

ס'איז טאַקע בלויז אַ קורצע צייט אַריבער זינט די הייליגע קאַסע איז געגרינדעט געווארן אויף באַשיידענעם פאַרנעם אין דער סאַטמאַרער כולל אין קרית יואל, אָבער ס'האָט שוין לאַנג נישט געדויערט און איר שטוינענדע און וואונדערליכע הצלחה האָט זייער שנעל נאָכגעפאָלגט מיט נאך און נאָך קופּות, צוערשט אין בית המדרש הגדול, און דאַן אויך אין פילע אַנדערע בתי מדרשים בכל רחבי העיר, צו מחזק זיין און מרומם זיין די מסירת נפש'דיגע מנהלים פון מוסדות על טהרת הקודש וואס קומען ארויס מהתם להכא.

אט די מסירת נפש'דיגע מנהלים וגבאי קודש העומדים על הפקודים פאר די מוסדות החינוך על טהרת הקודש, זענען דאָך די שפּיגעלע און דאס שטאלץ פונעם יהדות החרדית. אידן וואס זענען זיך מפקיר ומקריב זייער גאנצע וועזן און לעבן, נישט פאר כבוד עצמם הם דורשים, נאר בלויז בלתי לה' לבדו, פאר'ן כבוד שמים המחולל און פאר'ן עתיד פון די צעירי הצאן אין ארה"ק.

די טייערע מנהלים וגבאים וואס קלעטערן דא על הפתחים פאר אפאר טאלער, ווארפן אפּ מדי חודש בחודשו ריזיגע אסטראנאמישע סכומים און שטייען פעלזן פעסט נישט צו געניסן פון די טריפה'נע געלטער ממקור מושחת חלילה. אלעס נישט חלילה פוגם צו זיין אין דעם קומענדיגער דור סאלדאטן, דער לגיון של מלך מלכי המלכים וואס וועט בעז"ה ווייטער ציען דעם גאלדענעם קייט פון תורת ארץ ישראל בקדושתה.

און טאַקע דערפאַר, איז דורך תושבי קרית יואל אַזוי אויפגעכאַפּט געוואָרן דער געדאַנק פון דעם "קופּת חינוך הטהור" וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ רינגעלע אין דעם קייט פון פּראָיעקטן דורך מפעל "אחיעזר" וועלכע איז דער צענטראַלער רוקן-ביין פון די מוסדות על טהרת הקודש אויף אַלע פראָנטן, בנשיאותו פון דעם ראש גולת אריאל ומגן חינוך הטהור כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.




די קופּה וואָס האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן צווישן די הונדערטער יושבי אהל אין כולל סאַטמאַר קרית יואל, איז שוין היינט אויסגעשטיגן מיט פיל מער שותפים, נישט בלויז די כולל אינגעלייט, נאר אויך אַ ריזן ציבור בעלי בתים פון אַלע יאָרגענג, חברי קהלתינו הק' וואָס לויט דעם כלל פון "פּרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול", קומען זיי אַנטקעגן די מנהלים ושלוחי המוסדות מיט הערליכע סכומים, באַלד ווען זיי קומען אָן צו זאַמלען געלט פאר דעם הייליגן חינוך.

"קופּת חינוך הטהור" ארבעט מיט א סיסטעם אז אַלע אנגעשלאסענע שותפים שליסן זיך אן צו געבן א באשטימטע סכום קבוע יעדעס מאל וואס א מנהל פון א מוסד על טהרת הקודש קומט נאך געלט, וואס דאס ווערט אלעס אינאיינעם איבערגעבן פאר'ן מנהל מיט'ן גרעסטן דרך כבוד והערצה, נאָך איידער ער גייט אפילו אַרום נאָך געלט!

ווי שיין איז טאַקע צו מיטהאַלטן דאָס בילד וואָס שפּילט זיך איבער ביי יעדע קאַמפּיין אין די בתי מדרשים פאר מוסדות על טהרת הקודש, וויאַזוי אידן סווייפן אַראָפּ דעם "קרעדיט קאַרטל" מיט הערליכע סכומים און דאַן צייגט מען מיט דער פינגער אויף אַרויף, ווי צו אָנמערקן אַז מען איז אויך אָנגעשלאָסן אַלס אַ מיטגלידער אין דער "קופּת ישכר בער" און די יעצטיגע נתינה איז שוין נאָך אַ הוספה...

## לא יאומן כי יסופר! די שטוינענדע ציפערן למען חינוך הטהור

עס איז באמת אומגלויבליך ווען מען באַטראַכט די האַרטע ציפערן וויפיל אָסטראָנאָמישע סכומים עס ווערן פאַרטיילט יעדן איינציגן חודש, אַדאַנק די הערליכע איינפיר פון דעם "קופּת החינוך הטהור", וואָס האָט געטווישט דעם גאַנצן מציאות פאר די מסירת נפש'דיגע שלוחי המוסדות עטה"ק, וועלכע האָבן נישט גענוג ווערטער צו באַדאַנקן די טייערע בני תורה העומדים לעזרת ה' בגבורים.

דער גרויסער קידוש ה', וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בקרב כוללינו וקהלתינו הק', האָט זיך בליץ שנעל אַריבערגעכאַפּט אויך אין אַנדערע קהלות אין בתי מדרשים, ווען היינט איז שוין אַ זעלבסט פאַרשטענדליכע ערשיינונג אז כמעט יעדע בית המדרש אין קרית יואל פאַרמאָגט אַזאַ קאַסע, און נאָך איידער אַ מנהל פון חינוך הטהור הייבט אן אַרומגיין נאָך געלט, ווארט אים שוין אָפּ אַ זיכערע 10-15 טויזנט דאָלער! פון אַלע בתי מדרשים אינאיינעם. ווי אַ מסירת נפש'דיגער מנהל האָט זיך לעצטנס אויסגעדרוקט אַז ס'איז פּשוט אַ שאָד נישט צו דורכפירן אַן אַפּיעל אין קרית יואל, ווייל מען גייט אַרויס מיט אַ זיכערע רווחים נאָך איידער מען האָט אפילו אָנגעהויבן דעם אַפּיעל!

אַלעס אינאיינעם טוט היינט צוטאָגס דער "קופּת חינוך הטהור" פאַרטיילן די פאַנטאַסטישע סומע פון אַריבער פיר און צוואָנציג טויזנט דאלער וואָס ווערט געשאָנקן מדי חודש בחדשו אויף אַ לייכטן און סיסטעמאַטישן אופן דורך דעם הערליכן לגיון של מלך מלכי המלכים, די פאַראייניגטע כח הקדושה פון הונדערטער שותפים לדבר מצוה, תלמידי וחסידי סאַטמאַר, וועלכע זענען גליקליך צו זיין אַ טייל פון אַזאַ אומגלויבליכע מהפּיכה!

ווי גרויס איז דעריבער געווען די פריידיגע איבערראַשונג ביי די פאַרלאָפענע "אלול חלוקה", ווען "קרן ישכר בער" האָט אַזוי ווי יעדן איינציגן חודש אויסגעטיילט די ריזיגע חלוקה פאר די שלוחי דרחמנא, האָט מען זיך דערזען אַז לקראת דעם סיום השנה פון שנת תשפ"ב האָט מען ב"ה דערגרייכט אַ פרישע מיילשטיין מיט דעם אָסטראָנאָמישן ציפער פון אַ מ-י-ל-י-א-ן דאָלער! וואָס איז שוין פאַקטיש אויסגעטיילט געוואָרן דורך די הייליגע קופּה.

נאָכמער קומט צום שטוינען אַז די מיליאָן דאָלער תרומת הקודש איז דירעקט נישט צאַמגעשטעלט געוואָרן פון קיין ריזיגע נדבות און נישט פון קיין אויסטערלישע פילאַנטראָפּן, נאר טאַקע פון קליין געלט פון האַרציגע אידן, כולל אינגעלייט, אַרבעטער, בעלי בתים, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן מיט אַ ווארימקייט און האָבן באַוויזן דאָס אומגלויבליכע אין אַזא קורצע צייט-אָפּשניט, מיט אַ קידוש ה' שאין דוגמתו!

ומוסיפין והולכין בקודש! אין די קומענדיגע טעג און וואָכן וועט די געוואַלדיגע הצלחה בעז"ה פאָרזעצן ברוב אונים וביתר שאת ועוז, ווען דער קופּת החינוך הטהור וועט זיך אויסשפּרייטן אין נאָך בתי מדרשים דאָ אין שטאָט, וואָס וועט בלי ספק העכערן די חודש'ליכע תמיכות מיט ריזיגע ציפערן און אויפגענומען ווערן מיט אָפענע ארעמעס דורך סאטמארער תלמידים וחסידים, ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א פאָדערט עס שטענדיג און איז מעורר איבער אונזער אחריות וחובת השעה מחזק צו זיין דעם חינוך הטהור בכל כוחינו, די לעצטע ירושה פון רביה"ק זי"ע, להביא גודל למקדשי ה'.

קַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ עַל מַקְדִּישֵׁי שְׁמֶךָ!

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

אויסנאַמליכער "סיום", אַ חגיגה וואָס קיינער פון די באַטייליגטע האָט נאָך אַזאַ סאָרט שמחה נישט מיטגעלעבט. געווען איז דאָס אַ סיום אויף "טויזנט" מאָל ענדיגן דעם הייליגן תהלים'ל, וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן דורך האי איש תם וישר וירא אלקים, מו"ה דניאל גברא הי"ו, פון די חשובי תושבי בלומינגראוו.

יעדער איד וועמען עס נאר אַמאָל אויסגעקומען צו "אַריינפאַלן" אין דעם צענטראלען בית המדרש צאַנז זמיגראַד אין שכונת בלומינגראוו, האָט שוין וואַרשיינליך זיך באַקענט מיט דאָס בילד וויאַזוי אין אַ באַשיידן ווינקל זיצט הר"ר דניאל הי"ו מיט זיין תהלים'ל און זאָגט קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל מיט אַזאַ ערליכקייט און וואַרימקייט, במשך לאַנגע שעות אָן קיין אָפּשטעל.

לעצטנס האָט הר"ר דניאל הי"ו זיך דערזען אַז ער האָט זוכה געווען צו מסיים זיין לכה"פ טויזנט מאָל דעם גאַנצן ספר תהלים, זינט ער האָט אָנגעהויבן האַלטן חשבון פון זיין תהלים זאָגן, און ס'איז דעריבער באַשטימט געוואָרן צו פראַוועון דעם שמחה אויף אַ ספּעציעלן פאַרנעם.

די היסטאָרישע און זעלטענע חגיגת סיום ספר תהלים איז געפּראַוועט געוואָרן אויף אַ הערליכן רייכן ניוואָ אין אולם "עטרת אויף קאָזניץ, מיט דער באַגלייטונג פון אַ פולהארמאנישע צען מאַן קאַפּעליע, און מיט דער באַטייליגונג פון פילע גוטע פריינד, קרובים וידידים, וועלכע האָבן זיך מיט אַן אמת מיטגעפריידט מיט די שיינע שמחה.

מיט אַ כבוד התורה האָט מען געהערט די דרשה נפלאה פון הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א, דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאַטמאַר בלומינגראוו, וועלכער האָט בנועם אמריו נאָכגעזאָגט מפּי ספרים וסופרים דאָס גרויסקייט און חשיבות פון אמירת תהלים, איבערהויפּט אַזאַ תהלים וואָס ווערט געזאָגט בקביעות וברציפות מדי יום ביומו וואָס איז זיכער אַ שמירה פאר דער גאַנצער שטאט.

דאַן האָט אויפגעטרעטן מיט'ן דבר הבית המדרש, דער באַליבטער משמש פון בית המדרש צאַנז זמיגראַד, וועלכער האָט איבערגעגעבן אַ לעבעדיגן גריס מבין כותלי בית המדרש, און אַרויסגעברענגט לשבח וויפיל אַזאַ איד ווי ר' דניאל טוט באַשיינען דאָס בית המדרש, ווען אַלע לומדים ומתפללים האָבן אַ לעבעדיגע ביישפּיל פון אַן אמת'ער תהלים איד וואָס זיצט אין זיין ווינקל אַזויפיל שעות טאָג טעגליך צוגעבינדן צום הייליגן תהלים'ל.

דער חשוב'ער דיין, הרה"ג רבי יוסף צבי סופר שליט"א האָט משמיע געווען וואַרימע דברי תורה און אַרויסגעברענגט דעם גרויסן זכות פון דוד המלך ע"ה נעים זמירות ישראל און איבער די התחייבות וואָס מיר אַלע לערנען אַרויס פון דעם בעל שמחה, צו מרבה זיין באמירת תהלים צו יעדע געלעגנהייט.

**ובשירי דוד עבדך הנשמעים בעירך!**

## תושבי קרית יואל אַנטפאַנגען כ"ק אדמו"ר מקראָלי שליט"א ביי קורצע באַזוך אין די ימי הסליחות

די וואך דינסטאָג סליחות, האָט מען געהאַט צוגאַסט אין קרית יואל, כ"ק אדמו"ר מקראָלי שליט"א, וועלכער האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן אויף אַ קורצע צייט צו פראַוועון תושבי העיר, שטייענדיג אין די ימי אלול לקראת ימי הרחמים והרצון הממשמשים ובאים.

די אכסני' איז געווען אין שטוב פון הרבני החסיד מו"ה משה וואָלף אָפּענהיים הי"ו, מחשובי חסידי וידידי חצר הק' ספינקא - קראָלי. דער רבי שליט"א האָט געדאַוונט תפלת מנחה און מעריב בבית האכסני' מיט דער באַטייליגונג פון פילע תושבי העיר, חסידים ומעריצים.

דורכאויס די אָוונט שטונדן האָט במשך די גאַנצע צייט געשטראָמט אַ גרעסערער ציבור תושבי העיר וועלכע האָבן אַריינגעכאַפּט די געלעגנהייט צו אַריינגיין זיך וואונטשן בקודש פנימה, און כ"ק אדמו"ר מקראָלי שליט"א האָט טאַקע במשך אַ לענגערע צייט אויפגענומען דעם גרויסן ציבור לברך ולהתברך. דער שיינער באַזוך האָט איבערגעלאָזט אַ רישומא קדישא אויף דער גאַנצער שטאט.

## בית חינוך לבנות "בנות ישראל" שליסט גראַנדיעזער מקח אויף ריזן שטח פון פיר אקער לאַנד אין קרית יואל

אין די טעג איז צוגעקומען נאך א רינגעלע אינעם קייט פון הרחבת גבולי הקדושה בעיר קרית יואל, ווען דער בית חינוך לבנות "בנות ישראל" האט אפגעקויפט א ריזיגן שטח - אין צענטער פון ווילעדזש - פון פיר אקער לאנד.

דער בית חינוך וועלכער איז א שם דבר מיט איר איבערגעגעבנקייט פאר יעדן קינד באזונדער, און מיט איר חינוך אויף די יסודות איתנים פון מרן רבינו הקדוש זי"ע, איז א צוציאונגס קראפט פאר פילע עלטערן, און האט זינט איר גרינדונג מיטגעלעבט אַ הערליכע וואוקס מיט אַזויפיל טייערע תלמידות בליעה"ר, וועלכע קומען אַלע פון געקליבענע אָפּגעהיטענע שטיבער, יראי ה' וחושבי שמו.

נאך פילע וואגלענישן פון איין לאָקאַל צום צווייטן, וואו דער בית חינוך איז אלץ געווען סטאנציאנירט, האט די הנהלה געזען אז מען מוז אריינשפרינגען אין קויפן א מקום מנוחה בכדי צו קענען אנגיין און מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און נאכן זוכן גאר א לאנגע צייט האט מען ב"ה געפונען א פאסיגן פלאץ, אינעם סאמע צענטער פונעם אידישן ווילעדזש אוו סאוט בלומינגראוו.

## ערשינען ספר הנפלא "נחלת שמעון" - הלכות וענינים אויף די ימים נוראים פון די שיעורים פון הגה"צ דומ"ץ חרדים זצ"ל

דער שטח אנטהאלט אויף זיך צוויי עקזעסטירענדע געביידעס פון עטליכע הונדערטער סקווער פוס, אבער ווי פארשטענדליך צו קענען אקאמאדירן אפילו בלויז צייטווייליג די פילע קלאַסן מוז מען תיכף היבש צובויען, און אויף דעם גיגאנטישן שטח גרייט מען זיך צו אנהייבן די פלאנירונגען פאר א גרויסן הערליכן בנין מפואר וואס איז געפלאנט צו געבויט ווערן בעזר השם אויף דעם שטח רחבת ידים.

די כסדר'דיגע וואוקס און בליה פון פרישע בנינים און מוסדות ברענגט אריין א פרייד אין הארצן ביי די תושבי קרית יואל און ס'איז זיכער אַז אידן נדיבים בעם וועלן זיך אָנשליסן צו אָפּקויפן גרעסערע זכותים אין דעם בית חינוך וואָס וועט באַשיינען די שטאָט ביז משיח'ס טאָג.




דער עולם הספרים טוט אין די טעג באַגריסן די ערשיינונג פון דעם ספר הנפלא "נחלת שמעון" אויף די ימים הנוראים, וואָס איז אַצינד איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ שלימות'דיגן פאָרמאַט מיט אַלע הלכות והליכות פון די הייליגע טעג הבאים לקראתינו לשלום, צאַמגעקליבן פון די שיעורים און כתבים פון רב האי גאון וצדיק מפורסם, מגדולי בעלי הוראה בעירינו, חסידא ופרישא על ישראל הדרתו, רבי שמעון משה וואַלדמאַן זצ"ל, דומ"ץ דקהל חרדים

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

ד'סאטמאר ומחבר ספרי "נחלת שמעון", וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן בכל תפוצות ישראל.

במשך השנים האָט דער דיין זצ"ל אַרויסגעגעבן די ספרים "נחלת שמעון" אויף פילע מקצועות בהלכה, וואו ער איז מברר און מלבן די דברי רבותינו גדולי הפוסקים ראשונים ואחרונים אשר מפיהם אנו חיים וויאַזוי זיך צו פירן להלכה ולמעשה, די ספרים זענען אַ הערליכע ווערק און אַנטהאַלטן אין זיך פילע הלכות ומנהגים און אומצאָליגע ביאורים והערות, מיט ציונים ומקורות אויף יעדן ענין לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, און געשריבן אויף אַ קלאָרן און מסודר'דיגן אופן לידע את דרך ה' אשר נלך בה.

ווירקליך זענען די ספרי "נחלת שמעון" - וואס זענען מברר און מלבן די דברי רבותינו בעלי השולחן ערוך און די גדולי הפוסקים ראשונים ואחרונים אשר מפיהם אנו חיים - טאקע נתקבל געוואָרן ברוב הערצה על שלחן מלכים, מאן מלכי רבנן ותלמידיהון, וואָס נעמען אַרויס פון דעם חיבור וויאַזוי זיך צו פירן להלכה ולמעשה, לדעת את הדרך ילכו בה.

דעריבער איז עס אַ שמחה כפולה, שטייענדיג יעצט אין די תקופה ווען מען גרייט זיך שוין אָט לקראת ימי הרחמים והרצון, אַז ס'איז שוין אַרויס פון דרוק דער נייער הערליכער ספר "נחלת שמעון", וואָס איז ביז יעצט בלויז געווען געדרוקט אין אַ סגנון פון קלענערע קונטרסים, און אַצינד איז צאַמגענומען געוואָרן אַלע הלכות פון די ימים נוראים לפונדק אחד, אין אַ הערליכן חיבור וואָס איז אַ ריכטיגער "דבר בעתו" זייענדיג אַ וואונדערליכער אוצר מלא פאר יעדע אידישע שטוב, מיט די קלאָרע הוראות און פסקי הלכה פונעם דיין זצ"ל, וואָס ער האָט בשעתו מחבר געווען און ס'איז אַצינד איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער אידישער שפּראַך, געאייגנט פאר אַלעמען, מיט די נויטיגע הלכות פאר די יעצטיגע הייליגע טעג אין דעם ירח האתנים.

**שואלין ודורשין!**

## שיינע באַטייליגונג ביי יערליכע מסיבה פון ביהמ"ד תפארת עוזיאל ד'ריטשוואהל

קרית יואל. - אַ גרויסער ציבור תושבי קרית יואל האָט זיך באַטייליגט דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג נאַכט, א' סליחות, ביי דער יערליכער מסיבה וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן לטובת דעם ביהמ"ד תפארת עוזיאל דריטשוואַל, וואָס ווערט געפירט לשם ולתפארת דורך הגה"צ רבי שלמה אליעזר מייזעלס שליט"א בן כ"ק הגה"צ אבד"ק אבני שלמה זצ"ל.

דאָס ריטשוואלער ביהמ"ד אין קרית יואל איז אַן אייגנאַרטיגער מקום לתורה ולתפלה. אָבער דער עול פון די הוצאות פון דעם שיינעם מקום תורה ותפלה ליגט אויפ'ן רב הביהמ"ד שליט"א, וועלכער איז עומד בראש און מאַכט זיכער שלא יחסר המזג צו שאַפן די גרויסע קאָסטן להגדיל תורה ולהאדירה.

אַ שיינער ציבור תומכי תורה תושבי קרית יואל האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיי זענען אַרויסגעקומען זיך באַטייליגן אין די מסיבה וואָס איז פאָרגעקומען אין היכל הביהמ"ד, וואו זיי האָבן זיך בייגעשטייערט מיט גאָר שיינע סכומים לכבודו פונעם רב שליט"א ולכבוד התורה.

## הגה"צ אבד"ק סיקסא שליט"א ווײלט אין קרית יואל לברך ולהתברך בעצה ותושי'

דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג נצבים העעל"ט האָט אין שטאָט קרית יואל געווײלט הגה"צ אבד"ק סיקסא שליט"א פון מאָנסי, וועלכער איז שוין היינט וועלט באַרימט מיט זיינע לייסטונגען, שטייענדיג אין שפּיץ פון דער "חבורת פנים מאירות", וואָס באַגלייט אידישע קינדער מיט יעוץ והדרכה אין אַלע ענינים פון מענטל געזונט, שלום בית, חינוך, און פילע אַנדערע עניני נפש וואָס איז אַזוי וויכטיג אין די יעצטיגע תקופה.

דער סיקסער רב שליט"א האָט אַ לענגערע צייט אויפגענומען מוקירים ומעריצים אין שטוב פון הרבני מו"ה מרדכי שלעזינגער הי"ו, אויף סאַטמאַר דרייוו, וואו עס האָט זיך געשלענגלט אַ לענגערע שורה פון אידן וועלכע האָבן זיך דורכגערעדט מיט'ן רב בעצה ותושי', און גלייכצייטיג אָפּגענומען זיינע וואַרימע ברכות צו אַ נייע יאָר מלא ברכת ה'.
























































די וואכנשריפט


כולל
תקופת
העולים
כולל
סאטמאר קרית יואל
זכות
תורתי
יספיק לאחרים הלומדים, ותחשב כאילו לומד בעצמו
$31
לשבוע
איר האט נאכגעשט א תורתי? רופט יעצט דעם מנכ"ל
הר"ר אברהם שלום הכהן שווארץ הי"ו: 845.537.0767



קרית יואל איז
ממליך השי"ת
זאגנדיג "עשינו ככל
אשר ציוותנו". מיר
טוען וואס נאר
שייך פאר די
אונטערשטע
מלכים,

# מאן מלכי רבנן

קרית יואל
שטאלצירט
מיט אירע
מלכים.

קרית יואל
גייט צום יום
הדין מיט
גאלאנטן
תורה.


בס"ד
אתרא קדישא
מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה
השגחה ופיקוח עולמי · לשמירת קברי אבותינו ·
אתרא קדישא
יעדער גיבט ערב יוה"ק
כופר נפש



הונדערטער
ריזיגע בוי
פראיעקטן
געבויעט כהלכה בפיקוח
אתרא
קדישא
כופר
נפש
אתרא
קדישא
ערב יום הקדוש
דמי ח"י דאלער אמאל
$54
כפי הוראת
רבותינו



DPMGGROUP.COM
ב"ה
COUNTLESS SWEET DEALS
MADE IN ONE YEAR
מיר וואונטשן תושבי קרית יואל והגלילות א
שנה טובה ומתוקה
loop
REALTY
נפתלי הירצקא לאנדא
הערש אלימלך ניעדערמאן
Lic: #10311209368
Upstate: 845-388-1155
Brooklyn: 718-925-2262
Bringing it all together.
52 Bakertown Road Suit #419
Monroe, NY 10950
info@looprealtyinc.com

gcnymarketing.com




GETTING YOU HOME STRONGER IS OUR STRENGTH!

From the moment you arrive, our expert team creates a personalized and comprehensive rehab program designed specifically for you.

- Heimish crowd with vibrant Shul and Minyanim
- 5 star CMS rating
- Gourmet Glatt Kosher menu under Skver Hechsher

NORTHERN METROPOLITAN

225 MAPLE AVENUE MONSEY NY 10952
845.352.9000 | www.northernmet.com

בס"ד

# המוסדות

נייעס · באריכטן · אנטוויקלונגען
נאטיצן · קרישקעלעך



· אינערהאלב די ממלכת התורה והיראה די הייליגע מוסדות אין שטאט קרית יואל ·

## הערליכער מעמד דורך 'קופת חינוך הטהור' "קרן ישכר בער" בין כותלי הת"ת צייכנט אָפּ אָריגינעלן "סאַטמאַרער פייער" פאַר'ן חינוך הטהור וואָס ווערט איינגעוואָרצלט אין די לעכטיגע צאן קדשים



פארגאנגענעם פרייטאג תבא העעל"ט איז צווישן די ווענט פון דער תלמוד תורה געפּראַוועט געוואָרן אַ גרויסער מעמד, ווען די טייערע תלמידים, די הונדערטער קינדער וועלכע האָבן די זכי' נתגדל צו ווערן אויפ'ן הייליגן דרך המסורה לנו מרביה"ק זי"ע, האָבן אינאיינעם איבערגעגעבן אַ פאַנטאַסטישע סומע געלט פאר די באַרימטע קופּת חינוך הטהור "קרן ישכר בער", וואָס איז צאַמגעקליבן געוואָרן פון די פּושקעס אין די חדרים, וואס די קינדערלעך ברענגען יעדן טאג צדקה פאר די הייליגע מוסדות אין א"י על טהרת הקודש.

לרגל דעם ערהאַבענעם מעמד זענען ספּעציעל אַריבערגעקומען בין כותלי הת"ת דער חשוב'ער גבאי קודש פון קופּת "קרן ישכר בער", הרה"ח מו"ה אלימלך ישי בערקאוויטש הי"ו אינאיינעם מיט הרה"ח מו"ה יודא לייב פלאהר שליט"א, חבר הנהלת הקרן.

הר"ר אלימלך ישי הי"ו, האָט אויפגעטרעטן מיט וואַרימע ווערטער פאר די אַריבער 600 צאן קדשים בליעה"ר, אַרויסברענגענדיג זיין גרויסע התרגשות צו זען מיט די אויגן וויאַזוי אַזעלכע יונגע קינדערלעך האָבן אַזאַ הייליגן ברען פאר דעם ריינעם ערליכן חינוך הטהור אין ארה"ק. ער האָט דערביי פאַרציילט פאר די קינדער אַז ער פלאנט צו אפרעכטן א נסיעה אויף ארה"ק צו ברענגען א לעבעדיגן גרוס פון די מוסדות על טהרת הקודש אין ארץ ישראל, ווי ער וועט איבערגעבן די ווארימקייט וואס הערשט ביי די צאן קדשים דאהי אין קרית יואל.

דאַן איז הרה"ח מו"ה יודא לייב פלאהר שליט"א אַרומגעגאַנגען מיט דער פּושקע צווישן די הונדערטער ילדי תשב"ר, ווען אַלע קינדער לייגן אַריין צדקה געלט מיט אַ געוואַלדיגן געפיל און שמחה של מצוה. דערנאָך האָט ער פאַרטיילט מטעמים פאר די טייערע תלמידים, אַלס אַ ריכטיגער מתן שכרה בצדה.

דער שיינער מעמד האָט געדינט צו ארויסהייבן דער נאבעלער פאקטאר אז בלויז פון די לעצטע יאר האט זיך שוין צוזאמענגעקליבן אַ סכום עצום פאר דעם חינוך הטהור, אַדאַנק די די פרוטה פרוטה מצטרפת וואס די קינדער ווארפן אריין בשעת התפלה, וואס מער פון אלעם איז דאס דער ריכטיגער חינוך וואס די תלמידים באקומען פון יונגווייז אן צו מחזק זיין און שעצן דעם חינוך הטהור אין ארה"ק און דאס פרובירן ארויסצוהעלפן בכל לב ונפש, גם כי יזקין לא יסור מהם, אַזוי ווי רבינו הק' זי"ע האָט דאָס משריש געווען בתוכינו, ולאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל.





# דרשה סיום השנה

פאר די הונדערטער תלמידי כתה ה'

## ביים גרויסן סיום "חזרת השנה" אויף אלע לימודים פונעם יאר

דורך מו"ה **אלחנן משה היימליך** שליט"א
מרביץ תורה במוסדותינו הק'

די מנהל האט מיר געבעטן אז איך זאל קומען רעדן ביי די סיום, ווען כ'האב דאס געהערט, האב איך ממש גע'חלש'ט, די מנהל און די מלמדים רעדן א גאנץ יאר, און נאכאלס דארף מען האבן איינער זאל קומען רעדן?.

אבער. ב"ה ענקער מנהל האט מיר ממש דערמינטערט, ער האט מיר אנגעגאסן מיט א טעפל קאלט וואסער. און ער האט מיר געזאגט, קום עפעס זאגן פאר די קינדער. א זאך וואס זיי וועלן אייביג הנאה האבן.

יעדע חדר אינגל האט שוין געהערט פון זיין רבי דורך די יאר, תורה מיט דרך ארץ, און דאס אז מען קומט זיך צוזאם ביי א סיום. די גמרא זאגט די הייליגע תנא אביי. ענק ווייסן קינדער אז אביי איז געווען א יתום, ער האט נישט געהאט נישט קיין טאטע, נישט קיין מאמע, ער איז געווען אין א אנדערענס הויז. האט די תנא אביי געזאגט. ווען איך גיי נפטר ווערן איך גיי ארויפגיין אויף יענע וועלט, גיי איך באקומען אסאך שכר. פארוואס גייט ער באקומען אסאך שכר? 'נישט ווייל ער איז געזיצן און געלערנט' א גאנץ יאר פאר דעם גייט ער אויך באקומען שכר.

אבער אסאך שכר גייט ער באקומען ווייל ווען איינער האט געלערנט האט ער געמאכט א סיום. און פארדעם גייט ער באקומען אסאך שכר. פארוואס? ווייל סוף יאר איך האב געלערנט אין כתה ה' ווען מען האט געענדיגט אלע זאכן וואס מען האט געלערנט האב איך געמאכט א סיום. און מ'גייט ענק געבן שכר אויף דעם וואס ער האט געגעסן אייסעס ביי די סיום, אביי האט געבעטן שכר ווייל ער האט געמאכט א סיום, מ'האט געטיילט קוגל חלה און פיש און אייסעס אויף דעם גייט ער באקומען שכר.

ענק ווייסן פארוואס מען באקומט שכר פאר א סיום? ווייל ווען מען לערנט תורה און מען איז נישט פרייליך אז מען לערנט, איז זייער שווער צו באקומען שכר אויף די תורה, אבער אויב ווען מען ענדיגט לערנען זאגט מען נישט איך האב שוין גענוג געלערנט איך גיי שוין אהיים, נייך אונז וויל מיר נאך דא זיין, אונז פריי מיר זיך אז אונז האב מיר געלערנט א גאנץ יאר און אונז מאך מיר יעצט א סיום, וועגן דעם האט אביי געזאגט ער גייט בעטן שכר ווייל ער האט זיך געפרייט אז מען האט געלערנט.

מען זיצט דא קינדערלעך צוזאמען, ביינאכט אין שול ווען טאטעס קומען לערנען איז דא אלע מיני מענטשן, ס'איז דא מענטשן וואס קומען לערנען, זיי לערנען זייער פלייסיג ביינאכט אין שול, ס'איז דא אנדערע מענטשן וואס זיי לערנען אינדערהיים, נאכדעם קען מען זען מענטשן וואס זיי לערנען נישט, פארוואס? וואס איז דא געשען? פארוואס אין חדר אלע אינגלעך זיצן צוזאמען יעדער איינער לערנט, יעדער איז פרייליך מען מאכט א סיום, וואס גייט פאר? פארוואס בלייבט עס נישט ביי יעדעם איינעם?

אבער קינדער ס'איז געווען אמאל א שרעקעדיגע מעשה, וואס מיט דעם וועלן ענק קענען אביסל פארשטיין ווי זענען אלע אנדערע קינדער פון אנדערע פלעצער, נישט ביי אונז אין חדר, איך רעד אין אנדערע פלעצער, וואס זיי לערנען נישט, אין אונזער חדר לערנט יעדער איינער, אין אנדערע פלעצער איז דא קינדער וואס זיי שפילן, מ'טאנצט און מ'שפרינגט אלעס טוט מען חוץ לערנען.

ס'איז געווען אמאל איינער, לאמיר אים געבן א נאמען עקיבא, ער איז געווען א פאסטוך, ער איז געווען א גרויסע עם הארץ ער האט נישט געקענט לערנען, וואס האט ער געטון? ער האט דאך נישט געקענט לערנען, ער האט געעפענט א קאמפאני ווער ס'האט א בהמה גייט ער פאשענען זיין בהמה, אזוי איז ער געווארן צוואנציג יאר, און 21 יאר און 22 יאר, און אזוי איז דורך יעדע יאר, ער איז אלט געווען פערציג יאר ער האט נאכנישט געקענט קיין אלף בית, וואס איז געשען 24 יאר נאכדעם האט ער געהאט 24 טויזענט תלמידים, וואס איז געשען? ווי אזוי קען מען דאס מאכן, איינער וואס איז 40 יאר און קען נישט קיין אלף בית, און ווען ער איז 64 יאר האט ער שוין 24 טויזענט תלמידים, ווי אזוי ארבעט דאס?.

זייער א אינטערסאנטע זאך איז געשען, נעבן די ברונעם ווי אלע פאסטוכער האבן געפאשעט די שעפעלעך, האט אזוי ארויסגעטראפט וואסער פון די ברונעם, ס'האט אראפגעטראפט אויף א שטיין, נאך א טראפ און נאך א טראפ, ס'איז אינטערסאנט, איינער האט שוין אמאל געזען ווי אזוי עס טראפט וואסער אויף א שטיין? ס'איז בכלל נישט אינטערסאנט, איין טאג זעט ער ווי דער שטיין האט באקומען א לאך, און ער האט געזאגט געענדיגט איך גיי גיין לערנען.

אלע פאסטוכער האבן געלאכט פון אים, האסט געזען א צולעכערטע שטיין און דו גייסט גיין לערנען, אייביג זאגסטו דו קענסט נישט לערנען, דו רעדסט דיך אפ איך פארשטיי נישט וואס עס שטייט דא, ער האט געזען א שטיין האט א לאך און ער איז געגאנגען לערנען, קינדער א שאד אנהייב יאר האבן ענק נישט געזען א לאך אין א שטיין, ווואלט דער מנהל שוין נישט געדארפט גארנישט רעדן, וועגן ענק האבן שוין געזען א לאך אין א שטיין, וואס דאס מיינט אז מען דארף גיין לערנען, יא? ס'הייבט זיך נישט אן, פארוואס ווען ר' עקיבא האט געזען א לאך אין א שטיין האט ער געטראכט ער גייט גיין לערנען?

ווייל ר' עקיבא האט אייביג געוואלט לערנען די הייליגע תורה, ער האט אבער נישט געקענט, ער האט אויפגעמישט א גמרא ער האט אנגעפאנגן ארייננצוקוקן, אזוי סאך ווערטער, עס איז נישט פאר מיר, דו ווייסט ווי סאך דאס איז? די הייליגע תורה איז אזוי ווי וואסער, די תורה איז אזוי גרויס ווי דער גאנצער ים, די גמרא זאגט אז די תורה און די מצות זענען גרעסער פון די ים, ווען מען זאל זאגן פאר א אינגל אז דיין הארץ איז אזוי ווי א שטיין, און ער זאל אויפהייבן די גאנצע וואסער גיס ארויף אויף דיין הארץ, אזוי גייט ער קענען לערנען, מען קען נישט! איך קען נישט לערנען, ר' עקיבא האט געזאגט איך קען נישט לערנען.

פלוצלינג זעט ער אבער מען דארף נישט אויפהייבן די גאנצע וואסער אויפאיינמאל, מען נעמט איין טראפ און נאך א טראפ, און איין טאג וועט ווערן א לאך אין די שטיין, עס גייט אנהייבן אריינצוגיין די תורה אין זיין הארץ, האט ר' עקיבא געטראכט, איך גיי טון די זעלבע זאך, איך גיי נישט אויפהייבן אלע וואסער, איך גיי נעמען אביסל וואסער און ארייגלייגן אין מיין הארץ, און נאך אביסל וואסער, ממש וואס ענק האבן געטון דעם יאר, מען גייט לערנען אביסל גמרא, נאכדעם גייט מען גיין ווייטער, עס קומט סוף יאר זעט מען אזא שיינע סיום, ווי די קינדער האבן געלערנט אזוי פלייסיג.

אבער קינדער, איך האב זייער א שווערע קשיא, ר' עקיבא האט געהאט אסאך חברים ווען ער איז נאך געווען א פאסטוך, ווען ער האט נאכנישט געהייסן ר' עקיבא, ווען ער האט נאך געהייסן פלעין עקיבא, די אלע מענטשן האבן אויך געזען די שטיין דארט נעבן די ברונעם, און זיי זענען געבליבן פאסטוכער, זיי האבן נישט געזען די לאך אין די שטיין? נאר ר' עקיבא האט עס געזען? ווי אזוי קען דאס זיין? ר' עקיבא איז א פאסטוך מיט אסאך פאסטוכער, נעבן די ברונעם ליגט א שטיין, יעדער קען עס זעהן, און נאר ר' עקיבא ער ווערט א תלמיד חכם, שטעל דיך פאר אלע פאסטוכער זעען עס, וואלט יעדער איינער געהאט 24 טויזענט תלמידים, ס'איז דא גענוג מענטשן, מען גייט ארויס אין גאס מען זעט נישט אלע אידן לערנען ר"ל, זיי האבן נישט געזען די שטיין? מען האט געדארפט נעמען די שטיין און זיי עס ווייזן און נאכדעם גייען זיי אויך ווערן א תלמיד חכם?

נאר דא איז דער תירוץ פארוואס אין די חדר אין כתה ה' קענען אלע אינגלעך, ווייל ר' עקיבא האט געטראכט דא איז דא א שטיין, איך גיי מיר זעצן לערנען, ר' עקיבא האט נישט גענומען די שטיין און אנגעהויבן ווייזן פאר יעדעם איינעם, האסט געזען א לאך אין א שטיין? האסט געזען א לאך אין א שטיין? גייטס אלע לערנען, ניין, ר' עקיבא האט גענומען די שטיין און געזען די לאך אין די שטיין איך קען לערנען, ער האט אראפגעלייגט די שטיין און אריינגעלאפן אין שול, דו ווייסט וואס אלע אנדערע פאסטוכער האבן געטון? זיי האבן גענומען א פיקטשער פון עס און עס אריינגעשיקט פאר די צייטונג, א אינטערסאנטע זאך, ס'איז דא א לאך אין א שטיין, אבער זיי זענען געבליבן גרויסע עמי ארצים.

קינדערלעך, אויב אלע אינגלעך פון די חדר גייען אויסהערן וואס ענקער רבי זאגט, וואס ענקער מנהל פארציילט, גייען ענק אויסוואקסן גרויסע תלמידי חכמים אזוי ווי ר' עקיבא.

דער הייליגער באשעפער זאל העלפן, אז ענקערע טאטע'ס און מאמע'ס מיט די מנהל מיט די חשובע רבי"ס, זאלן זען פון ענק אסאך נחת, און ענק זאלן אויסוואקסן גרויסע תלמידי חכמים געזונטערהייט, ביז די 120 יאר קענען לערנען און דאווענען, און א גוט געבענטשט יאר א כתיבה וחתימה טובה.

# ערשינען




גליון החג - אוצר בלום, פנינים יקרים, מלוקט מפי ספרים וסופרים על ראש השנה - אורות משה - **ביקור גאב"ד ירושלים הגרי"ם דושינסקיא זצ"ל אצל כ"ק מרן רבינו הברך משה זי"ע** - דרשת תקיעות שופר של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א תש"פ - דרשה התעוררות לקראת ימים הנוראים שנשמעו מפ"ק כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בימי הרחמים והסליחות תשס"ג - **ביקור של האדמו"ר מטאהש שליט"א אצל כ"ק מרן רבינו שליט"א** - המנהג שברוב המקומות להתאחר בתפילות ותקיעות אחר שעברו שלש או שש שעות הדין למעלה - עניני הפרשה - דרשות תקיעות שופר מאת כ"ק מרן רבינו הברך משה זי"ע מלוקט מכמה שנים - מעשיות אויף ימים נוראים - **תיאור עבודתו בקודש ודרשותיו הנלהבים בימים הנוראים של מרן רבינו הקוה"ט זי"ע** - עניני פרוזבול במשנתו של רבינו הק' זי"ע - פניני קדושת יואל - דער קוואל פון צדיקים - רבי אלעזר הקליר ופיוטיו - הלכה למעשה ערב ראש השנה - פתגמין קידישן של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - **ימי הרחמים והרצון שנת תשל"ד בצילא דמהימנותא עילאה של מרן רביה"ק זי"ע** - די היסטארישע שול אין די שטאט בעלזא - בצל רבינו - ובנביאי האמת - יסודי תורה ויראה - כתב יד קדשו - ביים שבת טיש - תולדותיהם של צדיקים - פונעם שבת קוואל - **נייעס און באריכטן בחצרות קדשינו** - נהורא דשרגא


LEITER'S SUKKAH
bolddesignny@gmail.com
We've got all your Sukkah needs!
Grand Opening
CALL IN DELIVERY WITHIN
-Sukkahs
-Schach
-Tables & Chairs
-Lights
-Tools
For a sukkah with ease
SUKKAH SEASON
845.244.8868
401 Route 208
sukkahseason.com

בעזהשי"ת

## צוויי סאטמארער אידן



# ביידע האבן געדינט

## אויף ימים נוראים אין א סאטמארער ביהמ"ד.

## נישט קיין פארגלייך!

לומדי ירושת הצדיק
זענען קלאר!
ריכטיגע השקפה
ווייל זיי לערנען ויואל משה טעגליך!



איינער
**פירט ווירקליך א סאטמארער שטוב**
אבער
ס'פעלט אים קלארקייט.

דער אנדערער
**לערנט אויך 'ויואל משה' אפאר מינוט א טאג**
ער איז קלאר,
מיט די ריכטיגע השקפה.



**זייט קלאר!**
מיטן ריכטיגן השקפה

**הייבט אן!**
ויואל משה נאך סוכות

אפאר מינוט טעגליך!

מפעל
ירושת הצדיק
חיזוק ללימוד ספרי
מרן רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע

מערכת ירושת הצדיק 718.313.3530

# שריפטן צום וואכנשריפט



טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6
פעקס: 845-501-0246
פאָסט: POB 113, Monroe ny 10949
אימעיל: Letters@kyweekly.com

מיר ווילן זיך אנטשולדיגן פאר די אלע וועלכע האבן געשיקט בריוון צום 'שריפטן צום וואכנשריפט' קאלום וואס צוליב טעכנישע סיבות איז די קאלום ארויסגעבליבן די לעצטע עטליכע וואכן.

די קומענדיגע וואכן וועלן מיר פובליצירן מערערע בריוון ערהאלטן צום מערכת וואס האט זיך אנגעזאמלט.

ואתכם הסליחה

## ואמרין קדיש

צו די חשוב'ע מערכת

שטייענדיג יעצט אין חודש אלול זמן תשובה ותיקון המעשים טו איך אלס תשובת המשקל שרייבן די שורות. והוא רחום יכפר.

שוין א לאנגע צייט וואס איך דאווען אשרי ובא לציון אויסנווייניג, אנהייב פלעג איך נאך אריינבליקן יעדע עטליכע שטיקלעך אבער מיט די צייט האב איך מיר געטראפן אז איך קען דאס בע"פ.

ביז די פארלאפענע וואך ווען איך האב געדאוונט אין א סידור אוןביים זאגן די ווערטער 'קדיש לעלם ולעלמי עלמיא' ווען מיינע ליפן שעפשעט שוין פון זיך אליין 'ה' אלקי אברהם יצחק וישראל'. אריינבליקענדיג אין סידור האב איך מיר געטראפן איבערהיפן א גאנצע לאנגע תפלה 'ה' צבקות מליא כל ארעא זיו יקרה וכו''. וואס הייבט זיך אויך אן נאך די ווערטער 'לעלם ולעלמי עלמיא'. זייענדיג געוואוינט צו דאווענען אויסענווייניג האט מיין מח מיר געפירט אויף א שארט-קאט פון איין קדיש צום צווייטן און אזוי איבערגעהיפט א ערנסטע שטיקל פון די געהויבענע תפלה.

איך האב דאס מיטגעטיילט מיט מיין שכן אין ביהמ"ד האט ער מיר אויפגעברענגט א ענליכע מעשה וואס ער האט געהאט אז אין ר"ח ווען מען דאוונט 'יעלה ויבוא' קען ער זיך טרעפן ענדיגן שמו"ע ביי 'ה' יברך את עמו בשלום' און ער קען נישט באשליסן ווען אויסצוטרעטן... עס איז באקאנט די ווערטל 'אלה ברכב ואלה בסוסים' די גויים דארפן פארן מיט פערד און וועגנער, 'ואנחנו בשם ה' אלקנו נזכיר'... המה כרעו ונפלו, זיי קען געשען אומגליקן און עקסידענטן. אבער 'אנחנו קמנו ונתעודד'.. וואס דאס אלעס קען מען פארמיידן מיט אביסל התבוננות.

אין די יעצטיגע ימי הרחמים והרצון איז כדי צוצולייגן עטליכע מינוט מחשבה און טראכטן די טייטש און די ווערטער וואס מען דאווענט און פארזיכערן אז מיר בעטן כראוי גאנצע תפילות און נישט צושטיקלעט און אפגעכאפט מיט מעגליך גאנצע שטיקער אויסגעלאזט אדער איבערגעהיפט.

א גרויסע יישר כח פארן מפרסם זיין וכל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

ויה"ר שיתקבל תפילת עמו ישראל ברחמים.

**מ. גראס**

*

## בני אדם יושבי חושך וצלמות

לכבוד די רעדאקציע

יעצט ווען מיר גרייטן זיך צו שלאגן כפרות און זאגן דעם תחנה פון 'בני אדם יושבי חושך וצלמות' איז גאר באגריסענד די לעצטע אויפוואכונג ווען איר האט אויפגעשטורעמט די הערצער ארום די שרעקליכע מצב ביי אונזער ברודער און ידיד ר' נחמי' צבי בן דינא.

נאך אזויפיל צייט פארלאפן ווערן פשוט זאכן פארגעסן און אדאנק די ארטיקלען און דעקונג וואס ווערט באריכטעט האב איך צוריק אנגעהויבן אים אינזין האבן ביי שמו"ע און ביי טבילות אז די מדת הרחמים זאל גובר זיין אים ארויסצוזען מאפילה לאורה בקרוב ממש.

וואס עס האט מיר געמאכט שרייבן איז געווען נאכן ליינען פאריגע וואך די מעשה רציחה (ביי גויים איז מחשבה כמעשה) מיט די אומגעהויערע פחד דארט וואס ר' נחמי' ציטערט פשוט פאר זיין לעבן. האב איך מחליט געווען אים צו שיקן א בריוו.

דא וויל איך מיר באדאנקען פאר לייגן אונטן זיין פונקטליכע אדרעס מסודר אזוי פאסיג אז איך האב 'אויסגעשניטן' יענעם טייל פון מיין וואכנשריפט. און יענעם אדרעס האב איך ארויפגעקלעבט אויפן ענוועלאופ. אזוי איז מיר עס אנגעקומען גאר גרינג און איך האב נישט געדארפט איבערשרייבן די אלע ציפערן און תפיסה אדרעס.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז מיר זאלן אים אויסבעטן און זיך קענען פאראייניגן.

**ידידו תושב קרית יואל**

*

## כל הגורע הרי זה משובח..?

לכבוד המערכת

איך האב געהערט א בעל דרשן וואס מען האט גערופן לכבוד אלול צו מעורר זיין. ער האט זייער שטארק ארויסגעברענגט אז השי"ת פארלאנגט נישט קיין סאך פתחו לי פתח כחודו של מחט, ס'שטייט נישט המטהר עצמו פותחין לו, נאר 'הבא' לטהר, ער האט געוואוסט נאכצוזאגן דאס ווארט פונעם רבי'ן זי"ע ודרך תשובה הורית ס'איז גענוג אז מ'שטעלט זיך נאר אויף די וועג פון תשובה מער פון דעם דארף מען נישט.

א גרויס טייל פון די דרשה איז געווען געווידמעט וויפיל מען דארף 'נישט' טון. ס'האט זיך גוט דערהערט דערפון אז מ'דארף טאקע גארנישט טוהן מער ווי זאגן מודה אני אינדערפרי, דאס איבריגע וועט שוין השי"ת ענדיגן, יעדער איז ארויס זייער צופרידן מיט זיך און מ'האט באדאנקט דעם בעל דרשן פאר בארואיגן די געמיטער און די נערוון מ'זאל חלילה נישט האבן קיין פחד הדין.

איך האב מיר דערמאנט וואס ס'ווערט געברענגט אין די תולדות פון הגאון ר' אלחנן וואסערמאן זצ"ל, אז ווער ער איז געקומען קיין אמעריקא זאמלען געלט פאר זיין ישיבה אין בארנאוויץ האט אים זיין באגלייטער (א תלמיד וואס האט שוין געוואוינט אין אמעריקא) פארגעשלאגן מ'זאל גיין מאכן א אפיעל שבת אין איינע פון די גרויסע בתי מדרשים אין שטאט, וואס דארט איז דא א ריזיגע עולם און א באדייטנדע טייל גרויסע עשירים מ'קען דארט מאכן א שיינע סכום, ר' אלחנן האט נישט חשק געהאט ער האט ג'טענה'ט אז די אמעריקאנער ראבייס פארגינען נישט אז איינער זאל מאכן געלט ביי זייערע מעמבערס, זיי ווילן אלעס פאר זיך, און וויבאלד ס'איז געווען איינגעפירט אז חוץ דעם בעל דרשן זאגט דער ראביי אויך אפאר ווערטער האט ער מורא אז ער וועט איהם אלעס קאליע מאכן, אבער דער באגלייטער האט זיך איינג'עקש'נט אז מ'זאל יא גיין, ר' אלחנן האט זיך נישט געוואלט מיט איהם איינרייסן איז ער געגאנגען.

פארן ליינען האט ר' אלחנן געהאלטן א הארץ רירנדע רעדע, ער האט דערציילט ווי די בחורים פלאגן זיך אויף תורה טאג און נאכט, און ווען ס'קומט צום עסן איז נישט דא מיט וואס זיך צו דערכאפן דאס הארץ א.א.וו. ער האט געבעטן יעדער זאל זיך אונטערנעמען א גרויסע סכום, (דאכט זיך הונדערט דאלער), דער עולם איז געווארן זייער אנגעווארעמט, אבער נאכדעם האט זיך דער ראביי אויפגעשטעלט, און געזאגט ער האט נישט וואס צוצולייגן נאך אזא ווארימע דרשה, אוודאי ווער ס'קען געבן דעם סכום וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט איז זייער חשוב אבער ער וויל נאר מסביר געווען די גרויסקייט פון די מצות צדקה אז באמת'ן וואס מ'גיבט נאר, נישט קיין חילוק וויפיל, איז דאס געוואלדיג חשוב און אפילו איינער וואס קען געבן נאר איין דאלער איז דאס פונקט אזוי אנגענומען ווי דער וואס גיבט הונדערט דאלער ווייל דאס איז זיין מנחת עני, און נישט נאר א דאלער נאר אפילו פופציג סענט און נישט נאר פופציג סענט נאר אפילו א קוואדער און נישט נאר א קוואדער נאר אפילו א ניקל, איז געוואלדיג חשוב פונקט ווי דער וואס גיבט א סאך, און די מצוה דערפון איז אין לשער, ער האט אזוי שטארק מדגיש געווען די חשיבות פון איין פעני צדקה, אז ס'איז איבעריג צו זאגן אז פון דעם שוהל האט ר' אלחנן נישט געקענט אויסהאלטן זיין ישיבה.

יעדע נקודה וואס מ'ברענגט ארויס ווענדט זיך וועלכע זייט מ'דריקט שטארקער, מ'קען פון צווישן די שורות ארויס באקומען וואס קוועטשט דעם בעל דרשן, אין דעם אויבן דערמאנטע פאל האט מען קלאר געזעהן אז דער בעל דרשן האט עפעס א פראבלעם מיט די שוועריגקייט פון תשובה אדער פארבעסערן די מעשים, ווייל בעיקר האט ער ארויס געברענגט אז מ'דארף נישט קיין סאך היינטיגע צייטן שוואכע דורות ס'פעהלט נישט אויס נאר א קליין ברעקעלע, ס'האט שיעור נישט אויס געזעהן ווי ער זאגט 'ווי ווייניגער איז בעסער' כמעט ווי די היינטיגע שיעור עיון אין די ישיבות ווי ווייניגער מ'לערנט מער למדן הייסט מען, אזוי ווי יענער בעל דרשן וואס האט ארויס געברענגט פאר די בחורים ווי וויכטיג ס'איז צו לערנען מוסר, האט ער געזאגט אז א מוסר ספר נאך די גמרא איז אזוי ווי א קאלט גלעזל ביר נאך די טשאלנט אבער ער האט מער ארומגערעדט פון די גלעזל ביר נאכ'ן טשאלנט ער האט דאס אראפ געלייגט דראמאטיש, אזוי אז זייט יענעם שבת האבן די בחורים נישט פארפעלט אפילו קיין איינמאל צו טרינקען א גלעזל ביר נאכן טשאלנט.

א מענטש דארף וועלן אנקומען א סאך און שטייגן ווי מער, אדואי נישט צופיהל אויף איינמאל ווייל דעמאלט וועט ער גארנישט אנקומען, אבער

נישט זיך באגנוגן מיט וויייניג. ר' ישראל סאלאנטער האט געזאגט ווען איך וואלט נישט געוואלט זיין דער ווילנער גאון וואלט איך דאס וואס איך בין אויך נישט געווען, א סאלדאט וואס פלאנט נישט צו ווערן קיין גענעראל איז אפילו נישט קיין סאלדאט, מ'דארף פאדערן פון זיך א סאך (נישט צופיל אויפאמאל) ווי דער רמב"ם זאגט יעדער קען זיין ווי משה רבינו, ס'איז אמת אז פתחו לי פתח כחודו של מחט אבער שטעל זיך נישט דארט אפ לויט וויפיל דער חודו של מחט איז לויט דעם קומט דער פותחין לו.

(-)

*

## די מוסדות אין קרית יואל א מוסטער און א שטאלץ

לכבוד די קרית יואל וואכנשריפט

עס איז אינטערסאנט נאכצוברענגן וואס איך האב געהערט פונעם יושב ראש א אייניקל פון הרה"ח ר' שלום לויפער ז"ל וואס האט נאכדערציילט ביים רייכן באנקעט לטובת דאס אפקויף פונעם פינפטן 'מחנה רב טוב' פארן וואקסענדן געברויך פון די בית רחל תלמידות בליעה"ר.

ביים באנקעט האבן פילע תושבי קרית יואל זיך אנגעשלאסן אפצוקויפן גרויסע זכותים אין די נייע קעמפ און האבן אונטערגעשריבן א שטר מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א לעמוד לנצח צו פאראייביגן דעם קנין צו ערמעגליכן אנצושליסן א 5'טע רינגעלע אין די הייליגע קייט פון מחנה רב טוב.

דערביי האט דער יו"ר דערציילט א שטוינענדע עפיזאד וואס ער האט געהערט פון זיין מאמע וואס איז אמאל געגאנגען אין איינע פון די לאקאלע געשעפטן צו קויפן קליידער פאר די טעכטער. און אינעם געשעפט האט זי באגעגנט עטליכע מיידלעך פון א אנדערע געגענט וואס איז געקומען זיך אויסקליידן מיט אלע שטאפיר דא אין קרית יואל. זייענדיג אויפפאלענד אז א אויסשטאטישער קומט קויפן קליידער דייקא אין די געציילטע געשעפטן דאהי, האט זי זיי געפרעגט וואס זיי קומען דווקא דא, און זיי גייען נישט אין אנדערע געגענטער וואו מען קען טרעפן א פיל גרעסערע אויסוואל.

די ענטפער איז געווען אז זייער טאטע - וואס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין דער ר"י פון ישיבת סאוט פאלסבורג - האט זיי געגעבן ערלויבעניש אליין איינצוקויפן מיט איין תנאי אויב זיי גייען דאס קויפן אין קרית יואל, און דערביי פרעגן ביים קעשיר אויב דאס איז אין איינקלאנג מיט די תקנות פון די היזיגע מוסדות דעמאלט וועט ער זיי נאכגעבן און ערלויבן זיך אליין אויסצושטאפירן זייענדיג רואיג אז עס איז אויסגעהאלטן בתכלית הצניעות.

דערביי האט דער יושב ראש איבערגעגעבן בפני הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א א גריס איבער די געוואלדיגע זהירות פון אונזערע הייליגע קרית יואל'ע מוסדות וועלכע האבן אראפגעשטעלט שטארקע פרינציפן מיט די פונקטליכע תקנות וואס די תלמידות פאלגן אויס עד כדי כך אז אנדערע ראשי ישיבות קומען ארויס דאהי איינקויפן שטאפיר צו זיין רואיג אז אויב אין די קרית יואל'ער מוסדות מעג מען אזוי גיין דאן איז ער רואיג דערמיט פאר זיינע טעכטער אן קיין פיקפוקים. וואס האט גאר שטארק אויסגענומען ביי די משתתפים די שטארקע געוויכט פון בית רחל קרית יואל אנצוהאלטן די הייליגע מוסדות אויפן הייליגן אויסגעטרעטענעם דרך פון מרן רביה"ק זי"ע מייסד העיר מיט אלע זיינע תקנות בלי שינוי זוז כל שהוא.

**א. דייטש**

## ביהמ"ד שהוא גבוה

לכבוד די חשובע רעדאקציע "דער וואכענשריפט".

צו ערשט דארף מען אפגעבן א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע אויסגאבע פון ריינע מאטריאל מידי שבוע בשבוע זאל דער אייבערשטער ענק געבן הצלחה אויף ווייטער.

עס וואלט געווען אינטערסאנט אנצומערקן איבער דאס נייע בית המדרש "בית כהנא", וואס פאר א געוואלדיגע מתנה עס איז פארן שטאט.

ווי באקאנט איז דא אן הלכה אין הלכות בית הכנסת (או"ח סימן ק"נ) אז בתי כנסיות ובתי מדרשות דארפן זיין אויפן העכסטן ארט פון שטאט, ווי עס שטייט אין פסוק "בראש המיות תקרא" און אז עס איז נישט אויפן העכסטן ארט, דארף מען אפילו העכערן דאס בית המדרש כדי עס זאל זיין העכער אלע בנינים, אדער נידערן די הייזער, אזוי ווי עס איז מבואר אין סימן ק"נ, אין עס שטייט אויך זייער שארף אויף א בית המדרש אדער בית הכנסת וואס איז נישט אויפן העכסטן ארט עיין שם.

אין די פוסקים זענען דא כמה לימודי זכות פארוואס מען איז נישט אזוי מקפיד אויף דעם, (ווי עס פארציילט הרה"ח בונה ומקים העיר ר' חיים הערש ליימזידער הי"ו איז דא אין קרית יואל געווען א מדובר צו בויען דאס בית המדרש הגדול אויף טעילער קארט וואס איז דאן געווען די העכסטע ארט, די הנהלה האט זיך דאן שואל עצה געווען מיט רביה"ק זי"ע, עס איז געבליבן אז מען זאל עס נישט מאכן מיט דארט וויבאלד עס וועט זיין זייער שווער פאר די עלטערע אידן צו וואקן ביז אהין) איינס פון די למודי זכות שטייט אין שפת אמת (שבת דף י"א) אז עס איז גענוג אז איין בית המדרש איז אויפן העכסטן ארט, וואס דאס ראטעוועט אלע איבריגע בתי מדרשים, איז ברוך השם אז מיר האבן זוכה געווען צו דעם פראכטפולן בית המדרש בית כהנא וואס איז אויפן סאמע העכסטען ארט פון שטאט, וואס טוט מיט דעם מגין זיין אויף אלע בתי מדרשים פון שטאט.

י"וו

*

## אז ס'איז דא ווילן איז דא צייט

איך דארף א ביסל חיזוק לכבוד חודש אלול, רעד אביסל צו מיר, איך קען נישט אליין.

גוט איך וועל פרובירן, איך וועל רעדן צו מיר, און דו מעגסט זיך אונטער הערן.

ווען מ'רעדט פון זיך פארבעסערן און פארשענערן, צב"ש קריאת שמע בזמנו, קביעות שיעורין לתורה, קומען צום דאווענען נאך פארן אנהייבן, דאווענען געשמאק מיט מתינות, טראכטן נאר ערליך אד"ג, הייבן זיך אן צן גיסן תירוצים ממש אזוי ווי פון א זאק ארויס, און זיך צו גיין טענה'ן מיט די אלע תירוצים איז פשוט נישט שייך, פארדעם וויל איך פארשלאגן נאר איין גרויסע טענה, וואס מיט דעם פאלן אוועק אויטאמאטיש אלע תירוצים ממש ווי א זייפן בלאז, די טענה ווערט ארויס געברענגט דורכן הייליגן ייטב לב (סוף פ' ואתחנן) בשם דעם הייליגן ישמח משה, אז נאך אלע מעשיות קומט אויס אז וואס א מענטש האט זייער שטארק ליב מיטן גאנצן הארץ, און ער גלוסט דערצו מיטן גאנצן זעל, וועט ער אייביג האבן צייט, אבער וואס ער האט נישט ליב ער דארף זיך שטופן דערצו, וועט ער אייביג אפשטופן ביז צום סוף, פארדעם ווען די תורה זאגט ואהבת את ה' כו' פירט ער אויס ודברת בם כו' דו וועסט לערנען סיי אינדערהיים סיי אויפן וועג ווען דו שטייסט אויף און ווען דו לייגסט זיך, וועסט נישט האבן מער קיינע תירוצים אזוי ווי 'נישט יעצט'






'נישט דא' כו' (קוק נאך דארט ווי ער טייטשט מיט דעם פסוקים), אלע תירוצים וועלן פארשוואונדן ווערן, די שאלה בלייבט נאר איבער וואס טוהט מען דערצו אז מ'זאל דאס טאקע ליב האבן, די איינציגסטע לעזונג פארדעם איז לערנען ספרי מוסר וספרי חסידות בקביעות מיט התבוננות ומתינות, דאס זעלבע איז ווען א מענטש האט ליב דעם הייליגן שבת וועט ער נישט לויפן אין מקוה די לעצטע מינוט און חס ושלום ציינדן לעכט נאכן זמן (וואס קען זיך אריין ציען ביז די שקיעה), און ער וועט קיינמאל נישט אנקומען צום דאווענען נאכדעם וואס מ'האט זיך שוין געשטעלט, ווייל ווען מ'האט ליב א זאך פאלן אוועק אלע תירוצים, (ס'איז באקאנט די ווערטל אם ראית גנב ותירוץ עמו), איינער וואס האט איינמאל אומווילנדיג געטרונקען זויערע מילך און געבראכן, וועט פון דאן און ווייטער שטענדיג שמעקן דאס מילך פאר ער גיסט דאס אן, איינער וואס האט איינמאל פארשפעטיגט זמן קריאת שמע ווייל ער האט זיך געלייגט שפעט וועט שוין קיינמאל נישט זיך לייגן שפעט זאל זיין וואס זאל זיין ער זוכט נישט קיין תירוצים ווייל ער האט זייער שטארק ליב די תורה און די מצוות.

אבער אפילו ביז דערווייל ווען מ'שפירט נאך ליידער נישט דאס זיסקייט פון תורה און מצות איז אבער פארהאן חוץ 'אהבת הערב', אויך 'אהבת המועיל', דאס מיינט ס'איז דא זאכן וואס מ'האט ליב ווייל ס'איז זיס, אבער ס'איז דא זאכן וואס מ'טוהט ווייל מ'ווייסט אז אן דעם דעם איז ער חלילה אויסגעשטעלט צו א געפאר פאר זיין לעבן, אפילו אויב ס'איז נישט זיס און נישט געשמאק, ס'ציהט נישט, ווער ס'ליידט אויפן הארץ און דער דאקטער ווארנט איהם אז טאמער נעמט ער נישט דעם מעדעצין יעדן טאג ערליך קען ער באקומען נאכאמאל א הארץ אטאק, דער וועט נישט פארגעסן די מעדעצין אפילו ווען ס'האט נישט קיין גוטן טעם, און דער וואס האט געליטן שטארק אויף צוקער וועט זיך היטן פון זיס, ווייל דאס לעבן און דאס געזונט איז איהם וויכטיגער פון אלעס, אזוי אויך לגבי רוחניות דער אור החיים הקדוש (ראה) זאגט אויפן פסוק את הברכה אשר תשמעו והקללה אם לא תשמעו, די תורה זאגט פאר יעדן איינציגן איד זאלסט וויסן און אנערקענען אז די גרעסטע גליק און דאס גרעסטע פארגעניגן איז מקיים זיין תורה און מצות און זיך היטן פון עבירות און זיין דבוק טאג און נאכט אין תורה, את הברכה אשר תשמעו, און ווידער פארקערט, מ'קען נישט זיין מער פארשאלטן און אומגליקליך ווי נאכגיין דאס פליישיגע תאוה און רייצעניש, ער איז געפאנגען אין א תפיסה ער איז אומגליקליך את הקללה אם לא תשמעו.

און אפילו אויב ס'דרייט זיך ארום אין אונזער קעפעלע פארשידענע געדאנקען, וואס מיר וואלטן נישט ליב געהאט אז אנדערע זאלן דאס קענען ליינען אויף אונזער שטערן, 'בכל יום אני מחשב למקום פלוני אני הולך', מ'זוכט זיך ליידער אנדערע פארגעניגן א חוץ די תורה, דארף מען נישט ווערן פון דעם צוקלאפט, ווייל אדרבה די נסיונות היצר איז א מתנה פון הימל אונז צו געבן די געלעגנהייט זיך צו שטארקן, און זאגן (אדער בעסער געזאגט שרייען) 'לסוף רגלי מוליכות אותי לביהמ"ד', דו האסט נישט קיין אהנונג ווי גוט איך פיהל מיר נאכדעם וואס איך האב געזאגט (אויסגעשריגן) דעם ניין! און אנשטאט צו פארברענגען מיין טייערע צייט מיט פוסטע ליידיגע זאכן האב איך געבינדן מיין גוף און איהם צוגעקייטלט צו די גמרא, און איך האב איהם געזאגט **'דא וועסטו זיצן ביז איך וועל אריין שרייען אין די גמרא-שולחן ערוך-תהלים-מוסר ספר וכו' מיין גאנצע רוחניות'דיגע ווייטאג, און זיך ערהוילן פון די שווערע קלעפ וואס דו האקסט אריין אין מיר אן קיין שום רחמנות געפיהל טאג טעגליך, איך מוז נקמה נעמען פון דיר'**, אזוי ווי די ווינטן שטארקן דעם בוים וואס מוז זיך ספראווען מיט די בייזע ווינטן, (עי' רש"י עה"פ כשעירים עלי דשא), און דער סאלדאט באקומט דעם אויסצייכענונג דוקא ווען ס'איז דא א מלחמה, און ער שטארקט זיך, כאטש ער איז אינמיטן אפאר מאל געפאלן און פארוואונדעט געווארן, אבער למעשה האט ער געשניטן שטיקער פונ'ם שונא, אזוי קומט זיך דעם מענטש א אויסצייכענונג דוקא ווען ער האט נסיונות און ער איז זיך מתגבר, כאטש ער האלט נאך נישט ביי לבי חלל בקרבי (שבע יפול צדיק וקם, ירידה לצורך עליה).

דאס איז א בפירוש'ע פסוק רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' 'היא' תקום, דער ווארט 'היא' איז איבריג, צו זאגן אז אדרבה דורך די רבות מחשבות בלב איש וואס דער מענטש ראנגלט זיך דערמיט, און ער באשליסט אנצונעמען די גוטע זייט, דאס שטארקט אין איהם דער עצת ה', ער זאל זיך קענען א עצה געבן, און ווערן זעלבסט שטענדיג און נישט זיך לאזן ווייטער פירן צו די שחיטה דורך דעם שלעכטן אומפארגינערישע יצר הרע, און אויסער דעם ווייסט מען דאך אז עצת ה' דאס איז די תורה, דורך זיך אריין טוהן פעסט אין תורה, וואס איז דער מעדעצין קעגן יצר הרע, ווערט מען פטור פון די רבות מחשבות און מ'קומט צי צו די ריכטיגע געדאנקען, און דאס איז גאר א גרויסע געווינס וואס דארף אונז פריילעך מאכן מער ווי געוואונען די לאטערי.

**נחום אבראהאם**
**דומ"ץ במאנסי**

*

## הזהירו. חילול שבת

לכבוד די קרית יואל וואכנשריפט דער שופר העיר רבתי

עס איז מיר אויסגעקומען איינצושטיין פארלאפענעם שב"ק דא אין איינע פון די געגענטער, אויף שבת האב איך ארייננשפאצירט צו א שמחה, וואס איז א קורצע וועג צופיס קיין אלט שטאט. בעפארן גיין האב איך געהאט אנגעפרעגט די דארטיגע איינוואוינער אויב ס'איז דא א עירוב אויף וואס די ענטפער איז געווען אז סאיז דא א כשר'ע עירוב.

שפעטער האב איך געהערט אז די גאנצע עירוב דארט איז ווייט פון מסודר, עס איז נישט אינטערסאנט די פונקטליכע פרטים אבער ווען איך האב אנגעהויבן מער נאכצוגיין און זיך נאכפרעגן אויפן הלוך ילך האב איך געהערט אז די עירוב דארט איז טאקע אהערגעשטעלט געווארן אונטערן פיקוח פון א גרויסן מורה הוראה פון א אנדערע געגענט אבער זינט דעמאלטס האט דער עירוב נישט קיין השגחה, און עס איז פון די דברים הצריכים תיקון גדול.

ליידער קומט ארויס אסאך מכשולות פון אזא מהלך ווען מען באגעניגט זיך מיטן ווארט 'עירוב' און מען איז שוין רואיג אז אלעס איז אין בעסטן ארדענונג אבער די מציאות איז אז ס'איז נישט אזוי. איבערהויפט ווערט דאס פיל שווערער ווען די רעדע איז פון א בענדל עירוב וואס דארף א כסדר'דיגע משגיח מיט א מורה הוראה בראש צו פסק'נען און טראגן די אחריות אויפן כשרות העירוב צו פארמיידן חילול שבת פון פילע איינוואוינער און געסט.

עס איז א געוואלדיגע זאך צו זען די לעצטערע אויפוואכונג פון ערנסטע מורי צדק צו שטיין על המשמר איבער כשרות העירוב. נאך די שרעקליכע הזנחה מיט מכשולות און שאלות וואס איז געווארן איגנארירט אזויפיל יארן. אבער אצינד דארף מען האלטן פאר די אויגן און זיין געווארנט אז עס איז נאכנישט א עולם התיקון די שטאט וואקסט כסדר און עס קומט צו נייע געגענטער. און אפילו אין די אלטע געגענטער - א שטייגער ווי אין מיין ערפארונג - איז דער ענין פון עירובין נאכנישט מסודר און עס ווארט נאך אויף א תיקון.

מיט דאנק פארן אייער פלאטפארמע וואס שטייט מיט א שטארקייט שוין אזויפיל יארן להסיר מכשול

**(י. ג.)**

*

## פת שחרית

לכבוד קרית יואל וואכנשריפט

קודם וויל איך מיר באדאנקן פאר די הערליכע אויסגאבע וואס אלע תושבי העיר רבתי זענען זיך מחי' דערמיט יעדן איינציגן וואך, וכן יעזור ה' להלאה.

זייענדיג איינע פון די גליקליכע תושבים וואס האט די זכיה צו דאווענען אינעם פראכטפולן נייעם ביהמ"ד בית כהנא אויף די חברון גאס וויל איך ארויסברענגען א נקודה. פאר צוויי וואכן צוריק האט הרבני הנגיד מוה"ר שמואל מאיר האלצער הי"ו - פון די גרויסע נדבנים פונעם ביהמ"ד - חתונה געמאכט, האט ער יעדן טאג צוגעשטעלט א ברייטן נארהאפטיגן פרישטאג פאר די מתפללי הביהמ"ד לכבוד די שמחה, און דאס האלט נאך אן ביז איצט.

אזא נאבעלע איינפיר איז גאר א פאסיגע צו טון אין א ביהמ"ד מיט פילע מתפללים, צוצושטעלן א פת שחרית (איך רעד נישט פון אזא מין איבערגעטריבן ברייטער פרישטאג ווי הערינג וכדו' וואס מאכן בלויז אן שמיץ און איז אגב אויך נישט קיין געזונטע זאך זיך צו אנעסן מיט די סארט זאכן), אזוי אז אידן וואס גייען ארויס צו עוסק זיין על המחיה ועל הכלכלה זאלן האבן א פשוט'ען פת שחרית זיך צו זעטיגן.

להחיות בהם נפש כל חי'.

מיט דאנק פאר'ן אפדרוקן מיינע ווערטער

**(ש. גאלדבערגער)**

בס"ד

### לוח הזמנים לעיר קרית יואל **פרשת נצבים - וילך תשפ"ב/פ"ג**

| | יום | יום לחודש | פרשיות ימים טובים | עלות השחר | הנץ החמה | סוף זמן ק"ש מג"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן תפלה גר"א | חצות היום | מנחה גדולה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה קטנה מג"א | פלג המנחה מג"א | הדלקת הנרות | שקיעת החמה | צאת הכוכבים ר"ת | Day Month |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נצבים | חמישי | כו אלול | | 5:32 | 6:44 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:26 | | 5:04 | 6:35 | | 6:54 | 8:06 | Sep. 22 |
| | ששי | כז אלול | | 5:33 | 6:45 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:25 | | 5:03 | 6:34 | 6:37 | 6:52 | 8:05 | Sep. 23 |
| | שבת | כח אלול | פרק ה - ו | 5:34 | 6:46 | 9:11 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:25 | 2:01 | 5:02 | 6:32 | | 6:50 | 8:03 | Sep. 24 |
| וילך | ראשון | כט אלול | ערב ראש השנה תשפ"ג | 5:35 | 6:47 | 9:11 | 10:23 | 10:47 | 12:48 | 1:24 | | 5:01 | 6:31 | 6:34 | 6:49 | 8:01 | Sep. 25 |
| | שני | א תשרי | א דראש השנה | 5:36 | 6:48 | 9:11 | 10:23 | 10:47 | 12:48 | 1:24 | 1:59 | 5:00 | 6:30 | | 6:47 | 7:59 | Sep. 26 |
| | שלישי | ב תשרי | ב דראש השנה | 5:37 | 6:49 | 9:12 | 10:23 | 10:47 | 12:48 | 1:24 | 1:59 | 4:59 | 6:28 | | 6:45 | 7:58 | Sep. 27 |
| | רביעי | ג תשרי | צום גדלי' | 5:38 | 6:50 | 9:12 | 10:24 | 10:48 | 12:47 | 1:23 | | 4:57 | 6:27 | | 6:44 | 7:56 | Sep. 28 |
| | חמישי | ד תשרי | | 5:39 | 6:51 | 9:12 | 10:24 | 10:48 | 12:47 | 1:23 | | 4:56 | 6:25 | | 6:42 | 7:54 | Sep. 29 |
| | ששי | ה תשרי | | 5:40 | 6:52 | 9:13 | 10:24 | 10:48 | 12:47 | 1:22 | | 4:55 | 6:24 | 6:25 | 6:40 | 7:53 | Sep. 30 |
| | שבת | ו תשרי | שבת שובה | 5:41 | 6:53 | 9:13 | 10:24 | 10:48 | 12:46 | 1:22 | 1:57 | 4:54 | 6:22 | | 6:38 | 7:51 | Oct. 1 |

סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט | מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט | סוז"מ מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט | מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט | פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט

לע"נ הרה"ח ר' יצחק מאיר ב"ר משה ע"ה (שפירא)

צו באקומען די לוח שיקט אן אימעיל צו KJLIACH@GMAIL.COM


א גרוס איין
פון אייער
חברותא אין
כולל...
אכטונג תורתי
שותפים!
ערווארט א
פערזענליכע
גרוס פון
'אייער כולל'
וואו אייער
תורה ווערט
געלערנט.
כולל
תקופת
העולים

# אלופי אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר אין גרויסן ביהמ"ד ביי סליחות בצל כ"ק מרן רבינו שליט"א



לשמוע אל הרנה ואל התפלה



היכל ישראל דוב איבערגעפילט באשמורת הבוקר



זייטיגע קארידארן מיטצוהאלטן די ווארימע סליחות



געדרענג אין היכל הביהמ"ד ביי די התעוררות'דיגע סליחות במקום שהתפללו אבותינו



מקום שהתפללו בו אבותינו

# אלופי אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר אין גרויסן ביהמ"ד ביי סליחות בצל כ"ק מרן רבינו שליט"א



היכל ישראל דוב איבערגעפילט באשמורת הבוקר



עומדים צפופים



אלופי אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר צוזויפגעפרעסט אין גרויסן ביהמ"ד ביי סליחות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א

בס"ד

# הייזער פאר סעיל אין קרית יואל / מאנרא / בלומינגראוו / טשעסטער / וואודבערי

## Kiryas Yoel (Village)

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 8 Lemberg Court Unit#312 | $910,000 | 4 | 2,453 | 0.01 |
| 8 Getzel Berger Blvd. | $1,550,000 | 7 | 2 units | |

## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 2 Oxford Depot | $289,900 | 3 | 1 (1 0) | 866 |
| 58 Oxford Springs Road | $249,000 | 1 | 1 (1 0) | 913 |
| 15 Primrose Lane | $1,500,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 |
| 81 Old Mansion Road | $999,995 | 4 | 5 (3 2) | 4,315 |

## South Blooming Grove (Village)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 26 Hawthorne Drive | $749,999 | 4 | 3 (2 1) | 1,848 | 0.5354 |

REDUCED!

FOR SALE!

$580,000



## Highland Mills

Ridge Rd.

- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 2 car attached garage • 2,331 Square feet •
- total 2,955 with basement •
- 1,250 sqft finished basement
- Quartz countertops • Built in 2002

3 MELISSA LN HIGHLAND MILLS, NY 10930

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 70 Dunderberg Road | $695,000 | 3 | 3 (3 0) | 3,266 |
| 35 Buena Vista Terrace | $1,195,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,548 |
| 5 Oldwyck Crescent | $669,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,510 |
| 2 Hallock Court | $999,999 | 4 | 3 (2 1) | 3,040 |
| 9 Pheasant Run | $949,000 | 4 | 3 (3 0) | 1,873 |
| 10 Berwick Circle | $680,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,709 |
| 3 Shetland Circle | $725,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,700 |
| 3 Melissa Lane | $580,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,331 |
| 8 Roselawn Road | $760,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,309 |
| 415 State Route 32 | $23,000,000 | 11 | 6 (6 0) | 7,420 |
| 13 Dartmouth Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,107 |
| 2 Berwick Circle | $710,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,050 |
| 14 Cindy Lane | $585,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,486 |
| 24 Jill Road | $2,400,000 | 7 | 5 (4 1) | 9,928 |
| 22 Stainton Fareway | $649,000 | 1 | 2 (1 1) | 1,702 |
| 23 Stainton Fareway | $729,000 | 2 | 2 (2 0) | 2,180 |

## Monroe NY

Winchester / Post

FOR SALE!

$830,000

- 4 Bedrooms
- 3 Bathrooms
- 3 car garage 960 sqft.
- 2,682 Square feet
- 1,250 sqft basement
- finished basement / walk out
- Granite countertops
- Granite backsplash
- 12x20 shed



47 POST RD. MONROE, NY 10950

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 290 Spring Street | $775,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,386 |
| 235 N Main Street | $500,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,410 |
| 2 Dara Court | $875,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,578 |
| 8 Orchard Street | $640,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,174 |
| 167 Mine Road | $799,000 | 4 | 4 (3 1) | 4,349 |
| 10 Roe Circle | $485,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,280 |
| 24 Ironworks Road | $565,500 | 4 | 3 (2 1) | 2,409 |
| 7 Orchard Terrace | $634,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,596 |
| 237 Oakland Avenue Unit#1 | $899,000 | 5 | 5 (3 2) | 3,392 |
| 3 Alex Smith Avenue | $729,900 | 4 | 4 (3 1) | 2,678 |
| 11 Kasch Court | $810,000 | 5 | 4 (3 1) | 3,548 |
| 279 Orchard Drive | $499,900 | 3 | 2 (2 0) | 1,966 |
| 32 Moulton Circle | $520,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,016 |
| 39 Deangelis Drive | $825,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,338 |
| 134 Linden Lane | $625,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,012 |
| 112 Forest Avenue | $825,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,022 |
| 247 Harriman Heights Road | $749,999 | 5 | 4 (4 0) | 3,400 |
| 219 Maple Avenue | $1,550,000 | 6 | 5 (4 1) | 4,289 |

## Blooming Grove (town) / Washingtonville

BARNES AREA 7 AVAILABLE

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 473 Clove Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,662 |
| 139 Barnes Road | $699,000 | 5 | 3 (2 1) | 2,873 |
| 153 Barnes Road | $589,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,310 |
| 121 Barnes Road | $599,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,040 |
| 3 Amy Road | $524,999 | 4 | 2 (2 0) | 1,762 |
| 62 Barnes Road | $470,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,740 |
| 60 Barnes Road | $499,900 | 4 | 2 (1 1) | 1,692 |
| 50 Horton Road | $600,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,196 |
| 79 Barnes Road | $565,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,704 |
| 1443 Route 208 | $499,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,988 |
| 101 Mtn Lodge Road | $4,750,000 | 4 | 5 (4 1) | 4,461 |

text your email address to:
845-544-3732 | or 845-629-5186

**זייט די ערשטע צו וויסן ווען א נייע הויז קומט ארויף אויף די מארקעט**

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

HGMLS | REALTOR® | EQUAL HOUSING OPPORTUNITY

שלמה פריעד 845-309-7262 | יצחק אייזיק ראטטענבערג 845-662-1849 | שלום מאיר טארים 845-629-5186

Not responsible for typographical errors

The Realty Blue group

בס"ד

פרי עץ

# הדר

מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע
זיין פאר אונזערע צופרידענע
קאסטומערס, אז היי יאר האבן מיר א

# הערליכן אויסוואהל

מיר וועלן
בעז"ה זיין
אפן ווי
פאלגענד

יעדן טאג:
**פון 5:00 ביז 11:00**

ערש"ק און עריו"ט:
**פון 11:00 ביז 2:00**

מוצש"ק און מוצאי יו"ט:
**פון א שעה נאכן זמן**
**ביז 12:00**



## אתרוגים מובחרים

יאנעווע
(מיט אדער אן פיטום)
און מאראקא

אין אונזער לאקאל

## גארפיעלד מענאר

4 גארפיעלד רד.



## הדסים משולשים

שיעור חזון איש
שיעור הגר"ח נאה



## לולבים שלימים

דערי
וגם מחו"ל

פאר מער אינפארמאציע רופט:
845-500-1123
אדער: 845-537-1182

YESH DESIGN | 845.774.4069

# יקותיאל יודא שטיינער
# יצחק אלחנן פעלדמאן

מיר ערווארטן אייך צו
באדינען מיט אונזערע
העפליכע סערוויס, און
איר וועט בעז"ה ארויסגיין
העכסט צופרידן

# אֵלו... וְאֵלו...

ציטאטן • איסצוגן • אבזערוואציעס • קרישקעלער איסשניטן • נאטיצן

מ. גראסמאן

## אייגענארטיגע קאליראפולער ארייבליק אינעם הויפן פובליקאציעס וועלכע ערשיינט רעגלמעסיג איבער עיר רבתי קרית יואל




## בין אדם לחבירו

דרך אגב וויל איך זאגן, ס'איז ביי מיר געווען א איד, צוויי וואכן צוריק, ער האט געברענגט א קוויטל, ער האט נאר צוויי קינדער, איין קינד האט ער געהאט אסאך יארן נאך זיין חתונה, און אסאך יארן שפעטער האט ער געהאט נאך א קינד, זאגט ער מיר ער מוז מיר עפעס זאגן, ער האט נישט געהאט יארן לאנג קיין קינדער, און ער האט זיך אסאך מפשפש געווען במעשיו אז פארוואס איז ער נישט זוכה צו האבן קיין קינדער, ער האט זיך דערמאנט א מעשה, זאגט ער איך בין געווען אין חדר, און ס'איז דארט געווען א יונגל וואס יעדער איינער האט אים געטשעפעט, ער איז געווען די קרבן פון די גאנצע כיתה, און ער איז געווען א אנפירער פון דעם וואס ער האט דעם יונגל מצער געווען, ער האט געטראכט אפשר האט עס מיט דעם, ער איז געגאנגען, ער האט אויפגעזוכט דעם איד ער איז אריבערגעגאנגען צו אים, און ער האט אים מפייס געווען. און דער איד האט אים געזאגט, זאלסט וויסן, עד היום טוט מיר נאך וויי וואס מ'האט מיר געטוהן אין חדר! אבער אז דו ביסט מיר מפייס בין איך דיר מוחל.

ס'איז נישט דורך וויניגער ווי א יאר און ער האט געהאט א קינד!

**(המערכת לשלחן - דב"ק מרן אדמו"ר שליט"א**
**לתלמידי הת"ת יום ה' פר' כי תצא)**

## 500 חתימות דורך הורי מוסדות קרית יואל 12



500 ראשי משפחות פון אונזער שטאט שוין אונטערגעשריבן פעטיציע פאר הנהלת מוסדותינו בעניני טעכנעלאגיע.

אין פאקט, בלייבט עס נישט ביי די עלטערן, די שעדליכע השפעה דערקענט זיך גאר שטארק אויף זייערע קינדער, אזוי אז עס קען אויסקומען אז אידן וואס זענען זיך מוסר נפש מחנך צו זיין די קינדער על דרך התורה והמסורה, אפגעשיידט פון די גוי'אישע גאס, מען לייגט אריין אויסטערלישע כוחות פלאג און מיה אין די קינדערלעך. און דאס אלעס ווערט צופאלן אין די מוסדות החינוך, וועו די קינדער באגעגענען זיך מיט קינדער פון מחנה מגושמים, וואס ברענגען אריין די הפקרות און ליצנות. פאר יונגע קינדער איז זייער שווער אויפצוכאפן פון וואס מען דארף אוועקשטיין, און וועלכע ווערטער און אויסדרוקן זענען שעדליך און נישט אויסגעהאלטן.

דעריבער, ווערט ארויסגעשטעלט די פאלגענדע פעטיציע צו הנהלת מוסדותינו הק', וואס איז ב"ה געבענטשט מיט מערערע קלאסן פאר יעדע יארגאנג, מייחד צו זיין עקסטערע קלאסן פאר קינדער פון ערליכע שטובער 'מחנה אלוקים', זיי זאלן קענען באקומען אין חדר די זעלבע ריינע חינוך וואס זיי באקומען אין שטוב, אן קיין שום השפעה פון די דרויסנדיגע גאס.

**(קרית יואל זשורנאַל)**

## "שכונת דברי חיים" קרית יואל



דעם פּאַרלאַפּענעם מיטוואָך ראה, זענען די שלוחי הציבור אינאיינעם מיט די אַפּליקאַנטן אַריבערגעגאַנגען אל הקודש פנימה, צו אָנפרעגן דעת קדשו פונעם צאַנז זמיגראַדער רבי'ן שליט"א.

נאָכ'ן אויסשמועסן אַלע הצעות און פּאָרשלאָגן האָט דער רבי שליט"א געענטפערט אַז אויב מען זעט אַז עס פּירט זיך אַזוי פון הימל איז דאָס זיכער אַ פּאַסיגע זאַך, וואָס וועט ברענגען אַ גוט מזל לטובה.

דער רבי שליט"א האָט דאַן מציע געווען אַז דער גרויסער פּראָיעקט זאָל טראָגן דעם הייליגן נאָמען "שכונת דברי חיים", וואָס איז דאָך מרמז אויף לעבן, אויף אַ חיים של ברכה ברוחניות ובגשמיות.

באַזונדער האָט דער רבי שליט"א דערמאָנט אַז אַזאַ פּאַסיגע נאָמען וועט מעורר זיין זכותו הגדול והקדוש פון הייליגן דברי חיים זי"ע, וואָס כידוע דאָס דביקות און התקשרות פון רביה"ק זי"ע, מייסד עירינו, לשמו ולזכרו פון הייליגן דברי חיים זי"ע, וואָס ער פלעגט ממש אויפציטערן ווען ער האָט דערמאָנט דעם הייליגן נאָמען.

דער רבי האָט דערביי פּאַרציילט אַז בימיו פונעם צאַנזער רב זי"ע איז געווען אַ בחינה פון "סיהרא במילואה", די שטאָט צאַנז איז בשעתו געווען אַ שטאָט פון טויזנטער אידן און ס'האָט זיך נישט געפינען דאָרט קיין איין מחלל שבת, און אָט די זעלבע השפעה וועט בעזה"ה נמשך ווערן אַז אונזער שטאָט זאָל זיין אַן ערליכע אָפּגעהיטענע און אידישע שטאָט, אין פרץ ואין יוצאת ואין צווחה ברחובותינו, אשרי העם שככה לו.

ווירקליך איז "פקודתו שמרה רוחינו"!, ווען באַלד דעם קומענדיגן טאָג איז אַריינגעגעבן געוואָרן דער אָפּיציעלער פּאָרלאַנג צו דער קאָונטי אַז דער פּראָיעקט וועט טוישן דעם לעגאַלן און עמטליכן נאָמען צו "שכונת דברי חיים", לסתום פיות משטינינו ומקטרגינו, ולאור באור החיים!

**(קרית יואל וואכנשריפט - קריאת השם פאַרן נייעם "שכונת דברי חיים" בעיר קרית יואל)**

## איספּרובירן שופרות באַקוועם

אנשטאט שטיין און צענטער פון געשעפט און פּראבירן שופרות בפני עם ועדה, האבן מיר דעזיגנירט א ספּעציעלן שופרות ווינקל ווי איר קענט אויספּראבירן אייער שופר מיט א רוהיגקייט און באקוועמליקייט.

**(דבר יום ביומו)**

## סמאָוק אַלאַרם

איך גלייב אַז ווי אַלע יאָרן, וועט נענטער צום יום טוב סוכות אַרויסקומען אַ בקשה מטעם די חברה מצילי אש, אַז מען זאָל זען בכלל נישט אַריינברענגען קיין ברענענדיגע ליכט אין די סוכה. אדרבה, ווער עס האָט די מעגליכקייט דערצו איז זיכער אשרי לו, וחמירא סכנא מאיסורא.

אָבער וואָס איך וויל בעיקר מיט די פּאָר שורות, איז אַ זאַך וואָס איז וויכטיג שוין אויף איצט נאָך ווען מען בויט די סוכות, אַז עס איז זייער ראַטזאַם איינצושטעלן אַ געהעריגן "סמאָוק אַלאַרם" אין די סוכה. רוב מאָל ווען די פייערן פּאַסירן ל"ע, איז עס ווען קיינער איז נישט אין די סוכה, מען באַמערקט ניטאָמאָל אַז עס האָט ל"ע אָנגעהויבן צו ברענען, און אַזוי פאַרשפּרייט זיך דער פייער מאַסיוו און שנעל.



ווען מען זאָל האָבן אַ סמאָוק אַלאַרם אין די סוכה, וואָלט עס זיכער פּאַרמיטן אַז דער פייער זאָל זיך נישט צושפּרייטן, נאָר מען זאָל דאָס קענען תיכף פּאַרלעשן אָן דעם וואָס עס זאָל אָנמאַכן ווייטערדיגע חורבנות.

**- קרית יואל זשורנאַל)**
**(געשפּרעכן**

## קאַווע קאָסט טייער

שטודיע: מ'קויפט מער נאכ'ן טרונקען א ווארימע קאווע אן אינטערעסאנטע שטודיע איז אפיר געקומען די וואך וואס ציייגט אז טרונקען א פיינע ווארימע קאווע פאר'ן גיין איינקויפן אין געשעפט ברענגט די ארדער אין שאפינג ווענגלע צו זיין אביסעלע ברייטער...

די שטודיע איז פארגעקומען אין פראנקרייך, אויף נישט קיין גרויסע צאל מענטשן, ארום 150 ריטעיל קאסטומערס. עס האט זיך ארויסגעשטעלט די מעגליכקייט אז טרונקען קאווע, אדער אנדערע געטראנקען מיט קאפעין, האט געט-ריבן די קאסטומערס צו קויפן סיי פאר מער געלט, און סיי מער זאכן אפגעזען פון די געלט חלק. לויט די פארשער קומט עס מעגליך פון דעם ווייל נאך א גוטע קאווע איז די גייסטע פון מענטש מער ענערגיש און גרייט צו נעמען שריט,

און די חשבון פון וויפיל עס קאסט איז דעמאלט נישט אזא וויכטיגע פראגע אויפ'ן געדאנק. א גרעסערע צאל קליענטן האבן נאך א קאווע געקויפט מער זאכן וואס זיי ווילן האבן אבער מוזן נישט האבן. "דיקעף" קאווע, צייגט די שטודיע, האט בכלל נישט געהאט קיין אפעקט אויפ'ן איינקויפן, נישט אויף מער געלט און נישט מער פראדוקטן.

**(קרית יואל היימשטאַט)**



קרית יואל וואכנשריפט

## נייע שיך יעדן סעזאן...?



איך האב נאַרוואָס צוגעגעבן א שווערע ארבעט. איך האב יעצט געענדיגט פארזיכטיג דורכליינען יעדעס בלאט פון די תקנות, פון אלע מוסדות אין אונזער הייליג שטעטל, און איך האב אנטדעקט אז מיר אלע מאכן א טעות.

יא, מיר מאמעס זענען פשוט פארנארט. איך ווייס נישט ווער עס איז פאראנטווארטליך פאר די פאלשע איינרעדעניש, אבער דער פשוט'ער פאקט איז, אז קיין איין שולע פארלאנגט דאס נישט. מיר פייניגן זיך אומזיסט!

ווער עס טרעפט אז איך האט זיך טועה געווען, קען מיר ביטע לאזן וויסן. נאכן דורכבלעטערן און ליינען אפילו די קליינע אותיות, האב איך נישט געטראפן קיין שום תקנה אז מען קען נאר קומען אין שולע דעם ערשטן טאג מיט נייע שיך.

זארגט זיך נישט, וואס די מוסדות וויל אז מען זאל אויספירן, לאזן זיי וויסן. מען דארף באקוקן די האר פון לייז. מען דארף ברענגען $65 פאר די ביכער. אָן אַן איינטריט קארטל קען מען נישט קומען. פונקטליך ווילאנג די האר מעג זיין, און וועלכע קאלירן זענען ערלויבט, שטייט קלאר געשריבן. דאס אבער אז מען דארף האבן נייע שיך נארוואס ארויס פון שאכטל, שטייט נישט אפילו איינמאל.

שטעלט זיך פאר, אז נאכן דורכגיין די גאנצע קאשמאר, אבי צו באקומען נייע שיך פארן נייעם שולע-יאר, כאטש וואס אינדרויסן איז נאך גוט הייס, וויסנדיג אז דאס איז די גזעזץ, א חק בלי טעם, טרעף איך גאר אויס אז די גאנצע זאך איז א שווינדל! נישט דא אזא פארלאנג פון די שולעס! פון זייער זייט, קענען מיר קויפן נייע שיך חנוכה אדער אסרו חג סוכות.

איך שרייב עס כדי צו ארויסהעלפן די וואס האבן נאכנישט געקויפט. איר זאלט וויסן אז איר מוזט נישט קויפן נייע שיך.

סייווי איז שוין גארנישט פארבליבן פאר אייך אין געשעפט.

**(באַלעבאַסטע)**

## רעדן פון מענטשן!

קלוגע מענטשן רעדן פון געדאנקען, דורכשניטליכע מענטשן רעדן פון געשעענישן, נעדרישע מענטשן רעדן פון מענטשן

**(היום יום)**

## משמח אלקים ואנשים...

עס איז מיר אויסגעקומען צו גראמען ביי עטליכע חתונות פון אייניקלעך פונעם רבי'ן דער ברך משה זי"ע. איך פלעג אויפטרעטן ביים טיש שושן פורים אסאך יארן, איך האב אויפגעטרעטן פאראאר שושן פורים שנת תשפ"א ביים שושן פורים טיש פונעם רבי'ן שליט"א וואס איז פארגעקומען אין קרית יואל.

נאך אן אינטערעסאנטע זאך דערמאן איך זיך יעצט, אז אמאל כ"א כסלו, האט מען געמאכט א גרויסע סעודה אין ישיבה אין סענדז סט, מען האט צוזאמגענומען אלע תלמידים פון ישיבה קטנה. איך בין דאן געווען א יונג בחור'ל. איך האב געגראמט איבער די גרויסקייט פונעם טאג, אי לאו האי יומא, וואזוי וואלט מיר אונז אויסגעזען היינט צוטאגס, עס זענען דארט געווען הונדערטער בחורים און פילע יונגלעך ביי דעם מעמד, בשעת ווען איך האב געגראמט איז געווען שא-שטיל, יעדער האט ב"ה אויסגעהערט מיט אינטערעס.

עס איז געווען דארט א חשוב'ער מגי"ש, ער האט נאך מיינע גראמען געהאלטן א שיינע דרשה איבער דעם גרויסן טאג, דער עולם איז נישט געווען אזוי שטיל, קינדער האבן ארומגערעדט, געדענק איך נאך ווי דער חשוב'ער מגי"ש האט מיט א געוויסע ווייטאג געגעבן א שריי "וואס בין איך שולדיג אז איך קען נישט גראמען?..."

וויפיל חתונות א וואך נעמט איר אן צו גראמען?

ע: איך פרובירן נישט אנצונעמען מער ווי 3. אגב האב איך געוויסע לימיטעישאנס.

דהיינו?

ע: ווי איך זאג אייביג " 1) איך נעם נישט אן מער ווי איין חתונה א נאכט, 2) נאר וואו מען רופט מיך..."

אין ארץ ישראל האט איר שוין אמאל געגראַמט?

ע: ניין. כ'האב שוין באקומען גאר אסאך אפפערס, אריינגערעכנט



פון עשירים און חסידות'ן, כ'בין אבער למעשה נאך קיינמאל נישט געווען אין ארץ ישראל.

אזוי?

ע: די סיבה דערצו איז לכאורה גאנץ פשוט, וויבאלד כ'בין דאך א סאטמארער חסיד, וויבאלד דער רבי זי"ע האט נישט געהאלטן פון סתם פארן קיין ארץ ישראל, ממילא בין איך נישט געפארן. אגב, בקרוב האב איך יא אין פלאן צו פארן, בביאת הגואל...

**(אינטערוויאו דורך מ. בערגער מיט הרבני החסיד ר' יקיר ברוין הי"ו נאכן ערשיינונג פון דריטן אין סעריע ווייכע סידי"ס)**

SPECIAL YOM TOV

# LATE HOURS

SHOP UNLIMITED

## SEP. - OCT. 2022 תשרי תשפ״ג

| SUNDAY | MONDAY | TUESDAY | WEDNESDAY | THURSDAY | FRIDAY | SHABBOS |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 18 א׳ סליחות 7:30am-2:00am | 19 7:30am-2:00am | 20 7:30am-2:00am | 21 7:30am-2:00am | 22 24 7:30am | 23 Till 15 min. b/f zman | 24 WITH DELIVERIES 24 נצבים From 15 min. after zman |
| 25 24 ערב ראש השנה Till 15 min. b/f zman | 26 ראש השנה | 27 ראש השנה From 1/2 hr after zman - 2am | 28 צום גדלי׳ 7:30am-2:00am | 29 24 7:30am | 30 Till 15 min. b/f zman | 1 נצבים From 15 min. after zman - 2am |
| 2 7:30am-2:00am | 3 7:30am-2:00am | 4 ערב יום כיפור Till 1/2 hr b/f zman | 5 יום כיפור From 1/2 hr after zman | 6 24 7:30am | 7 Till 15 min. b/f zman | 8 WITH DELIVERIES 24 From 15 min. after zman |
| 9 24 ערב סוכות Till 15 min. b/f zman | 10 א׳ סוכות | 11 ב׳ סוכות From 15 min. after zman - 2am | 12 א׳ חול המועד סוכות 7:30am-2:00am | 13 24 ב׳ חול המועד סוכות 7:30am | 14 ג׳ חול המועד סוכות Till 15 min. b/f zman | 15 WITH DELIVERIES 24 האזינו From 15 min. after zman |
| 16 24 הושענא רבא Till 15 min. b/f zman | 17 שמיני עצרת | 18 שמחת תורה From 15 min. after zman - 2am | 19 אסרו חג 7:30am-2:00am | PEPPERMINT Phone Order Dept. 845.492.8777 EXT. #1 | | |

DELIVERY ENDS @12AM EVERY NIGHT

Peppermint supermarket

845.492.8777 | 33 DINEV RD.

supermarketkj@gmail.com
www.peppermintsupermarket.com





קרעין ביים אינסטאלירן נייע סערוויס טאווערס אין שכונת אלטא פיגא אויפן בנין לאה אסתר













עיקערס ענקלעיוו גאסן אין שכונת ברך משה המורחבת אויסטאפירט מיט 'גאס שילדן' פאר די פילע קאנסטראקשען טראקס וואס נעמט אריין די מונקאטש, בריגל, טארניגראד, און אמסטערדאם ועי'

## גיגאנטישע גאלעריען לעגאויס גרויסן ביהמ"ד אין וויליאמסבורג מקום שהתפללו אבותי ווערט אויפגעשטעלט אויף ביידע זייטן פאר הונדערטער פרישע זיצן צו לינדערן געדרענג בשעת די געהויבענע תפילות און טישן פון מרן רבינו שליט"א







אנגעהויבן די ארבעט אויפצושטעלן די מאסיווע גאלעריען אויף דרומית מערבית אין ברכת כהנים זיצן

## מאיעסטעטישער בנין המפואר פון קהל תפלה למשה ווערט פארענדיגט מיט לעצטע דעטאלן צום באנייען דעם ר"ה הבעל"ט





הערליכע וועג אריין צום פרעכטיגן ביהמ"ד קהל תפלה למשה



מאסיווע רייע סקיי לייטס אויפן דאך פון בנין המפואר פארמירט גרעסטע אריינגעבויעטע סוכה אין שטאט


בְּסֵפֶר הַחַיִּי"ם "לְמַעַנְךָ"
אַ נייע יאָר
אַ נייע לימוד
אַ נייע לעבן
לְשָׁנָה
תתחדש קר
זָכְרֵנ"וּ לְחַיִּי"ם
אַ נייע לעבן
מיט 'זכרו הלכה'
כו"לנו מתחילים
מחזור ב' שו"ע אורח חיים
חבורת
לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא
לע"נ ההרה"ח
ר' יוסף עזרא ב"ר יחיאל מרדכי ז"ל אראן
וזוגתו מרת יוסיפה ב"ר אהרן אלעזר הכהן ע"ה
הונצח ע"י חתנם
הרב רבי אליעזר קעסטענבוים שליט"א
ובנו מוה"ר יואל הי"ו

זכרו
תורת משה
קרית יואל

# את כולן שמענו!

במקהלות אלפי לומדי זכרו, ביים סיום מס' זבחים והתחלת מס' מנחות,
האבן מיר געהערט די בקשה פון
מייסד ונשיא חבורתינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

עס איז דא ברוך ה' א גרויסע ציבור וואס לערנט זכרו מען איז מסיים מען גייט פון איין מסכתא צו נאך א מסכתא מען חזר'ט עס איבער און מען געדענקט, אבער עס איז דא די חלק פון הלכה למעשה פון כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא.

מען האט מייסד געווען די לימוד פון זכרו הלכה וואס מען לערנט דורך גאנצע מקצועות אורח חיים מען פארהערט זיך ברוך ה' מען האלט שוין יעצט ביים סוף פון מסיים זיין גאנץ חלק או"ח. די אלע וואס האבן געלערנט האבן קונה געווען א געוואלדיגע שלימות צו וויסן דעם כל השונה הלכות בכל יום עס איז דא יעדן טאג א שיעור פון הלכות מידי יום ביומו מידי שבת בשבתו אלע הלכות וואס איז שייך.

## די אידן פון קרית יואל

דארפן אויך זיין און די זעלבע בחינה
פון מוסיף והוליך, מעלין בקודש

און קובע זיין שיעורים מיט חבורתות און
אוועקשטעלן אלץ הלכה למעשה דעם זכרו הלכה




# טוֹבָה וּמְתוּקָה

יעצט ביים התחלת שו"ע או"ח
פון אנהויב, וועלן מיר אלע זיין א
טייל און קונה זיין הלכה למעשה,
מיט א לימוד בקביעות און בחינות
ותשלומין מידי חודש בחדשו

פאלגט נאך אלע דעטאלן איבער
די מאסיווע הרשמה דרייוו,
פרישע שיעורים און סידור
חברותות אינערהאלב זכרו-הלכה

לומדי זכרו
קרית יואל
הגיע הזמן!

ית יואל!

שו"ע אורח חיים
ר"ח חשון תשפ"ג הבעל"ט

# זמני תקיעת שופר לנשים

## בית המדרש הגדול

**בשעה 12:40 בחדרי בית שמעון – טאלטשאווא**

כניסה מחדר טאלטשאווא גארפיעלד רד.

## ביהמ"ד בית כהנא

**בשעה 12:30 בהסוכה**

## ביהמ"ד ישמח משה

**בשעה 12:40**

## ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

**בשעה 12:30**

## ביהמ"ד בית מרדכי לייב

**בשעה 12:30**

## ביהמ"ד טיב לבב

**בערך 1:15**

## ביהמ"ד בית מאיר

**יום א' 12:30 יום א' 12:45**

## ביהמ"ד בית יקותיאל

**בשעה 12:45**

## ביהמ"ד מערידואלד סאוט

**בשעה 12:45**

## ביהמ"ד אלד טאון

**בשעה 12:30** - בביהמ"ד 18 דועלק

## ביהמ"ד פעני/איילענד וויא

**יום א' 12:15 יום ב' 12:30**

בברכת כתיבה וחתימה טובה

**הנהלת הקהלה**

ירח האיתנים
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
תשפ"ג

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

# קהל יטב לב סאטמאר
# קרית יואל

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הק' זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


ועד המיוחד לעניני כשרות
התאחדות הרבנים
dartmedia.us
א דאנק די חשובע משגיחים שליט"א וועלכע אפערירן א גאנץ יאר מיט געניטשאפט האבן מיר היי יאר באוויזן אהערצושטעלן
טויזענטע פרישע פראדוקטן פאר כלל ישראל לויט די חומרות, הוראות און הידורים וואס רבותינו מדור הקודם נבג"מ האבן
אוועקגעשטעלט נאכ'ן קריג. צו די זעלבע צייט דארפן דערמאנט ווערן לשבח די הונדערטע בעלי בתים פון אלע היימישע
פירמעס וועלכע אינוועסטירן און שטייען אלץ גרייט נאכצוקומען די פארלאנגטע הידורים און פארשריפטן לתכלית ההידור.
שנה טובה ומהודרת
לנו ולכל בית ישראל
CRC
85 Division Ave. Brooklyn, NY 11249 ■ t: 718.384.6765 ■ f: 718-374-6510 ■ info@crckashrus.org




# ערשטמאליגן אריינבליק

אינערהאלב די

## ברייט-פארצווייגטע פעולות חובקות

פונעם אלוועלטליכע הייליגער ארגאניזאציע

## אתרא קדישא

## אינפארמאטיווע אינטערוויא

אפגעהאלטן מיט

**העסקן הדגול הרה"ח ר' חיים אליעזר היימליך שליט"א**

מגדולי עסקני אתרא קדישא רבות בשנים

וועלכער איז אריינגעטון בעובי הקורה מדי יום ביומו אפצוהאלטן חיטוטי שכבי לענגאויס ארץ הקודש וברחבי תבל

שטייענדיג אינעם געהויבענעם זמן ווען כלל ישראל טרעט אריין אין די פארכטיגע הייליגע טעג, ווען מ'גייט אריין אינעם פרישן יאר פון תשפ"ג, איז ווי יאר יערליך די זמן ווען עס איז באשטימט - נאך פון אלע פריערדיגע גדולי ומאורי ישראל זי"ע ויבלחט"א שליט"א - פאר א מגבית אדירה צו גיבן "כופר נפש" פארן כלל ישראל'ס הייליגע ארגאניזאציע "אתרא קדישא" למען הצלת והגנת קברי ישראל, וואס איז נתייסד געווארן ע"פ פקודת כ"ק אבינו רועינו מרן רביה"ק זי"ע.

ס'איז איבריג ארויסצוברענגען וואספארא חוב עס ליגט אויף אונז צו גיסן נדבות פאר אזא צוועק, ווען עס שטייט דאך שוין אין זוהר הק' די געוואלדיגע זהירות וואס מיר ברויכן נעמען אפצוהיטן די קברי ישראל, און ח"ו די עונשים וואס קענען קומען אויב מ'באפאסט זיך נישט ווי ס'דארף צו זיין.

אבער אזויווי די פעולות נשגבות, די אויסטערלישע מסירות נפש, די וואונדערליכע מעשים, וואס די עסקני אתרא קדישא טוען משך פון א גאנץ יאר, איז נישט אזוי באקאנט פאר יעדן - ווען מיר הערן בעיקר פון דעם בלויז ווען ס'קומען פאר שטורעמישע מערכות - בפרט ווען רובא פון די פעולות גייען צו דייקא בהצנע לכת, וואס דאס פעלט זיך אויס ביי פארשידענע פראיעקטן, איז אונז א כבוד און די געלעגנהייט אצינד פארצושטעלן לקראת יום הקדוש הבעל"ט פארן ברייטן ציבור שלומי אמוני ישראל אן ערשטמאליגן טיפער אריינבליק אין די ברייט-פארצווייגטע אויסטערלישע פעולות וואס נעמט אלס אריין אין די צוויי ווערטער "אתרא קדישא".

מיר באטאנען אז ס'איז אונז געווען גאר שווער זיך צו קענען אראפזעצן מיט איינער פון די איינגעשטעלטע, פשוט ווייל זיי זענען עוסק יומם ולילה, רונדע דעם זייגער אן אפשטעל, למען הצלת קברי ישראל. אבער ב"ה ס'איז אונז אין די לעצטע מינוט געלונגען צו "כאפן" איינס פון די הערצאישע עסקנים, און מיר האבן באקומען גאר אן אנדערע בליק וואס אתרא קדישא באדייט, ווען די וואונדערליכע פעולות איז געווארן צום ערשטן מאל אזוי ארויפגעברענגט בטוב טעם, צולייגט מיט אלע דעטאלן.

דער שמועס איז בלויז א מקצת מן המקצת וואס מען קען אלס שרייבן איבער די בלויזע פאקטן פון די טאג-טעגליכע ווירטשאפט אינערהאלב אתרא קדישא, אבער כאטש דאס, איז זייער אינפארמאטיוו און אינטערעסאנט, וואס מיר האפן די ליינער וועלן שטארק הנאה האבן, און טאקע באגרייפן עטוואס פארוואס אתרא קדישא איז דא, און וואס זיי טוען אויף, און פארוואס מ'דארף אזוי צוקומען צו יעדנ'ס נדבה, און די געוואלדיגע הייליגע זכות פון גיבן 'פדיון כופר נפש' עיוה"ק אפצוהיטן די הייליגע קדושי ארץ אז זיי זאלן מליץ יושר זיין פאר אונז ביום הקדוש.

**א גוט יאר כבוד ר' חיים אליעזר ס'איז אונז געווען זייער שווער אייך צו באפן צו קענען אפהאלטן די פאלגנדע שמועס, ווען אימער מיר האבן פרובירט איז מען געווען אינמיטן פון די הייליגע מיסיעס צו שטיין אויפן פראנט-ליניע פון שמירת קברי ישראל בבל רחבי ארץ הקודש.**

**אצינד האט איר געטראפן די פאר מינוט. צוערשט טאקע א ישר כח פאר אייער טייערע צייט, מיטצוטיילן מיט'ן ברייטן ציבור א טיפער אריינבליק אין די פעולות נשגבות וואס אתרא קדישא טוט, ווען רוב דערפון איז בכלל נישט אזוי באקאנט צווישן דער עולם.**

**לאמיר אנהייבן מיט די ערשטע פראגע, ווען און פארוואס איז אתרא קדישא געגרינדעט געווארן?**

**ר' חיים אליעזר:** א גוט יאר, ישר כח פאר אייך פאר'ן מיר געבן דער געוואלדיגע געלעגנהייט שטייענדיג פארן מגבית האדיר, וואס אלע גדולים האבן אוועקגעשטעלט צו גיבן כופר נפש אין די טעג פון ערב יום הקדוש.

צו ענטפערן אייער פראגע וועל איך אייך איבערגעבן וואס איך האב געהערט פון הגאון הגדול רבי דוד שמידל שליט"א יו"ר אתרא קדישא רבות בשנים. בשנת תשט"ז איז געווען א גרויסע

מערכה כבידה ווען די רשעי ישראל האבן אנגעפירט מיט זייערע גראבונגען אין שטאט 'טבריה' אויפן בית החיים וואו עס געפינט זיך די ציוני הקדושים פונעם רמב"ם, של"ה, און נאך אסאך קברים פון די הייליגע תנאים. א מערכה וואס האט אויפגערודערט די גאנצע אידישע וועלט ווען אין שפיץ פון די מערכה איז געשטאנען דער הייליגער בריסקער רב זצוקללה"ה, אינאייינם מיט אלע גדולי ישראל אין ארץ ישראל, און ווי פארשטענדליך מרן רביה"ק זי"ע אין שפיץ פון אלע גדולי ישראל אין אמעריקא, וועלכע האבן געקערט וועלטן למען הקדושים אשר בארץ המה אין די שטאט טבריה.

קורץ דערויף האט דער יהדות החרדית ווידעראמאל אויפגעשטורעמט און איז ארויס אויף א העפטיגע מערכה אין די 'בית שערים' געגנט וואו די ציונים האבן ליידער באוויזן צו אויסרייסן הונדערטער מערות, און ס'איז באקאנט די שוידערליכע פאל ווען זיי האבן דארטן געברענגט קינדער פון א שולע אז זיי זאלן זיך שפילן מיט די עצמות קדושות רח"ל, כדי צו אינגאנצן אויסרייסן פון זיי די אמונה בהשראת הנפש. אין דעם געגנט האט מען אין די לעצטע יארן שווער געארבעט צו מלקט זיין עצמות פון איבער הונדערט מערות קבורה.

דאן אין יענע תקופה האט מרן רביה"ק זי"ע וואס זיין הייליג הארץ האט געבלוטיגט אויפן שרעקליכן מצב פון די גזירת חיטוטי שכבי און עקירת האמונה אין ארץ הקודש, אריבערגערופן צו זיך העסקן הדגול המפורסם הרה"ח מו"ה רבי חיים ראטה ע"ה פון די שטאט פעסט, וועלכער איז ברייט באקאנט מיט זיינע גרויסע פעולות ההצלה בשעת די צווייטע וועלט קריג, און האט אים אנגעבעטן אז פארנדיג קיין ארץ ישראל זאל ער אריבער גיין בשליחותו למעון קדשו פון הגה"ק הגרי"ז מבריסק זי"ע אין ירושלם עיה"ק, און אים איבערגעבן דעת קדשו אז ס'פאדערט זיך צו גרינדען א זעלבסטשטענדיגע ארגאניזאציע וועלכע זאל פארפיגן אויף אלע אנגעלעגנהייטן וואס ס'פארלאנגט זיך צו קענען ראטעווען די קברי הקדמונים, סיי אויפן לעגאלן פראנט, געזעצליכע ענינים, וואס זאל זיין אפציעל אנערקענט ביי די אינסטאנצן, און סיי אלעס וואס פעלט אויס צו פאקטיש אפהאלטן חילולי קברים, אזוי אז מיט א צוזאמענארבעט, און מיט א כח פון אן ארגאניזאציע וואס פארקערפערט אין זיך אלע ערליי זאכן וואס פעלן אויס פאר דעם, וועט מען האפענטליך קענען אויפטון זייער אסאך.

דער בריסקער רב זי"ע, האט תיכף זיך אריינגעלייגט ראשו ורובו אין דער זאך און בפקודת הקודש פונעם מנהיג הדור האט ער אין יאר תשי"ט מייסד געווען די הייליגע ארגאניזאציע 'אתרא קדישא', וואס ב"ה איז געווארן געקרוינט שוין ביים אנהייב מיט אויסטערלישע הצלחה וואס שטייגט נאר פון יאר צו יאר, און מ'האט שוין באוויזן אפצושטעלן אן א שיעור אקטן פון די ציונים, אדער פריוואטע אייגנטומער וואס האבן געוואלט צורירן קברי ישראל בכל רחבי ארה"ק, און אזוי אויך אין חוץ לארץ.

דאס איז געווען ווען דער בריסקער רב איז שוין געווען זייער נישט געזונט, אבער טראץ זיין מצב האט ער זיך אריינגעלייגט אויסצופירן דעם פקודת הקודש פונעם מנהיג הדור. דאס איז געווען דער לעצטער אויפטו בעניני הכלל פונעם בריסקער רב זי"ע.

## זייער ווייטאגליך צו הערן פאר וואספארא הארבע צוועק מ'האט געדארפט גרינדען אתרא קדישא, אבער ס'איז ב"ה קוועלנדיג צו הערן אויף וואו ווייט מ'קומט אן דערמיט צו אויפטון א געוואלד אויפן געביט פון שמירת קברי ישראל.

## חוץ דעם בריסקער רב זצ"ל, ווער נאך זענען געווען די נשיאים וועלכע זענען געווען עומדים בראש אויף די פעולות וואס זענען ארויס פון אט דעם הייליגן ארגאניזאציע?

**ר' חיים אליעזר:** דער רבי זי"ע איז אלץ געווען ווען מ'האט אנגעפרעגט דעת קדשו ביי יעדע גרעסערע מערכה, און ווי געזאגט האט ער עס פאקטיש געגרינדעט. אבער צו זיין פארמישט אין יעדן קליינעם דעטאל, איז געווען אין יעדע צייט אויפגענומען די 'נשיאי אתרא קדישא' וועלכע זענען געווען אינגאנצן אריינגעטון אין יעדע זאך און פעולה למען הצלת קברי ישראל.

די ערשטע געלט אקציע פאר אתרא קדישא אין אמעריקע איז געווען אנהייב זומער תשל"ט ווען הגה"צ רבי דוד שמידל האט געבעטן צו פארשאפן פאר די עסקנים אין ארץ ישראל וועלכע זענען ארום געפארן צו ראטעווען קברי צדיקים אויף די שווערע בערג אין גליל און ארום ירושלים, א אויטא מיט א פיר רעדערדיגען מאטאר וואס קען אנקומען אויף די שווערע פלעצער. דער רבי זי"ע איז געווען דער וואס האט דעמאלט מנדב געווען א שיינעם חלק פון דעם ערשטן 'דזשיפ' וואס מ'האט געדארפט האבן צו קענען אנקומען צו די פארשטופטע מקומות.

אין די ערשטע יארן זענען געווען די נשיאים און געשטאנען אפיציעל בראש באוואוסטע רבנים און מנהיגי היהדות החרדית פון אלע קרייזן, הגאון הגדול טשעבינער רב זצ"ל, הגאון רבי יחזקאל אבראמסקי זצ"ל - אב"ד לאנדאן, הגאון רבי אליעזר יהודה פינקל זצ"ל - ראש ישיבת מיר. די דעמאלט'דיגע גרויסע גדולים זענען אלעמאל געשטאנען גרייט ביי יעדע מערכה וואס האט זיך ליידער געמאכט, און די שרעקליכע חילול קברים האט זיי ווי געטון עד דכדוכה של נפש.

נאך דער פטירה פון די אויבנדערמאנטע גאונים האט מען אויפגענומען דער סטייפלער גאון זצ"ל פון בני ברק, און דער זוהן פון בריסקער רב זצ"ל הגאון ר' יוסף דוב זצ"ל פון ירושלים.

אזוי אויך זענען געווען פארמישט בעובי הקורה און די געוואלדיגע צוזאמענארבעט וואס רבי דוד האט געהאט מיט די גאוני ישראל ה"ה הגאון הגדול רבי פנחס עפשטיין זצ"ל ראב"ד בעדה החרדית, הגאון פוסק הדור בעל המנחת יצחק זצ"ל, און הגאון פוסק הדור בעל שבט הלוי זצ"ל.

אין די לעצטערע יארן דינען אלס נשיאי אתרא קדישא מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים בעל שערי טוביה זצ"ל, ויבלחט"א מרן כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א און הגאון הגדול רבי אברהם יושע סאלאווייטשיק ראש ישיבת בריסק שליט"א, וואס באגלייטן יעדע זאך, און ווייזן אן דעם ריכטיגן וועג וויאזוי מ'זאל זיך פירן ביי יעדן ענין.

הגאון הגדול רבי דוד מיכאל שמידל שליט"א איז דער 'יושב ראש' פון אתרא קדישא, און איז טאקע מיום הווסדה אריינגעטון ראשו ורובו אין יעדן פעולה, וואס מיט זיין עקספערטיז און חכמה פירט ער די עבודת הקודש מיט געוואלדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא עד להפליא.

עס איז באקאנט פון דער גבאי פונעם פוסק הדור מרן המנחת יצחק זצ"ל, ס'איז געווען א זמן ווען דער מנחת יצחק האט נישט גוט געשפירט, און ער האט אנגעזאגט פארן גבאי אז ער זאל קיינעם נישט אריינלאזן אין שטוב, חוץ רבי דוד שמידל! דער גבאי האט אנגעפרעגט ער פארשטייט נישט, "דער רב פילט נישט גוט, און איז נישט בכח אויפצונעמען אידן, דאן פארוואס רבי דוד יא?". דער מנחת יצחק האט אים געענטפערט: "איך בין רב אין ירושלים, און פאר רבי דוד האב איך צוטרוי!". פשט אז ער האט פארשטאנען אז פאר רבי דוד דארף מען אלץ מאכן פלאץ, און אים אויסהערן ווייל ער איז דאך אן איש אמת און וואס ער זאגט קען מען אים געטרויען.

עס איז אינטערעסאנט צו דערציילן א מעשה וואס צייגט ווי רבי דוד איז געווארן אויסגעקליבן צו טון אין דעם ענין, נאך וואס פון הימל האט ער באקומען אן עקסטערע געפיל און ריכטיגע כשרונות צו דעם.

געווען איז דאס ווען ר' דוד איז געווען א יונגער בחור אין ישיבה אין בני ברק, ווען די ירושלימ'ער אידן אין שפיץ פון הרה"צ ר' עמרם בלוי ז"ל, זענען ארויסגעפארן קיין טבריה צו ראטעווען די קברי קדמונים. האט ר' דוד געשיקט פרעגן דעם בריסקער רב זי"ע צי ער מעג גיין. ער האט געענטפערט די ווואונדערליכע תשובה "די וואס האבן געפרעגט, זיי זאלן פארן".

ווייזנדיג מיט דעם אז אזא איינער איז פאסיג און האט די ריכטיגע כלים צו דעם!

הגאון רבי דוד שליט"א האט מיר איינמאל דערציילט א מעשה וואס ער האט געהאט מיט'ן נשיא דער סטייפלער גאון זצ"ל. ער איז געגאנגען איינמאל צום סטייפלער פארן אונטערפירן א קינד צו נעמען א ברכה פארן חופה, און דער סטייפלער האט אים דאן אריינגעפירט אין א לאנגער שמועס איבער די פעולות וואס האט זיך דאן אויסגעפעלט צו ראטעווען קברי ישראל. ער האט אים זייער לאנג אויפגעהאלטן אז ער איז געשטאנען אויף שפילקעס צו קענען מאכן די חופה נאך פארן שקיעה, וואס ווער ס'ווייסט איז עס א שטארקע קפידה ביי זיי צו שטעלן חופה נאך פארן שקיעה.

אבער ביים סטייפלער איז געשטאנען אינגאנצן עפעס אנדערש פאר זיינע אויגן. דאס איז ראטעווען קברי ישראל אז ס'זאל ח"ו נישט פארשוועכט ווערן!

הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, איז ווי באקאנט אלע יארן געווען שטארק אריינגעטון אין יעדע מערכה למען הצלת קברים, ער איז געקומען צו זייער אסאך מחאות, און אויך געווען פארמישט אין עסקנות אין פארשידענע מקומות למען הצלת חילול קברי ישראל.

## נאך אזויפיל יארן מיט רבי דוד שליט"א וואס ווייסטו צו דערציילן וועגן זיין פערזענליכע פירונג אין די טעגליכע מערכות.

עס זענען פאראן אן א שיעור דברים נפלאים אין זיין גאנצן



וועג פון האנדלונג אין די הייליגע שליחות וואס גדולי תקיפי קדמאי האבען אויף אים ארויף געלייגט. זיין געוואלדיגע מסנ״פ אויף יעדע הלכה און מנהג קל אין די ענינים פון קבורה און ארום. גדולי העסקנים זצ״ל פלעגן זאגען אז געווענליך יעדער עסקן אויף דער עלטער נאך לאנגע יארן אינטענסיווע עסקנות לשם שמים ווערט אפגעשוואכט מיד, נאכגעלאזט, און פארלירט פיל פון זיין ענערגיע און שטארקייט. רבי דוד איז שוין 60 יאר אין די הייליגע ארבעט און מיט די זעלבע שטארקייט ברען און אימפעט גייט ער אן, אין די שווערסטע אומשטענדן ווערט ער נישט געבראכן, אלע רדיפות נוראות וואס אתרא קדישא האט מיטגעמאכט פון די שלטונות הכופרים, און פון אלערליי שונאים ורודפים האבען נישט באוויזען צו ברעכן די גייסט פון דעם איש מורם מעם, האבען אדרבה ער מאנט און פאדערט מוטיגט און טרייבט די יונגע עסקנים צו גיין ווייטער.

**הרה״ח ר׳ אלימלך שטערן יו״ר אתרא קדישא בארה״ב פארציילט:**

איינמאל זענען מיר געשטאנען מיט אים אויף די ״גבעה הצרפתית״ פרענטש היל ווי עס זענען אנגעגאנגען העפטיגע מחאות אויף די חפירות אין די אור אלטע מערות קברים אויף דעם בארג. ווען די מחאה האט זיך געענדיגט האב איך באמערקט ווי רבי דוד גייט אוועק פון דעם עולם און שפאנט צו איינער אליין צו איינעם פון די צעגראבענע מערות. ער האט זיך געשטעלט אין א ווינקל און געשעפשעט מיט די ליפן. מיר האבען זיך צו געשארט נענטער און געהערט ווי ער זאגט דאס קפיטל מזמור לאסף א׳ באו גויים בנחלתך, מיט אזא צעבראכען הארץ, מיט שטילע טיפע יאמערליכע געוויינען, נתנו את נבלת עבדיך וגו׳, אז דאס הארץ איז צעגאנגען. האב איך געטראכט, דער איד האט דאך שוין געזען טויזענטער צעגראבענע קברים, געווענליך ווערט א מענטש צוגעוואוינט, און ס׳באדירט אים שוין נישט אזוי שטארק. און דא רייסט ער איין ווי דאס וואלט געווען דאס ערשטע מאל וואס ער זעט אזוינס, כאילו מתו מוטל לפניו. דאס איז רבי דוד, זיין יראת שמים, זיין פלאם פייערדיגער הארץ, זיין ציטער פאר די ישני עפר, און זיין פחד פון די שרעקליכע צרות וואס קענען קומען פון חילול כבוד המתים, יעדעס מאל איז ביי אים דאס ערשטע מאל, און דאס געט ער אריין אין זיינע עסקנים תלמידים און מיט ארבעטער.

א עפיזאד וואס מיר געדענקען, איינמאל האט א קיה ארויפגעטרעטן אויף א באדען און ס׳האט זיך פלוצים געעפענט א לאך ווי זי איז אריינגעפאלן. ווען מ׳האט דאס ארויס געצויגען איז ענטדעקט געווארן א פארזיגעלטע מערת קברים פון תקופת בית שני. דאס איז געווען אין שטעטל קרית שמונה אין אנדערן עק ארץ ישראל אויף די הויכע בערג נעבן די לבנון גרעניץ. באלד ווי רבי דוד האט זיך דערוואוסט איז ער גלייך געקומען פון טבריה - וואו זיין כולל האט זיך דעמאלט געפונען - און פארמאכט דעם פתח המערה מיט צימענט. די ארכעאלאגען וועלכע זענען אנקומען לאחר המעשה האבען גערופען די פאליציי, און די משטרה האט ארעסטירט רבי דוד׳ן, און געפאדערט אים צו האלטן אין ארעסט ביז ענדע משפט. עס איז געווארן א טומע אין די וועלט און די עסקנים אין אמעריקע האבען איינגעלייגט וועלטן און נאך שווערע באמיאונגען האט אים דער קאורט צו וועלכען אתרא קדישא פון אמעריקע האט געשיקט הרב הערץ פרענקל ז״ל פון אמעריקע - גענצליך באפרייט. און דאס איז נישט דאס איינציגע מאל וואס די ציוניסטישע הערשאפט האט אים ארעסטירט און געזוכט בלבולים צו האלטן אין טורמע. מערקווירדיג אז דורכאויס די גאנצע צייט פון קרית שמנה פראצעס האט רבי דוד זיך געפירט מיט זיין שלוות הנפש ווי די גאנצע זאך איז נישט נוגע פאר אים.

## וועו איז דער גאב״ד ירושלים בעל שערי טוביה זצוק״ל מרא דארעא קדישא געווארן נשיא פון אתרא קדישא, און וואספארא ראלע האט ער געשפילט די אלע יארן?

**ר׳ חיים אליעזר:** דער גאב״ד ז״ל איז שוין געווען אריינגעטון מיט פארשידענע פעולות צו ראטעווען קברי ישראל נאך פאר ער איז געווארן אויפגענומען אלס גאב״ד ירושלים.

ער האט שוין געהאט א נאענטער שייכות מיט רבי דוד שמידל שליט״א נאך ווען ער האט געוואוינט אין אייראפע. ער איז געווען



שטארק אריינגעטון אפצוראטעווען פארשידענע מקומות וואו עס האט זיך געהאנדלט פון מחלל זיין קברי ישראל. לאנגע יארן האט ער זיך באפאסט אין ביה״ח אין די שטאט פעזינג נעבען פרעשבורג פון וואו ער שטאמט, און וואו עס ליגן תלמידי החתם סופר דער ״מחולת המחנים״ און דער זין פון הייליגען חת״ס הגה״צ רבי יוזפא זצ״ל הי״ד. און ער האט געהאט נאנטען קשר מיט אתרא קדישא ביז דער ביה״ח איז געראטעוועט געווארן.

אבער ווען ער איז געווארן גאב״ד איז ער תיכף געווארן אויפגענומען אלס ׳נשיא אתרא קדישא׳, און זינט דאן איז ער געווען אריינגעמישט ממש אויף אן אומבאגרייפליכן אופן, אין יעדן דעטאל, אין יעדן מערכה, און אין יעדן פעולה, וואס אתרא קדישא האט נאר געטון. טיילמאל איז ער געזיצן מיט דער קאנסול פון די מדינות ווען מ׳האט געדארפט פון זיי מיטהילף.

ער איז געווען אסאך פארנומען צו טון וואס מער למען הצלת קברי ישראל, און צו העלפן ווען אימער די הייליגע פעולות פון אתרא קדישא.

יא מיר פילן דעם ״אבד נשיא מן הארץ״, אתרא קדישא האט פארלוירן אזא געהויבענע נשיא. אייגנטליך, איז לעצטנס נאך די פטירה פונעם גאב״ד זצוק״ל ארויסגעקומען א הערליכע פול קאלירטע ביכל ׳זעקת המתים׳ איבער אלע גראנדיעזע פעולות פונעם גאב״ד זצוק״ל ווי ער איז געשטאנען פעלזן פעסט און אויפגעטוהן גדולות ונצורות אפצוראטעווען פילע בתי חיים און מקומות הקדושים.

## ווען זענט איר אריינגעקומען אין אתרא קדישא און וואס איז אייער ארבעט דורכאויס דעם יאר?

איך בין שוין ב״ה פארמישט אין אתרא קדישא שוין איבער 20 יאר. רבי דוד פלעגט מיך ניצן שוין יארן פריער צו טון פארשידענע השתדלות ביי קאמפעניס וכדומה צו פרובירן משכנע זיין צו אפראטעווען קברי ישראל, און אזוי בין איך אריינגעקומען צו ארבעטן אפיציעל אויף א טאג-טעגליכן פארנעם, מיט אלע סארטן השתדלות צו מונע זיין חילול קברים.

## לאמיר אצינד אריבערגיין צו די פאקטישע פעולות פון אתרא קדישא. וועלכע זאכן נעמען אריין אין זיך די צוויי ווערטער ״אתרא קדישא״?

## גיבט אונז ביטע איבער אין קורצן בכלליות וואו, און אין וואס, אתרא קדישא איז אלס פארמישט.

**ר׳ חיים אליעזר:** אתרא קדישא ארבעט בכלליות ׳איבער די גאנצע וועלט׳ אפצוראטעווען בתי עולם וואו עס ליגן אידישע נפטרים אז עס זאל ח״ו נישט פארשוועכט ווערן, נישט קיין חילוק אויף וועלכן אופן. צי פון א פריוואטער אייגנטומער, צי דורך א רעגירונג.

אבער בעיקר זענען מיר פארמישט אין ׳ארץ ישראל׳. דא גייען מיר ארום צו קאנסטרוקציע-זאנעס און מיר מאכן זיכער אז דארטן זאלן נישט זיין קברים, און אויב יא דאן פרובירן מיר אויף אלע אופנים אז ס׳זאל נישט צוקקומען צו קיין חילול ח״ו.

אין די גאנצע וועלט זענען מיר בעיקר פארמישט ווען דער פייער ברענט שוין, און מ׳דארף עס ראטעווען ווען עס געפינט זיך אין א ביטערע סכנה.

## לאמיר פארשטיין וואס ליגט אונטער די ווערטער אז מ׳גייט ארום אין ארץ ישראל איבעראל וואו מ׳בויט צו זען אויב דארטן איז פארהאן קברים. וויאזוי פארט מען ארום, און פון וואנעט ווייסט מען די אלע זאנעס אז מ׳זאל קענען אהין אנקומען?

**ר׳ חיים אליעזר:** קודם לאמיר אייך מסביר זיין וואס ס׳טוט זיך אין ארץ ישראך לגבי קברים.

ס׳איז באקאנט א ווארט וואס דער הייליגער בעלזער רב זי״ע האט געפרעגט ״וויאזוי מ׳קען בכלל בויען אין ארץ ישראל ווען ס׳איז דאך אנגעפילט וואו מ׳גייט אדער שטייט מיט טויזנטער קברי ישראל?!״ דאס מאכט מ׳זאל דאך ממש נישט קענען בויען.

און חוץ די רוח הקודש איז דאס פשוט אמת. אין ארץ ישראל האבן אין משך פון אלע דורות געוואוינט מיליאנען אידן, פון ווען מ׳איז אריין מיט יהושע בן נון, ביז אלע שפעטערע תקופות. מ׳רעדט ממש פון מיליאנען מיליאנען, און אלע זענען געווארן ׳באערדיגט׳ געווארן כדת של תורה אינעם דאזיגן קליינעם לאנד.

דעריבער איז ווי פארשטענדליך אז אין יעדע פלאץ וואו מ׳בויט איז שוין דא א שטארקע שאנס צו טראכטן אז אפשר איז פארהאנען דארטן קברים, און מ׳דארף דאס מברר זיין.

יעצט צום פראגע. מיר טוען די פשוטע זאך, ווען די ארום ׳צוואנציג איינגעשטעלטע׳ פון אתרא קדישא שטייען אויף יעדן

פארטאגס און מ'לאזט זיך ארויס אויף די וועגן און שטעגן, ווען מ'זוכט ארום איבעראל וואו ס'קען זיין א חשד אז דארטן זאלן זיין אלטע קברים. און אזוי אויך ארבעט מען צו מלקט זיין די עצמות קדושות ביי פילע ערטער וואס זענען ליידער מחולל געווארן, און וואלגערן זיך כדומן על פני השדה.

בעיקר דרייען זיך די איינגעשטעלטע אין די מקומות וואו ס'איז דא א גרויסע חשד אז ס'קען זיך געפינען דארטן קברים, צי ווייל מ'האט שוין אין פריערדיגע פעלער געפינען דערנעבן בתי קברות, אדער ווייל ס'זעהן זיך אן סימנים וואס אונזערע איינגעשטעלטע זענען שוין געלערנט דערוועגן.

חוץ פון סתם ארומפארן האבן אונז אויך פארשידענע וועגן וויאזוי מיר ווערן געוואויר פון אלע בוי פראיעקטן וואס קומען פאר אינעם גאנצן לאנד, וואס מ'קען נישט מפרט זיין.

איך קען אייך זאגן, מיר האבן אן א שיעור מאל וואס די וואס בויען די פראיעקטן ווערן ממש משוגע און פרעגן אונז מיט שאק און וואונדער "ווער האט אייך אויסגעזאגט אז מיר זענען דא?". זיי קענען נישט גלייבן אז אין א פארשטופטן ארט, אין א קליין דערפעל, קומען אונז אויך אן בעז"ה.

## קענט איר אונז דערציילן איין אינטערעסאנטע עפיזאד בשעת ווען מ'איז אנגעקומען צו א פארשטופטן בוי פראיעקט?

**ר' חיים אליעזר:** איך קען רעדן און רעדן אן אויפהער צו דערציילן מעשיות וואס מיר האבן ממש אויף א רעגלמעסיגער פארנעם, אבער יכלו הזמן והם לא יכלו...

איין מעשה דערמאן איך זיך יעצט וואס האט פאסירט דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר. מיר זענען אנגעקומען צו עפעס גאר א פארשטופטן פלאץ וואס איז איז נעבן דערפל 'הזורע' אין צפון א"י, וואו מען האט געהאלטן ביים גראבן. מיר זענען געוואויר געווארן פון אונטער די טיש איבער דעם.

ווען מיר זענען אנגעקומען זענען די ארכעאלאגן אויפן ארט ממש געווארן ערשטוינט פון וואו מיר ווייסן פון זיי. זיי האבן אונז געפרעגט וועלכע מלאך האט אונז אויסגעזאגט פון דעם?...

מיר האבן אזוי ציניש געענטפערט אז היינט איז דאך דער יארצייט פון הייליגן תנא רבי שמעון, ממילא מסתמא האט ער אונז געשיקט...

דער ארכעאלאג האט אונז תיכף איבערגעהאקט זאגנדיג אז איר ווייסט נישט ווי גוט איר זאגט! די אלע מערות קבורה זענען טאקע פון זיין תקופה, און ס'איז גאנץ מעגליך אז דאס זענען זיינע טויזנטער תלמידים!

ב"ה די מעשה האט זיך גוט געענדיגט און מ'האט באוויזן ברוב רחמיו ית"ש צו אפראטעווען דעם הייליגן בית החיים.

נאך א מעשה וואס איז געווען אין די תש"נ יארן, אין סאמע מיטן צום שבעה עשר בתמוז באקומט הרה"ח ר' אלימלך שטערן שליט"א א גאר שרעקעדיגער טעלעפאן קאל פון רבי דוד שליט"א, אז אין מירון ביים קבר פון רבי יוחנן הסנדלר האט אריינגעבראכען דער ארכעאלאג פון צפת און ער האלט ביים עפענען די כוכים. זעלבסט פארשטענדליך אז די האר האבען זיך אויפגעשטעלט, מ'זאל זיך וואגן צו גראבן ביים וועלט בארימטן ציון, די הערליכע מערה און הויכע כיפה און טורעם פון ג-טליכען תנא, אין מירון נעבן ציון המצויינת פון רשב"י , דאס איז אומבאגרייפבאר. וואס טוט מען דא צוריק צו האלטן אין די לעצטע מינוט דעם חיטוטי שכבי ביים ציון התנא האלקי רבי יוחנן הסנדלר.

כאטש ס'איז געווען אינמיטן תענית אין די שווערע היצן פון תמוז האט ר' אלימלך זיך געטרויעט און געקאלט פון אמעריקע צום דעמאלט'דיגען ירושלימער רב הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצללה"ה וועלכער איז געווארן מורא'דיגער דערציטערט און שוין געשיקט א אויטאבוס פיל מיט כולל אינגעלייט אין שפיץ פון הרה"ג רבי אייזיק ווייס שליט"א און זיי זענען אנגעקומען צום ציון אין מירון אין די סאמע לעצטע מינוט, און באוויזן אפצוראטעווען דעם הייליגן ציון און צו פארטרייבן די מזיקים.

## געוואלדיג! לאמיר אצינד אריינגיין אביסל טיפער.

## וואס זענען די ערשטע פעולות וואס מ'טוט ווען מ'טרעפט ביי א פראיעקט וואו ס'איז פארהאן קברים און מ'דארף זען אפצוהאלטן די בעלי בתים נישט צו גראבן ביי די קברים?

**ר' חיים אליעזר:** באמת איז דא עטליכע פעלער, ס'איז דא ווען א פריוואטער אייגענטומער בויעט, און ס'איז דא ווען די רעגירונג בויעט, און ס'איז דא ארכעאלאגישע ארבעט פאר זייערע צוועקן.

לאמיר אצינד רעדן וועגן די פריוואטע אייגנטומער.

זייער אסאך מאל האבן אונז ווען דער בעל הבית טענה'ט אז ער האט שוין דורכגעזוכט די פלאץ, און ס'קען נישט זיין דארטן זאל זיין קברים, ממילא פאר אלעם ברויכן מיר אים אויפווייזן אז ס'איז טאקע דא דארטן קברים. ס'איז דא פארשידענע מיטלען וויאזוי מיר טוען עס.

מיר האבן אן א שיעור מעשיות ווען די בעלי בתים שווערן זיך ממש אז ס'קען נישט זיין אז ס'זאל זיין קברים וועגן דאס און יענץ, און דערנאך ווען מיר ווייזן זיי אויף פאלן זיי צו די פיס און בעטן מחילה...

איך געדענק איינמאל איז א מפקח געווען אין א דארף נעבן שטאט אור עקיבא, און ער איז געגאנגען ביי איין פראיעקט וואו מיר האבן געוואוסט אז דארטן דארף זיין קברים. דער בעל הבית האט זיך גענומען מאכן אבנארמאלע קולות אויף אים אז ער איז א רשע, די שכנים זענען זיך צאמגעלאפן פון די קולות...

דער בעל הבית האט געשריגן צו יעדן אז ער איז א רודף און ס'קען נישט זיין אז דא זאל זיין קברים.

ביני לביני איז דער מפקח געגאנגען און ער געגעבן א רוק אין דער ערד, און... והנה! א קבר האט זיך אנטדעקט!

דער בעל הבית האט נישט געקענט עפענען זיין מויל, ער האט זיכער געמיינט אז דער מפקח פארמאגט ספעציעלע כוחות פון אויבן צו קענען געוואויר ווערן וואו עס זענען פארהאן קברים!...

די ערשטע זאך ווען מיר ווערן געוואויר אז אויף א שטח איז דא קברים, פרובירן מיר צו מברר זיין ווער דער בעל הבית איז. דאס אליין איז טיילמאל זייער א שווערע ארבעט, וויבאלד אין רוב פעלער געפינט זיך נישט דער בעל הבית אויפן שטח, מ'דארף נאכזוכן, נאכפארשן, די שותפים א.א.וו.

דערנאך איינמאל מיר ווייסן ווער ס'איז דער בעל הבית, פרובירן מיר צו רעדן צו אים מיט שיינעם, צו מסביר זיין וואס קברים מיינט און ח"ו די שרעקליכע זאכן וואס קענען געשען אויב מ'פארטשעפעט זיך אין זיי.

ס'איז ב"ה דא זייער אסאך פעלער וואס די בעלי בתים, נאכדעם וואס זיי הערן דאס ערשטע מאל פון אונז, זאגן זיי 'מסכים מיר גייען נישט טשעפן די קברים'. זיי מאכן אנדערע פלענער, והכל על מקומו יבא בשלום. דאס מאכט זיך אסאך ביי די פרייע ספר'דישע עולם, און להבדיל אויך ביי די אראבערס.

איר דארפט פארשטיין אז זייער אסאך פון ארץ ישראל האט שוין געהערט פון 'אתרא קדישא', און כמעט קיינער וויל זיך נישט טרעפן פארמישט און פארצויגן אין א לאנג-פארצווייגטן געראנגל, דעריבער טיילמאל גיבן זיי תיכף אויף בלויז ווייל זיי האבן מורא, אבער טיילמאל איז עס גאר וועגן זייערע ווארימקייט ווען עס קומט צו די סארט ענינים.

*וואס טוט זיך ווען דער בעל הבית איז נישט מסכים?*
*ווען קומט מען אן צו דארפן מאכן מחאות?*
*וויפיל פראצענט פראיעקטן קומען אן צו דארפן מאכן מחאות?*
*ווער ברענגט די איבערגעמאכטע פלענער ביי יעדן פראיקעט?*
*ווער איז דער חרד'ישער איד וואס די גרעסטע ארכיטעקטן קענען נישט גלייבן אז ער האט קיינמאל נישט געלערנט אין קיין קאלעדזש?*
*וואס קאסט אלץ אין אתרא קדישא?*
*דאס און פיל נאך גאר אינטערעסאנטע דעטאלן ליינט קומענדיגע וואך אי"ה*


בס"ד

בית הוראה

דקהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# רשימת מורי צדק דקהלתינו
העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: **845.783.8790** ספרים שטוב: **845.782.7399**

הרה"ג רבי **יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: **845.783.8259** ספרים שטוב: **845.782.4671**

הרה"ג רבי **מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: **845.782.3190** סעל: **347.598.3917**

הרה"ג רבי **בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: **845.783.3224**

הרה"ג רבי **שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: **845.783.7201** סעל: **845.248.8021**

הרה"ג רבי **שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: **845.781.8143** סעל: **845.395.4972**

הרה"ג רבי **שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd. #302
היים: **845.783.3572** סעל: **845.537.1559**

הרה"ג רבי **יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: **845.783.9842** סעל: **845.537.7843**

הרה"ג רבי **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו
9 Strawberry Ln.
היים: **718.302.0917** סעל: **347.415.5850**

הרה"ג רבי **יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Iron Hill Plaza #301
היים: **845.774.3622** סעל: **845.637.4570**

24 שעה הוראה ליין:
**845.783.5688 #3**

ביי אונז וועט איר ב''ה טרעפן

# און אתרוג א הדר!

פאר א גאר גוטע פרייז



**אתרוגים**
מאראקא • יאנאווע

**לולבים**
ארץ ישראל • חוץ לארץ

גאר שיינע פארמאכטע לולבים פון חו"ל

**הדסים**
צפת • קאליפארניע

מיר ערווארטן אייך צו סערווירן מיט די בעסטע שנעלסטע סערוויס

**משה מרדכי הלוי יונגרייז**

845.421.1836

נייע גרעסערע ליפטיגע לאקאציע

**6 Van Buren Dr.**

רעכטע זייט • זייטיגע אריינגאנג
(נעבן סוכה דיפאט)

**אפן טעגליך**

פון צום גדלי' און ווייטער:
4:00 ביז 11:00 ביינאכט

ערב יוה''ק געשפארט
ערב שבת ויו''ט פון 11:00 ביז 2:00
מוצש''ק ויוה''ק פון 2 שעה נאכן זמן

**אפוינטמענט אוועילעבל**
צו יעדע צייט


בס"ד
אשר בקהל עם
אשירה עוז
אביעה רננות
בעד מפעליו
6
א רעפארט
פעולות וועד
להצלת יהדות
אוקריינע
יעמיד מליץ ישר מני אלף אחד,
טובות להגיד בשביעי באחד
שטייענדיג אין די טעג בעפאר ראש השנה שנת תשפ"ג הבעל"ט ליגט אויף אונז א פליכט להודות ולהלל לשמו יתברך אז מיר האבן באקומען די געוואלדיגע זכיה און מצוה צו ראטעווען אזויפיל טויזענטער אידישע נפשות מיד צר און זיי אוועקשטעלן מיט א פעסטקייט אויף א זיכערן באדן, און צושטעלן אלע זייערע געברויכן אין אלע אספעקטן ווי עניני יהדות, לימוד התורה, חינוך הבנים והבנות, אין צוגאב צו כל מיני פארשידנארטיגע פראיעקטן געווידמעט זיי ארויסצונעמען מאפילה לאור גדול, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.
גלייכצייטיג טוען מיר זיך באדאנקען פאר אלע נדיבים בעם וועלכע האבן זוכה געווען אנטיילצונעמען אין די קריטישע הצלות נפשות אפעראציע, נעמענדיג א באדייטנדער חלק אין די הצלה פון אזויפיל אידישע קינדער פון מלחמה און פון שמד. אין אייער זכות האבן מיר זוכה געווען צו ענטפערן דעם געבעט פון די טויזענטער אידן אין שאטן פון פחד און בהלה, ערמעגליכנדיג זיי זיך צו ווידער אויפבויען און צובליען אין תורה און אין אידישקייט.
ונכתב אנחנו וכל עמך
טובים ולשלום




נייע סוכה אויפן פארטש פון ביהמ"ד חרדים ד'סאטמאר פאר די פילע מניני סליחות צו פארדינען
נאך פארקינג ספאטס אין ליכט פון נייע ווילעדזש ראוד סערוויס ביי די גרעסערע בתי מדרשים




אויטאמעיט כאפט א היטש פארנט פון 'נארט איעסט באנק' #2 בשכונת העלף האלאו





ארבעט אויפן נייעם ווילעדזש גאראדזש פאר עמערדזשענסי



סקיצע פון נייע ווילעדזש גאראדזש פאר עמערדזשענסי און סערוויס אויף עיקערס בשכונת לעמבערג המורחבת צו באדינען די העכער 5 טויזנט משפחות



אייזערנע סטודס פארענדיגט לענגאויס אלע שטאקן פון ביזנעס סענטער #7 אויפן רוט 208



ריזיגער קאראוואן פון צענדליגער לאסט אויטאס פארנט פון מונקאטש אין שכונת ברך משה המורחבת

# בוי ארבעט ביים בנין בית אלטא פיגא בני יואל דסאטמאר






טראקטארן ביי די גראב ארבעט פאר פרישע פראיעקטן אונטערגענומען דורך הנהלת המוסדות צו פלאצירן די כסדר'דיגע וואוקס בליעה"ר כ"י





חברה הצלה קרית יואל ביי גאר שווערע קאפ-צו-קאפ עקסידענט אויפן טראוועי צווישן טרעילאר און שלעפער טראק פארלאפענעם סוף וואך

# הֲבֵן יַקִּיר לִי

רייכער אינטערוויו מיט'ן וועלט באריִמטן בדחן

# מוה"ר אליעזר יקיר ברוין הי"ו

## איבער זיין היסטאריע אין גראמען ביי טויזנטער אידישע שמחות

און איבער זיין נייעם הערליכן אלבום

## "מיט'ן אייבערשטן"

וואס ערשיינט לאור עולם אין די יעצטיגע טעג

מ. בערגער




(שלוס פון פריערדיגן נומער)

### קענט איר אונז מיטטיילן מעשיות וואס איר האט מיטגעהאלטן וואס מענטשן זענען נתעורר געווארן אדאנק אייער ערשטן אלבום!

ע: יא, אבער ס'איז נישט מעגליך אין ראם פון אן אינטערוויו דאס אלעס צו שילדערן. איך האב באקומען גאר גאר אסאך בריוון און מעסעדזשעס, כ'באקום נאך אלץ מעסעדזשעס זייער אפט. טייל פון די בריוו שרייבערס האב איך געקענט פון פארדעם, טייל האב איך מיך באקענט נאכדעם, און טייל דערפון ווייס איך נאך עד היום נישט ווער זיי זענען.

איך האב שוין געהערט אסאך עפיזאדן וויאזוי אידן זענען נתחזק געווארן. איינס וואס בליצט מיר יעצט אויף אין זכרון. א איד האט מיך אמאל באשטעלט צו גראמען אויף א חתונה פון זיינ'ס א קינד, הארט פאר די חתונה האב איך אים גערופן פרעגן אינפארמאציע איבער וואס צו זאגן ביי די חתונה, איך רעד צו דעם מחותן און ער זאגט מיר אז ער גיבט איבער דעם טעלעפאן פאר זיין ווייב, די מחותנת'טע, זי וויל רעדן צו מיר. די פרוי האט מיר געזאגט אז זי האט געהאט גאר א שווערע אפעראציע, דער דורכגאנג איז געווען אויסטערליש שווער, איך האב ניטאמאל געוואלט הערן קיין מוזיק, מען האט מיר געגעבן א יו-עס-בי פון אסאך עניני חיזוק צו הערן, ווי דרשות, נגינה וכדו', למעשה אבער האב איך בלויז אייער סי-די געהערט די גאנצע צייט און דאס האט מיך געוואלדיג מחזק אריינגייענדיג צו אזא האקעלע אפעראציע בחסדי השי"ת.

*

א יונגערמאן האט מיר געשיקט א בריוו, אז ער איז געווען מיט א קינד אין שפיטאל זייער זייער לאנג, מען האט זיך מורא'דיגע געמוטשעט, ער איז געווען מיט'ן קינד אין שפיטאל דורכאויס די ימים טובים, אפילו פסח און שבועות, ער האט מיר געזאגט אז די איינציגסטע זאך וואס האט אים דערהאלטן זענען געווען מיינע סי-דיס.

יעדעס מאל וואס ער איז געפארן אויפ'ן עף-די-אר האט ער געהערט דעם סי-די, ס'איז געווען טעג וואס ער האט נישט געוואוסט וויאזוי עס גייט זיך ענדיגן, די פחדים זענען געווען שרעקליך גרויס, נאר דאס האט אים געראטעוועט. דער איד האט מיר געזאגט "איך האב געפראוועט א סדר אין שפיטאל מיט מיין קינד, כ'בין אבער געווען בשמחה כאילו איך פיר א סדר אינדערהיים מיט מיינע קינדערלעך, אלעס אדאנק די חיזוק און בטחון וואס כ'האב באקומען ביים הערן דיינע סי-דיס".

*

איך האב באקומען א בריוו פון א פרוי, זי האט מיך גראדע גערופן אויך, זי האט שטארק מיטגעמאכט מיט א קינד, זייער זייער שווער, זי האט געשפירט ווי אלעס גייט איר שלעכט. זי פלעגט כסדר פארן אין שפיטאל צום קינד אהין און צוריק, זי האט עס ממש נישט אויסגעהאלטן. איין טאג איז זי אהיימגעפארן מיט א גמ"ח הצלה ווען, אויפ'ן וועג האט דער דרייווער אנגעצונדן מיין סי-די, די פרוי האט עס געהערט, זי האט נישט געוואוסט וואס די סי-די איז, זי האט זיך נאכגעפרעגט, זי איז ארומגעגאנגען פון געשעפט צו געשעפט זען וואו זי קען עס קויפן.

זי האט עס ב"ה ענדליך געטראפן און זי איז געווארן אויסטערליש מחוזק ממש עד להפליא. זי האט אויסגעטיילט צענדליגער סי-דיס פאר אירע נאענטע משפחה און חבר'טעס. אין איר אויבנדערמאנטן בריוו האט זי מיר געשריבן, "כ'בין ממש געווען מלא טענות, אויפ'ן בוכ"ע, כ'האב נישט פארשטאנען פארוואס עס קומט זיך מיר די אלע פראבלעמען, נאכ'ן הערן אייער סי-די האב איך איינגעזען, אז נישט בלויז אז איך בין נישט געשטראפט געווארן, נאר איך האב גאר באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן אז איך האב אזא קינד!".

### די מעשיות וואס איר דערציילט דא זענען דאך מורא'דיג. האט איר מיטגעהאלטן א מעשה וואס אייער אלבום האט ממש געטוישט איינעמ'ס לעבן מקצה אל הקצה!

ע: אז איר פרעגט מיך שוין דאס וועל איך ענטפערן זייער קלאר (וואס בדרך אגב איז דאס געווען די עיקר סיבה ארויסצוגעבן די צווייטע סי-די). איך בין אמאל געשטאנען ביי מיר אינדערהיים ביי די טיר ממש גרייט ארויסצוגיין, דער טעלעפאן צעקלינגט זיך, איך טראכט ביי מיר זאל איך אויפהייבן? כ'האב נישט קיין צייט. ווייסטו וואס? כ'הייב אויף דעם טעלעפאן. "העלאו, איז דאס ר' יקיר?" זאגט מיר דער פון די אנדערע זייט מיט אביסל א שטרענגע שטימע. יא זאג איך פאר יענעם. זאגט מיר דער איד, איך הייס אזוי און אזוי, איר זאלט וויסן אז כ'בין זייער א צובראכענער... כ'האב שוין געהאלטן לאחר יאוש ממש, כ'האב שוין געהאט אויפגעגעבן אויף מיין לעבן. מיין חבר האט מיך געבעטן הער אויס יקיר'ס סי-די חזקו ואמצו, דו וועסט זען אז דו וועסט ווערן מחוזק. ער האט מיר געזאגט "איך האב שוין געהערט דעם סי-די איבער דרייסיג מאל. דא זאגסטו אזוי און ביי יענעם ניגון זאגסטו אזוי, כ'בין געווארן מחוזק כ'האב אים טאקע געפאלגט איך קען דעם סי-די ישר והפוך". ער האט צוגעלייגט "איר זאלט וויסן איר האט מיך צוריקגעברענגט צום באשעפער, זייט דעמאלט דאווען איך יעדן טאג מיט מנין, איך האב איינגעזען אז דער אייבערשטער דארף מיך... איך וויל אייך פשוט באדאנקען דערפאר".

איך בין ממש געווען ערשטוינט געווארן ביים הערן די מעשה, דאס מיינט אז מיין סי-די קען גאר טוישן איינעמ'ס לעבן ממש פון איין סארט מענטש צו א צווייטע סארט?! איך האב יענעם מינוט באשלאסן

אז איך גיי אי"ה אנהייבן ארבעטן אויף די צווייטע סי-די.

בכלל בין איך געווען איבערראשט וויפיל גוטע ערליכע חשוב'ע אידן הערן מיינע סי-דיס. ר' שלמה רובין שליט"א אב"ד ציעשנוב האט מיך אמאל אנגערופן און געזאגט "ר' יקיר כ'בין דיך מקנא. איך מיט צוואנציג דרשות קען נישט אויפטון וואס דו טוסט אויף מיט איין סי-די". הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד האט מיר אמאל געזאגט אז ער הערט דעם סי-די. די גריסן איז א מורא'דיגער חיזוק, און ווייזט אז מענטשן שפירן ב"ה אז דאס קען מען אריינגעמען אין שטוב און אויסהערן.

## די מעשה הערט זיך ממש אומגלויבליך, מען ווייסט נישט צומאל ווי ווייט א ניגון גייט און וואס ס'קען אויפטון. ווען האט איר ארויסגעגעבן דעם צווייטן סי-די און וויאזוי האט עס געהייסן?

ע: ס'הייסט נאך אלץ! די צווייטע סי-די איז ארויסגעקומען שנת תשע"ד, מיט'ן נאמען 'יש מנהיג לבירה'. ס'האט גענומען עטליכע יאר צווישן די ערשטע סי-די און די צווייטע, כ'בין מסופק געווען צי כ'זאל גיין ווייטער, נאך די פריער דערמאנטע מעשה מיט דעם איד לאחר יאוש האב איך אנגעהויבן צו ארבעטן אויף די צווייטע סי-די תיכף ומיד.

עס האט זיך געשלעפט, אבער עס גייט נישט אזוי גרינג, די קאסטן זענען אומגעהויער גרויס, עס האט פארלאנגט אסאך צייט, כח און מח. דער אויבערשטער האט געהאלפן אז כ'האב אנגעטראפן הרה"ח ר' נפתלי יוסף מענדלאוויטש הי"ו ער איז א משפיע וואס טוט מיט שוואכע בחורים, אלס טייל פון זיינע פעולות שטעלט ער צו פאר זיינע בחורים געשמאקע זאכן וואס זיי גלייכן, ער האט מיך איינמאל גערופן צו רעדן מיט א בחור, יענער פארשטייט צו מוזיק, עס איז געווען ממש באשערט פון הימל, יענער בחור איז געווארן אינוואלווד אין די זאך, ער האט גאר שטארק ארויסגעהאלפן אין דעם פראיעקט, דער גאנצער אלבום איז געווארן פראדוצירט דורך ר' נפתלי יוסף, וואס איז א גאון אין מוזיק אויך.

יענער בחור האט געהאלפן שרייבן א חלק פון די ארעינדזשמענטס פון די מוזיק, ווי אויך האבן זיי פארפאסט א נייעם ניגון צוזאמען. דער פראיעקט האט אויך שטארק אויפגעבויעט דעם בחור בגשמיות וברוחניות ב"ה.

## עס איז מורא'דיג צו זען ווי אונטער יעדע אלבום ליגט גאנצע געביידעס און עפיזאדן וויאזוי עס איז ארויסגעקומען מכח כל הפועל. וויאזוי גייט הייסן דער דריטער אלבום און ווען קומט עס ארויס?

ע: דער דריטער אלבום גייט הייסן "מיט'ן אויבערשטן". און וועט בעז"ה ארויסקומען אין די טעג פון חמשה עשר באב לויט'ן (באשעפער'ס) פלאן.

## איבער וואס איז דער אלבום געבויעט?

ע: עס רעדט זיך אסאך איבער קרבת אלקים. דער סי-די האט גענומען זייער א לאנגע צייט, עס האט זיך אנגעשטויסן אין גאר אסאך שוועריגקייטן, איך קען זאגן איין זאך, אויב א גוטע זאך מעסט זיך לויט די שוועריגקייטן, איז דער סי-די זייער זייער א גוטע זאך בעז"ה.

## ווען האט מען אנגעהויבן ארבעטן דערויף?

ע: וועסט נישט גלייבן וואס איך וועל דיר זאגן. אנגעהויבן האב איך שוין מיט זיבן יאר צוריק, מען האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות קודם מיט'ן אפירזוכן די ריכטיגע חומר, פאסיגע ניגונים, און דערצו אויך זען עס זאל זיין העכסט פראפעסיאנאל, אבער פארט מיט'ן אמאליגן חן, וואס יעדע אידישע שטוב וועט עס קענען אריינגעמען. דער כח פון א ניגון איז זייער שטארק, לטב אדער ח"ו פארקערט. דער הייליגער סקולענער רבי ז"ל איז אמאל אריינגעקומען צו א שמחה וואו מ'האט געזונגען נישט די איידלסטע ניגונים, האט ער זיך אנגערופן אז עס שמעקט פון נישט גוטע זאכן וד"ל. דער רבי מיט זיין קדושה האט געקענט שפירן אויף א ניגון צי ס'קומט פון ריינע מקורות.

יעדער פרט איז געווארן דורכגעקוקט דורך חשוב'ע בעלי השקפה אז עס זאל זיין הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן על כל קוץ וקוץ.

## ווער איז געווען דער פראדוצירער פון דעם נייעם אלבום?

ע: דער אלבום איז געווארן פראדוצירט דורך א גאר טאלאנטפולן יונגערמאן, ר' שלמה זלמן וועכטער, ער האט יארן עקספיריענס אין די מוזיק ליין, ער פלעגט יארן לאנג ארבעטן אין א פראפעשאנעל סטודיא, און זינגט כסדר מיט די שירה כאר. כהיום פארמאגט ער שוין זיין אייגענע סטודיא.

## עס גייט זיין נייע ניגונים אויף דעם אלבום?

ע: עס גייט זיין דריי נייע ניגונים ספעציעל פאר דעם סי-די, און די איבריגע זענען גאר איידעלע אלטע ניגונים מובחרים.

## ווער זענען די בעלי מחברים פון די נייע ניגונים?

ע: איין ניגון איז קאמפאזירט געווארן דורך ר' אלי ברייער פון מאנסי, א חשוב'ער איד א סופר סת"ם, ער פארשטייט גוט צו ניגונים, אויסער זיין נייעם ניגון האט ער צוגעליינט א פאל צו אן אלטן ניגון וואס ווערט גענוצט אויפ'ן סי-די. די אנדערע צוויי ניגונים זענען נתחבר געווארן דורך דעם מלך המלחינים ובדחנים, הר"ר פנחס מרדכי וועבער הי"ו. 'פינקי' האט געמאכט צוויי גאר שיינע נייע קאמפאזיציעס, איין לאנגזאמע, און איין שנעלע ניגון ספעציעל פאר דעם אלבום.

## איר גייט אויך זינגען אויף דעם אלבום?

ע: בעיקר רעד איך צווישן איין ניגון און צווייטן, אבער יא, איך גיי אי"ה זינגען אויף איין ניגון. רבו עלי חבירי, אז זיי ווילן מיך אויך הערן זינגען. נו, אז מ'קען מהנה זיין אידן, געוויסע ביים הערן און געוויסע ביים אויפהערן... האב איך געטראכט פארוואס נישט.

גראדע האב איך א מנהג אז איך זיץ אין די סטודיא ווען מ'זינגט אריין מיינע ניגונים, איך טו עס וויבאלד אין די פארגאנגענהייט האט זיך שוין געמאכט אסאך עגמת נפש אז דער זינגער האט נישט פונקטליך פארשטאנען וויאזוי ער דארף זינגען, און מ'האט עס געדארפט איבערמאכן. די גמרא זאגן "הרוצה לאבד מעותיו ישכור פועלים ואל ישב עמהם...".

## ווער האט געמאכט דעם כאר אויפ'ן אלבום?

ע: דער כאר (קווייער) איז ערצייגט און אנגעפירט געווארן דורך א טאלאנטפולן יונגערמאן מענדי פעקעטע מיט זיין סוויטע אין זיין סטודיא. דאס שרייבן די ארעידנזשמענטס פון רוב ניגונים אויפ'ן אלבום, ווי אויך א חלק פון דעם כאר איז רעקארדירט געווארן ביי שלומי וועכטער.


בית הוראה

# זמני בית הוראה

לשכת בית הוראה:

6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

משעה 9:00 עד 10:00 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 10:00 עד 12:00 לפנצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:00 עד 12:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 8:30 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 8:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

משעה 3:00 עד שעה 6:00
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

24 שעה הוראה ליין:

845.783.5688 #3

לכל עניני בית הוראה יכולין לפנות
להרה"ג ר' משה יואל מאשקאוויטש שליט"א
יו"ר הנהלת בית הוראה
845.248.8879

## כ'וואלט געוואלט דורכגיין מיט אייך ניגון ביי ניגון מיט א דיסקריפציע איבער די דעטאלן פון דעם ניגון, קען מען עס טון?

ע: אוודאי, געוויס בעז"ה.

## וויאזוי הייסט דער ערשטער ניגון, ווער האט עס פארפאסט, ווער האט עס אראנזשירט, און ווער זינגט עס?

ע: דער ערשטער ניגון הייסט "לויב געזאנג". עס איז געווארן פארפאסט דורך ר' אלי' ברייער, עס איז א הערליכער ניגון. עס רעדט זיך פון דאנקען דעם אויבערשטן אויף אלעס וואס מ'האט, און יעדע זאך וואס מ'האט קומט פונעם בוכ"ע.

דעם ניגון האט אראנזשירט מיין חשוב'ער נעפיו הר"ר נתנאל זאב שטיינמעטץ, ער איז אן אויסגערופענער מלמד אין די סאטמארער מוסדות אין לעיקוואוד, ער האט געמאכט א גאר פראפעסיאנאלע ארבעט ב"ה. אלע מבינים וואס האבן עס געהערט זענען ארויס פון התפעלות, ער האט געמאכט א גוטע ארבעט ב"ה. עס ווערט אראפגעזינגען דורך דעם בארימטן בעל מנגן ר' יואל פאלקאוויטש, ר' יואל האט געמאכט אן אויסטערלישע ארבעט, ער זינגט מורא'דיג קלאר און לייגט גוט אראפ א ניגון, ער ווייסט פונקטליך וואס ער דארף צו טון, ער איז זייער א געשמאקער בעל מנגן און ווען ער האט ארייגעזונגען דעם ניגון האט ער עס געזונגען מיט אזא לעבעדיגקייט און מלא רגש.

## וואס טוט זיך לגבי דעם צווייטן ניגון?

ע: דער ניגון הייסט "פארשטעלטע ליכט". עס איז א צוזאמענשטעל פון צוויי ניגונים פון ר' יו"ט ערליך. עס ווערט געזונגען דורך ר' אייזיק האניג, ר' אייזיק דארף נישט קיין הסכמה פון מיר, ער איז א וועלט-בארימטער בעל מנגן, ספעציעל מיט זיין ווארעמקייט און קרעכצן וואס האט נישט זיינ'ס גלייכן. עס איז געווארן אראנזשירט דורך שלומי וועכטער.

דער ניגון איז א צוזאמשטעל פון צוויי ניגונים פון ר' יום טוב ערליך ז"ל. דאס ערשטע איז א פזמון וואס דערציילט וועגן 92 מיידלעך וואס זענען געגאנגען על קידוש השם. דער ניגון קומט פון ר' יו"ט ערליך'ס מעשה פונעם בארדיטשובער ערב יום כיפור. אין אונזער ניגון ווערט דערציילט א מעשה פונעם בעש"ט וואו מ'זעט אז ווען א איד האט א צער ראטעוועט ער אנדערע אידן פון א צרה. דער תמצית וואס מען זעט פון דעם איז אז יעדעס ביסל צער באשיצט פון עפעס גרעסערס.

## וויאזוי הייסט דער דריטער ניגון?

ע: דער דריטער ניגון הייסט "אנטפלעקט דעם סוד". עס איז אויף דעם באקאנטן ניגון מזמור לדוד פון ר' בנציון שענקער. עס ווערט הערליך און ווארעם אראפגעזונגען דורך ר' שמעון יואל וועבער, א זון פונעם מלך המלחינים פינקי וועבער, ואיהו גופיה מלחין ניגונים, ער קאמפאזירט אויך הערליכע שיינע ניגונים. אויך זינגט ער ביי חתונות. עס איז געווארן אראנזשירט דורך מענדי פעקעטע.

עס רעדט זיך פון דעם אז יעדע זאך דארף מען בעטן פונעם אייבערשטן, איבער א מעשה פונעם בעש"ט ווען ער האט געבעטן די תלמידים צו גיין מאכן וויין, און ביי די גרעניץ האט מען עס געעפנט און ס'איז ליידער געווארן יין נסך. האט דער בעש"ט געזאגט אז די סיבה דערצו איז וויבאלד זיי האבן נישט געבעטן דעם אויבערשטן.





רבי יקיר ביים שושן פורים טיש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## גיט אונז אן ארייבבליק איבער די פערטע ניגון!

ע: דער פערטער ניגון הייסט "א געבעט". דער פערטער ניגון ווערט אראפגעזונגען דורך אני הקטן. עס איז געווארן אראנזשירט אויך דורך א פרישן שטערן בעולם הארעינדזשמענטס, ער הייסט ר' שמואל מרדכי נאה, ער האט געמאכט אן אויסטערליש גוטע ארבעט, גאר פראפעסיאנאל.

דער ניגון איז אן אלטער ניגון וואס מ'פלעגט זינגען יארן צוריק ווען איך בין געווען א קינד, ר' אלי' ברייער האט אויף דעם צוגעלייגט א הערליכן דריטן פאל. אלע ניגונים זענען געקניפט און געבונדן, איינס מיטן אנדערן, ביי יעדן ניגון זאג איך א פארווארט און מען פארט אריין אינעם ניגון. איך גיב דארט פילע משלים וואס מען זאל בעטן ביים אויבערשטן, איך דארף א גוטן שידוך, פרנסה, אא"וו.

## וואס טוט זיך מיט דעם פינפטן ניגון?

ע: דער ניגון הייסט "קרבת אלקים". עס איז א באקאנטער שיינער ניגון. עס ווערט אראפגעזונגען דורך דעם בארימטן בעל מנגן ר' מנחם מאשקאוויטש. ר' מנחם איז גאר א געשמאקער און בא'טעמ'טער זינגער מיט א זיסע שטימע, וואס מאכט צוגיין זיך ביים הערן. עס רעדט זיך פון דעם אז ווען א איד דאווענט ווערט ער נאענט צום אויבערשטן, און די גרויסקייט פון די אידן אז זיי זענען גרעסער ווי די מלאכים. דער ניגון האט אויך א קינדער כאר צו זיך, עס גיבט אסאך צו, עס איז גאר גאר שיין און געשמאק.

### ששה מי יודע, וואס איז לגבי דעם זעקסטן ניגון?

ע: דער זעקסטער ניגון הייסט "וואו זענען די טרערן". דער ניגון איז דער באקאנטער ניגון 'מלך שוכן עד' פון אייזיק האניג. עס ווערט געזונגען דורך מיין זון ר' נתנאל אינאיינעם מיט'ן ילד הפלא בנש"ק דוד לייפער. נתנאל פלעגט אויך זינגען אלס קינד אויף מיינע פריערדיגע אלבומס, עס איז כלום אב מעיד על בנו... אבער ב"ה ער זינגט גאר שיין, ער האט א זיסע געשמאקע שטימע פון וואס דער עולם וועט שטארק הנאה האבן. דוד לייפער ברויך איך דאך נישט פארשטעלן, ער איז לכאורה פון די שענסטע ילדי הפלא זייט יושע ארי' מאנדל, ער זינגט עפעס מיט אויסטערלישע הארץ און געפיל, ער צונעמט א מענטש ביים הערן זיינע ווארימע איידעלע נאטירליכע קרעכצן, ווי איר וועט זיך אליינס איבערצייגן.

דער ניגון איז געווארן אראנזשירט דורך א צווייטן חשוב'ער נעפיו מיינער, ער הייסט שלומי ברוין. ער איז גאר טאלאנטפול און פראפעסיאנאל, ער האט געמאכט א ווואונדערליכע ארבעט, ממש צום באוואונדערן. עס איז א המשך צו קרבת אלקים, דער ניגון ברענגט א מעשה פונעם היילגן חפץ חיים וואס האט אמאל געזאגט פאר א צעבראכענעם איד אז ער וויל זען זיין תהלים, נאכן עס זען האט דער חפץ חיים געוויזן פאר יענעם איד דעם תהלים פון זיין מאמע, וואס האט שוין דעמאלט נישט געלעבט אבער ס'איז נאך געווען דורכגעווייקט נאס, "דאס הייסט געבעטן". האט דער חפץ חיים אויסגעפירט.

### איך זע אז איר ברענגט אריין אסאך פרישע כוחות אין די זאך, ס'וועט זיין א גוטע געלעגנהייט פאר די אראנזשירערס צו שטייגן העכער. וואס טוט זיך מיט דעם זיבעטן ניגון?

ע: דער זיבעטער ניגון הייסט "נכספה". דער ניגון איז פשוטו כמשמעו דער הייליגער ניגון נכספה וואס דער סקולענער רבי בעל נועם אליעזר זצ"ל האט פארפאסט. עס ווערט אראפגעזונגען דורך דעם וועלט בארימטן בעל מנגן ר' יששכר גוטמאן. ר' יששכר נעמט איין א זאל ווען ער זינגט אראפ א ניגון, נאכדערצו ווען עס רעדט זיך פון אזא ווארימען הארציגן הייליגן ניגון, איי ווי שיין און זיס יששכר זינגט עס אראפ. ס'איז געווארן אראנזשירט דורך שלומי וועכטער.

### פארוואס האט איר באשלאסן צו לייגן דעם ניגון?

ע: פשוט וויבאלד די מעשה אונטער דעם ניגון איז מורא'דיג. עס איז פארפאסט געווארן אין תפיסה, ווען דער סקולענער רבי איז געווארן איינגעשפארט, ער האט נישט געהאט קיין שום אידישע געברויכן, ס'איז געקומען ראש השנה, ער האט נישט געהאט קיין שופר צו בלאזן, עס האט אים זייער שטארק וויי געטאן, האט דער רבי באשלאסן צו מאכן דעם ניגון און ער האט געזאגט פאר'ן באשעפער אז ער זאל דאס אננעמען במקום שופר בלאזן. דאס איז א מורא'דיגע מעשה.

### טאקע מורא'דיג. איך האב נאכנישט געהערט די מעשה בעפאר. יעצט גייען מיר צום אכטן ניגון.

ע: דער אכטער ניגון הייסט דער "בלאזשעווער שהחיינו". עס איז געווארן פארפאסט דורך פינקי וועבער. עס ווערט אראפגעזונגען דורך דעם וועלט בארימטן בדחן ומשמח אלקים ואנשים ר' וועלוול פעלדמאן, ר' וועלוול האט עס מורא'דיגע שטארק דעליווערט, ממש א 'מעסטער פיעס', ס'איז א מורא'דיגער ווארימער ניגון וואס פינקי האט אהערגעשטעלט ב"ה.

שלומי וועכטער האט געמאכט די ארעינדזשמענטס. עס איז געבויעט אויף א מורא'דיגע מעשה פון די צווייטע וועלט מלחמה. עס איז ארויס א שמועה אין לאגער אז דער היילגער בלאזשעווער רב גייט צינדן חנוכה לעכט. אלע אידן פון אלע באראקן זענען זיך צוזאמגעקומען צום מעמד. דער רב גרייט זיך צו צינדן, ער וויל מאכן די ברכה שהחיינו אז מ'איז זוכה צו לעבן אין אזא צייט, דער רב איז פארשטומט געווארן, ער האט ממש נישט געקענט זאגן ווייטער.

דער ציבור האט גלייך פארשטאנען וואס די שווייגעניש באדייט עס איז געווארן א מצב פון בכיות נוראות. נאך עטליכע מינוט האט דער רב געמאכט די ברכה און געצינדן. נאכ'ן צינדן האט דער רב געזאגט פארץ עולם "ענק וואונדערן זיך אוודאי פארוואס איך האב קודם נישט געמאכט די ברכה און נאכדעם יא. איך האב צוערשט געשפירט אז כ'קען ממש נישט מאכן די ברכה, אבער נאכ'ן זען ענקערע שאיפות מקיים צו זיין א מצוה, האב איך געזען אז דער אידישער פלאם ברענט, דעריבער האב איך געמאכט א שהחיינו אויף להבא נאך וואס מיר גייען ווערן באפרייט!!!".

איך וועל דיר אגב דערציילן אן אינטערעסאנטע מעשה וואס כ'האב געהאט מיט דעם ניגון. עטליכע יאר צוריק האט פינקי וועבער חתונה געמאכט זיין זון שמעון יואל, ווי געזאגט זינגט ער אויך אויף דעם אלבום. פינקי האט מיך גערופן צו גראמען אויף די חתונה פון זיין זון. ביים אויסרופן פינקי האב איך געזונגען דעם ניגון צווישן איינע פון די ניגונים.

ביים ענדיגן גראמען פרעגט מיך פינקי מיט נאסע אויגן: "יקיר פון וואו קומט דער ניגון וואס דו האסט געזונגען? ס'איז דאך עפעס א מורא'דיגער ניגון". זאג איך אים "פינקי דו געדענקסט נישט?! ס'איז דאך 'דיין' ניגון, וואס דו האסט מחבר געווען פאר מיין אלבום".

ער האט באמת נישט געדענקט אז ער האט עס פארפאסט, ער מאכט קע"ה טויזנטער ניגונים. פינקי האט מיר געזאגט אז ער האט געשפירט ביים גראמען אז עס איז אים זייער נאענט צום הארץ, ער האט נישט פארשטאנען פארוואס.

### זייער אינטערעסאנט. וואס טוט זיך מיט דעם ניינטן ניגון?

ע: דער ניגון הייסט "קיין פאראיבל". עס איז א ניגון פארפאסט דורך פינקי וועבער. עס ווערט געזונגען דורך דעם בארימטן בעל מנגן משה אייזענבערג. מושי האט זייער א זיסע היימישע געשמאקע שטימע, ער האט געמאכט גאר א גוטע ארבעט, ער זינגט אויך יעדע נאכט אויף חתונות.

עס איז געווארן אראנזשירט דורך שלומי וועכטער.

דער ניגון רעדט זיך פון דעם געדאנק וואס איך טראכט שוין יארן לאנג. עס איז נוגע פאר אסאך מענטשן, ווען עס מאכט זיך ח"ו א גרויסער פראבלעם, מ'פארלירט א קינד ח"ו, א ווייב אדער א משפחה מיטגליד ל"ע, צי אן אנדערע שווערע מיטמאכעניש ח"ו, טראכט מען "איך בין שולדיג", ווען איך וואלט געטאן אנדערש, אפשר וואלט יענער נאך יעצט געלעבט; ווען איך טו אזוי, וואלט עס געווען בעסער; יענע אינוועסטמענט וואלט זיך בעסער אויסגעארבעט.

מען דארף וויסן אז די אלע "גילטי פילינגס" איז מעשה יצר, ספעציעל אפעקטירט עס שטארק די נשים צדקניות נאך א שווערן דורכגאנג. מען דארף וויסן אז איך בין "נישט שולדיג", עס קומט אלעס פונעם אייבערשטן.

דער בעש"ט האט אמאל אויף דעם געטייטשט פארוואס זאגט מען רשעים מלאים חרטה? חרטה איז דאך א גוטע זאך. נאר האט ער געזאגט אז רשעים זענען כסדר פארנומען זאגן אז ווען איך וואלט געטאן אנדערש וואלט אזוי און אזוי געווען, וויבאלד זיי גלייבן אין כוחי ועוצם ידי. אבער דער אמת איז אז צו טראכטן בכלל אז ווען איך טו אנדערש וואלט געווען אנדערש איז נישט וואס א איד מעג טראכטן, דעם טעות וואס דו האסט געמאכט האט דער אויבערשטער געמאכט אז דו זאלסט עס טון!!!

איך דארף ארויסברענגען א גרויסן דאנק פאר א גאר חשוב'ן יונגערמאן פון מאנסי, ער הייסט ר' דוד זלמן שטויבער, וואס האט מיר אסאך ארויסגעהאלפן מיט דעם אלבום בכלל, און מיט דעם ניגון בפרט, ס'איז נישט געווען גרינג צו זעצן די ווערטער, ס'איז א קונצליכער ניגון, ר' דוד זלמן האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות דערין און עס געהאלפן מאכן פאר א דבר השלם.

### עשרה מאמרות, יעצט גייען מיר צום צענטן ניגון. וואס קענט איר אונז זאגן איבער דעם?

ע: דער צענטער ניגון הייסט "דער הימלישער אוצר". עס איז אויף די ניגון פון אני מאמין פון ר' משה גאלדמאן ז"ל. דעם הארציגן ניגון קען יעדער איינער. עס ווערט געזונגען דורך דעם ילד הפלא דוד לייפער, אינאיינעם מיט מיין זון ר' נתנאל. און דא קומט צו נאך א חידוש. מיין זון ר' מרדכי שבתי, ער האט ממש יעצט חתונה געהאט, ער זינגט אויך זייער שיין, ס'איז דאס ערשטע מאל וואס ער זינגט אפיציעל אויף אן אלבום.

### וואס איז לגבי דעם עלפטן ניגון?

ע: דער עלפטער ניגון איז אחרון אחרון חביב. דער לעצטע ניגון ענדיגט זיך מיט מיין ניגון "חזקו ואמצו". עס איז זייער אייגנארטיג, מען הערט א שמועס וואס איך האב מיט א קינד ביי לאנטש אין חדר, עס הייבט זיך אן מיט דעם באקאנטן ניגון "פליאה דעת ממנו" אז דער אויבערשטער איז איבעראל. אויך זינגט מען דעם ניגון לית אתר פנוי מיניה, מיט די באקאנטע מעשה פון דעם היילגן ראפשיצער רב אלס קינד, ווען איינער האט אים געזאגט אז ער וועט אים געבן א מטבע אז ער זאל אים זאגן וואו דער באשעפער געפינט זיך, האט דאס קלוגע קינד געענטפערט, איך וועל אייך געבן צוויי מטבעות אויב איר וועט מיר זאגן וואו דער אויבערשטער געפינט זיך נישט. דארט זינגט אויך מיין זון אברהם יודא'לע.

### אחרי ככלות הכל, שפירט איר אז ס'האט זיך געלוינט צו אינוועסטירן אזויפיל כוחות? קען מען צוריקמאכן דאס געלט? און וואס זאגט איר איבער קאפיען סי-דיס היינטיגע צייטן?

ע: דער אמת איז אז איך האב ב"ה נישט דערלייגט פונעם געשעפט, עס דא גוטע אידן וואס האבן פארשטאנען דאס נחיצות פון אזא פראיעקט. דער אמת'ער ענטפער איז, ווי דער רבי זי"ע האט געזאגט איבער דאס שרייבן ספה"ק ויואל משה. אויב האט עס נאר געהאלפן איין איד האט זיך אלעס געלוינט... אני הקטן בעניי קען אויך רעפערירן צו די זעלבע ווערטער, אויב ס'האט מחזק געווען אפילו נאר איין איד, איז אלעס געווען כדאי... און ווער רעדט נאך ווען אזויפיל אידן שעפן כסדר חיזוק, וזה חלקי מכל עמלי.

און בנוגע וואס דו פרעגסט וועגן קאפיען, אז ווער עס שאצט אפ די ארבעט דער וועט עס גערן קויפן, פאר די פאר נישטיגע דאלער. און ווער ס'וויל מאכן א קאפי וועט גארנישט העלפן אים אפצוהאלטן דערפון, אבער כ'וועל נישט זאגן אז ער איז א גגב ח"ו, כ'וועל אבער אויך נישט זאגן אז ער מקיים געווען דעם ועשית הישר והטוב...

### געוואלדיג ר' יקיר, האט איר געהאט א השגחה פרטית מעשה ביים ארבעטן אויף די סי-די?

ע: עס איז געווען אן אינטערעסאנטע זאך, ווייסט דאך אז יעדער ניגון דארף האבן זיין פאסיגן זינגער, עס איז געווען א ניגון וואס איינער האט געזונגען אבער ס'האט נישט אזוי געקלאפט.

ווידעראום איז געווען א צווייטער זינגער וואס איז נישט געווען אזוי צופרידן פון זיין ניגון אויסוואל, ער האט לכתחלה געוואלט זינגען דעם ניגון וואס פאר'ן פריער דערמאנטן זינגער איז נישט אזוי געאייגנט. מ'האט עס איבערגערעדט מיט ביידע, ביידע האבן ב"ה מסכים געווען צו טוישן. און אזוי איז טאקע דער טויש זיך צוזאמגעקומען, און ביידע ניגונים זענען ארויסגעקומען גאר גאר שיין. ס'איז געווען זה נהנה וזה נהנה.

### וואס טוט זיך מיט נאך אן אלבום? מעג מען שוין רעדן דערפון אדער יעצט גייט מען נעמען אביסל רואיגקייט?

ע: יעצט האפן מיר צו גיין ווייטער. "מיט'ן אויבערשטן...", ווי געזאגט השי"ת מאכט אונזערע פלענער, ונזכה ונחי' ונראה בעז"ה, דערווייל לאמיר האפן אז אידן וועלן שעפן הויפנס חיזוק פון דעם אלבום, ובקרוב נזכה לביאת הגואל, אמן".

### א גרויסן יישר כח נאכאמאל פאר אייער טייערע צייט, און פאר די געוואלדיגע גאר אינפארמאטיווע אינטערוויו, מיר זענען זיכער אז דער עולם וועט שטארק הנאה פון דעם אינטערוויו און פון דעם סי-די בעז"ה.

ע: אמן כן יהי רצון.

**אברהם לויפער**
**אבדק"ק דאראג יצ"ו**
ברוקלין ניו יארק

**RABBI A. LAUFER**
25 Ross St. Brooklyn N.Y. 11249
718-388-5080 – Fax. 388-4207

בעזהי"ת

יום שלישי שנכפל בו כי טוב לסדר ובחרת בחיים למען תחי' אתה וזרעך (נצבים) כ"ד אלול תשפ"ב

הנה תלי"ת חסידים ואנשי מעשה יראי ד' נוהגים להדר לקנות לולבים מהודרים ביותר, לקיים מצות ה' ברה בהידור רב, ומפזרין על זה מעות הרבה, כמאמר הכתוב שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב, ואפילו שנמצא לקנות לולבים בזול שעפ"י הלכה הם כשרים ביותר, מ"מ מהדרים שיהי' מהודרים בכל ההידורים לכל השיטות ולכל המנהגים שיש מקום להדר.

ודבר פשוט שכמו כן יש להדר שלא ליקח שום לולב בשנת השמיטה מארץ ישראל אף שלא יהי' כרוך בשום איסור, נעבד או זיקת שביעית או מסייע לידי עוברי עבירה, רק נקצרו משדות של שומרי שביעית כהלכתו בכל פרטיה ודקדוקיה, מכל מקום הרבה ראשונים ס"ל שנוהג קדושת שביעית בלולב, ויש בו איסור שמור, וגם אסור לסחור בדברים שיש בהם קדושת שביעית, וכתבו התוס' מס' סוכה (דף ל"ט ע"א ד"ה שאין מוסרין לעם הארץ פירות שביעית), וז"ל, ואין מספר לדינים ולאיסורים שיש בפירות שביעית שצריך לנהוג בהן קדושת שביעית עכ"ל. וזה שייך לכל יחיד ויחיד, ואף שיש פוסקים שס"ל שאין נוהג קדושת שביעית בלולב, הדבר פשוט שכיון שיש פוסקים ראשונים ואחרונים שס"ל שיש בלולב קדושת שביעית (בספרי האשל ברמה - לולבי שביעית, לקטתי שיש א"ך (וסימנך א"ך טוב לישראל) ראשונים והאחרונים, שס"ל שיש קדושת שביעית בלולב), וגם שלא נפסק להלכה שאין נוהג בו קדושת שביעית, וגם בדברי הרמב"ם בספר היד, יש מפרשים (מהר"י קורקים) שס"ל בדעת הרמב"ם שנוהג בלולב קדושת שביעית, לכן צריכין להדר שלא ליקח שום לולב בשנת השמיטה מארץ ישראל.

ובשו"ת **עמק התשובה** (ח"ט סימן קכ"ד) **להגה"צ בקש"ת רבי יחזקאל ראטה זצ"ל גאב"ד קארלסבורג** כתב וז"ל,

**הנה מה אומר ומה אדבר מאד מאד רגז וחלחל רבינו הקדוש זיע"א על הבאת מגידולי ארץ ישראל לחוץ לארץ בשנת השמיטה**, וכאשר נוכחתי בעצמי שאחד שלח אתי הדסים מארץ ישראל זה יותר מארבעים שנה שגדלו בשנת השבע תשכ"ו, אף שאז הי' עדיין נלקטים ההדסים מן ההפקר, שגידולם הי' בהפקר, אפ"ה לא רצה לקבלם, שחשש שאולי נוהג בהן קדושת שביעית.

**ופשוט דהוא הדין נמי לולבים**, דלכמה פוסקים נוהג בהן קדושת שביעית, וכמו שכתב רש"י ז"ל בסוכה ל"ט דחשוב הנאתן וביעורן שוה, ומשמע דגם התוספות ס"ל כן, וכמשמעות פשטות הסוגיא דסוכה כיון שלא העירו על דברי רש"י ז"ל משמע דגם הם הכי ס"ל, ואדרבה על הרמב"ם דס"ל דאין בו קדושת שביעית נלאו הנו"כ לחפש אחר טעמו מכיון דפשטא דסוגיא לא מוכיח כן, ועי' מה שכתבנו בעמק התשובה חלק א' סימן נ"ו אות ט'.

ואף דהרמב"ם ס"ל דאין בהן קדושת שביעית וכמו שכתב בפירוש המשניות בסוכה, ובארץ ישראל נהגו כן, היינו משום דבארץ ישראל קבלו עליהם פסקי הרמב"ם דהוא מרא דארעא דישראל, וכאשר כתבו הפוסקים, משא"כ בחוץ לארץ דאנו נמשכין אחר פסקי רש"י ותוספות, לכאורה להלכה צריכין אנו לחוש לדבריהם על כל פנים דנוהג בהן קדושת שביעית.

וכל זה בסתמא שלקטו וחתכו מן ההפקר, שמינים אלו הי' גדלים כל השנים בהפקר, מ"מ ראוי לחוש משום קדושת שביעית, ויש בו איסור סחורה, וגם תופסת דמי', וכאן בחוץ לארץ אינם יודעין מזה ונכשלין בדמי שביעית שכמה איסורין כרוכין בזה, וכדאי להביא לשון התוס' בסוכה (ל"ט. בד"ה שאין) וז"ל, דאיכא איסורי טובא שאין עמי הארץ נזהר לאסור לקנות בהן בהמה טמאה עבדים וקרקעות חלוק וטלית ומנעלים ואין נותנין לא לצייר ולא לבלן ולא לספן ולא לספר, דשביעית לאכילה ולשתי' ולסיכה ולא לשאר דברים, ואסור לפרוע מהן חובו, ואין מספר לדינים ולאיסורים שיש בפירות שביעית שצריך לנהג בהן קדושת שביעית, **עכ"ל בשו"ת עמק התשובה שם.**

ובשו"ת **משנת יוסף** (חלק א' סימן כ"ח אות ח') **האריך** בהרבה הלכות שנוהגים בלולב לשיטות הסוברים שבלולב נוהג קדושת שביעית. א) אסור לקצוץ כדרכה, ב) לאסוף הרבה מן המופקר אסור, ג) איסור שמור, ד) ואם מותר לשרפו בשריפת חמץ, ה) לולב משומר אסור לקנותו דאין מוסרין דמיו לעם הארץ אפילו כל שהוא, יעו"ש באריכות.

וכן מצינו שכמה גדולי ישראל שדרו בארץ ישראל שהחמירו בלולב שנוהג קדושת שביעית, כמו שמובא בספר ציץ הקודש (ח"א סימן ט"ו) **שהמהרי"ל דיסקין** הורה להחמיר שבלולב שייך קדושת שביעית, וגם החמיר בלולב יותר מהדסים, וכן הגאון המפורסם **רבי משה קליערס זצ"ל** גאב"ד של עיר טבריה כתב בספרו תורת הארץ (נעתק להלן בסימן א' אות י"ט) שנוהג בלולב קדושת שביעית, וכן כהיום הרבה גדולי ישראל ובני תורה נוהגים בלולב קדושת שביעית.

וראוי להעתיק בזה מהבירור הלכה לולבי שביעית שכתב ידידי הרב הגאון המפורסם כש"ת מוה"ר רבי מנשה פילאפף שליט"א וז"ל, הנה באמת בני חו"ל יש להם להחמיר ביותר כשיטות המחמירים בדיני שביעית ובכל מצוות התלויים בארץ, אף בדברים שבני ארץ ישראל מקילין מפני הדחק כשיטות המקילין, וכמו"ש לדינא בעל חיי אדם זצ"ל בספרו שערי צדק על מצוות התלויים בארץ (פ"י סי"ז), דבני חו"ל הבאים לאה"ק וודאי חייבים להחמיר בכל מצוות התלויים בארץ כדעת המחמירים, כמו"ש בס' חרדים (בדין הפרשת תרו"מ בשביעית בסופו) ובשל"ה (בשער האותיות ק') יעו"ש. וכ"כ הגאון מהר"ש סלאנט זצ"ל אב"ד ירושלים בס' תורת רבינו שמואל סלאנט (ח"א סי' נ"ח וח"ג סי' קט"ז) שהתנגד לשלוח לחו"ל אתרוגים ויינות אף מפירות הנכרים משום דאין מוציאין פירות שביעית מארץ ישראל לחוץ לארץ, והגם שבארץ ישראל מקילים כדעת האומרים שאינו נוהג שביעית בפירות עכו"ם, אולם זה בשביל שקשה עלינו להחמיר בכל דיני שביעית וסומכים אנחנו על המקילים בשביעית דרבנן בזמן הזה, אבל אנשי חוץ לארץ החובבים את ארה"ק למה להם להקל בזה, אשר יש כמה מחמירים גם בפירות של עכו"ם וכו', וכעין זה כתב שם הגאון ר' שלמה הכהן מווילנא ז"ל בתשו' יעו"ש, עכ"ל בבירור הלכה שם.

והמקילים ליקח לולבי שביעית, אלו שאין להם השגחה מעולה שאין בהם איסור נעבד, איסור גמור ליקח אותם.

וגם נכון לברר, אם בעליהן הם שומרי שביעית כהלכתו, שיכולין להכשל בכמה חששות, ובפרט מהא שאסרו חז"ל ליקח ממחללי שביעית דבר שיש בהם זיקת שביעית, אף אם אין בהם חשש נעבד (רמב"ם הל' שמיטה ויובל פ"ח הלכה י"ד).

ובזכות שמירת שביעית כהלכתה נזכה לכוח"ט ולשנת גאולה וישועה בביאת משיח צדקינו בב"א.

**הק' אברהם לויפער**
**אבדק"ק דאראג**

**אברהם לויפער**

אבדק"ק דאראג יצ"ו
ברוקלין ניו יארק

**RABBI A. LAUFER**

25 Ross St. Brooklyn N.Y. 11249

718-388-5080 – Fax. 388-4207

לסדר ושמחת בכל הטוב, תשפ"ב

**בעזהי"ת**

**שלומים מרובים כטל וכרביבים לכבוד ידידינו החשובים כאו"א בשמו יבורך**

הנה בזה להודיע שבעזהי"ת עלה בידינו בשנה זו לקצור

# יאנעווער - מאראקאנער - אתרוגים

**בלי שום מירוח (גלאנץ) כלל**

מובחרים ומהודרים ביותר - גם עם פטמאות מהודרים בתוארם ובגידולם. בהשגחת התאחדות הרבנים

**בשנה זו**
**שנת השמיטה**
**יהי' לנו**
**לולבים והדסים**
**אך ורק מחוץ**
**לארץ**

## לולבים מובחרים – חוץ לארץ

"פריש געשניטענע לולבים" בלי שום מירוח כלל – "ארגינעל"

**הדסים משולשים - חוץ לארץ** (מאראקא)

חופין את עצו, עלים קטנים, עצים קשים עד למעלה

# בהיכל הכולל דאראג

# 25 Ross St.

(צווישן קענט – ווייט עוו.)

**גם סדרנו שיהי'**
**דומ"ץ "התאחדות**
**הרבנים" בחדר מיוחד**
**שע"י היכל הכולל**
**בתמידות - כל הזמן**
**מבוקר עד הערב**

**החל מיום צום גדלי' בכל יום משעה 12 בבוקר עד שעה 11 בלילה**

**ערב שב"ק פ' וילך - פ' האזינו משעה 11:00 עד שעה 2:00**

**מוצאי שבת קודש משעה 10:00 עד שעה 12:00 בדיוק**

**י"ג מדות משעה 4:00 עד שעה 10:00**

**ערב ומוצאי יו"כ געשפארט**

**718-388-5080 – 347-415-7949**

בניי וחתניי היקרים יעמדו על משמרתם לשרת בקודש ובעזהי"ת יהי' כאו"א שבע רצון ביותר

מנחה בכל יום
בשעה 7:30
מעריב בזמן ר"ת

בברכת כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה בכלליות ובפרטיות

**אברהם לויפער**

<u>בן אאמו"ר החסיד האמיתי איש החסד כש"ת מוה"ר שלו' לויפער זצ"ל</u>

**זעלטענע געלעגנהייט**
געזוכט טויגליכע אינגעלייט
ביים פארקויפן אתרוגים
* שיינע פארדינסט *
מ'באצאלט שיין אויף די שעה,
און אויך קאמישאן פאר יעדע
קאסטומער וואס ער ברענגט

יכולים להתקשר על הטעלפאן - הר"ר יואל לויפער נ"י – 718-797-4040

הר"ר זלמן לויפער נ"י – 718-809-5495 / הר"ר צבי הירש לויפער הי"ו – 718-576-3963

**<u>צדקת שלו'</u>**

**היות שאאמו"ר הרה"ח רבי שלו' לויפער זצ"ל מכר בכל השנים אתרוגים לולבים והדסים למעוטי יכולת במחיר נמוך,**
**ע"כ יהי' ניתן לקנות ד' מינים מובחרים ומהודרים (לולב שיכולין לבחור כאו"א - ולא בכיס סגור - הדסים משולשים כולו א"א)**
**שמחירו הרגיל סך $250.00 בעד סך $150.00 - לולב לבד $75.00**




בקשה פאר תושבי קרית יואל צו שפּאָרן וואסער ארויסגעשטעלט
דורך די וואדבורי וואסער דעפארטמענט



סוכה אויף הייכלאו ווערט אויפגעשטעלט אויף פארעסט נעבן שכונת זקנים



ברייטע ארייננגאנג פון אוסטראה גאס צום צענטראלן ביהמ"ד 'בית
יקותיאל' דקיט"ל גרעסטער ביהמ"ד אין שכונת ויואל משה



גיגאנטישע גלאזערנע פענסטער שיפמענט אנגעקומען צום גרויסן ביהמ"ד





עפענונג פאר נייע ריזיגע דעוועלאפמענט אויף חברון קארנער קארלסבורג

# פארשריט ביים גרויסן ביהמ"ד



פלאמבינג איינגעריכטעט אין פארעסט פליגל פון גרויסן ביהמ"ד



מאיעסטעטישער לאבי וועלכע פירט אין אלע שטאקן אין 'בנין אליהו' ביים גרויסן ביהמ"ד



ערשטע צוגרייטונגען צו באהעפטן נייע חלק פון גרויסן ביהמ"ד אויפן צפון זייט והיה המשכן אחד


September 2021
איר וועט
זיס מאכן
פאר אייער
גאסט
דער באשעפער וועט
אייך געבן
א זיס
יאר
מדה כנגד מדה
צדקות העדה
א גאסט אויף גאנץ תשרי
$500
א גאסט אויף סוכות
$400
א גאסט אויף די ימים נוראים
$250
א גאסט אויף ראש השנה
$180
א גאסט אויף א סעודה
$72
איר קענט געבן אייער נדבה דורכ'ן טעלעפון סיסטעם: 845.777.9991
VISA
AMERICAN EXPRESS
DISCOVER
OJC FUND
גאסט
ווייל אזוי איז די הלכה
DPMGGROUP.COM




# פון 'טאָהש' קיין 'אוקריינע'

היסטארישע קאפיטל פון שנת תשל"ג לפ"ק הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג

## די וואונדערליכע סייעתא דשמיא וואס האט באגלייט הגאון הצדיק רבי שמשון שווארץ זצ"ל צו גרייכן ציון הקודש פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע אין שטאט 'אומאן' אונטערן שאָטן פון קאמיניזם

מיר שטייען אצינד אַ קארגע יאר זינט די פטירה האי צדיק תמים, חסידא ופרישא, הגאון הצדיק המפורסם, רבי שמשון שוואַרטץ זצ"ל, רב דחסידי ברסלב בעיר קרית יואל, ומגדולי חשובי תלמידי מרן רבינו הקדוש זי"ע, וועלכער איז נסתלק געוואָרן פאַראַיאָר ג' תמוז תשפ"א, צו דעם גרויסן ווייטאג פון פילע תושבי העיר הנהנים מזיו אורו.

גאר באקאנט איז זיין התקשרות און דביקות צו דעם הייליגן דרך און די ספרים פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, וואָס ער האָט שטענדיג מאציל געווען מהודו, און משפיע געווען מתורתו אויך פאר אַנדערע אידן, רבות בשנים לטובה.

ר' שמשון פלעגט זעלבסט פאַרציילן אַז זיין סדר איז געווען אַז ער פלעגט לערנען ספרי מוסר וחסידות בעיון ובעומק, און בשנת תשכ"ח איז ער נתקרב געוואָרן לאורו הקדוש פון מוהר"ן מברסלב זי"ע. ווען ער איז נתקרב געוואָרן צו דעם דרך פון ברסלב, איז ער אַריין מיט זיין מוטער ע"ה, אל הקודש פנימה צו מרן רביה"ק זי"ע און דער רבי זי"ע האָט אים דעמאָלט געזאָגט אויף די ספרים פון הרה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע בלש"ק: "אַז מען שפירט אַ חיות אין די ספרים לערנט מען". פון דעם האָט הרה"צ ר' שמשון זצ"ל געשעפּט חיזוק אין הדרכת קודש צו עוסק זיין אין די ספרי ברסלב, אין וואָס ער איז געווען דבוק בדביקות עילאה עד זיבולא בתרייתא.

אין יאָר תשכ"ד ווען דאָס שטעטל טאָהש האָט זיך געגרינדעט, האָט אים הרה"ק מטאָהש זצ"ל פאַרבעטן צו קומען דינען אַלס מגיד שיעור בישיבתו, מיט דער הסכמה פון רבינו הק' זי"ע איז ער אַהינגעפאָרן, און זייענדיג אַ טופח על מנת להטפיח, האָט ער אָנגעהויבן משפיע צו זיין תורה פאַר תלמידים. ער האָט זוכה געווען מעמד זיין תלמידים למאות, ווען כמעט אַלע בחורי חמ"ד אין יענער צייט אין טאָהש האָבן ביי אים געלערנט תורה מיט אַ קלאָרקייט, און זענען פון אים באַגאָסן געוואָרן מיט יראת שמים וחסידות.

אידן וואָס האָבן געוואוינט אין טאָהש אין יענער תקופה דערציילן פון זיין עבודה במסירות נפש בכל כוחו ומאודו, ממש למעלה מהשגות אנוש, ווי ער האָט געדאַווענט שעות לאַנג, כמונה מעות בקול רם, און עוסק געווען בתורה פון די פריע פאַרטאָגס שעות ברציפות בלי הפסק. בשנת תשל"ו האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין וויליאַמסבורג, בצל קדשו פון רבינו הקדוש זי"ע, וואו ער האָט ממשיך געווען זיין עבודה ביראה עילאה.

ווינטער שנת תשל"ט האָט ער זיך ארויסגעצויגן קיין קרית יואל נהנה צו זיין מאורו פון רבינו הק' זי"ע און צו זיין אָפגעזונדערט פון די גוי'שע גאַסן, מיט שמירת עינים כהלכה.

בשנת תש"ן איז נתייסד געוואָרן בית מדרשו דחסידי ברסלב אין קרית יואל, פון די ערשטע בתי מדרשים אין שטאָט, וואו אַריבער דרייסיג יאָר האָט ער פאָרגעלערנט ספרי מוהר"ן מברסלב זי"ע ברבים און משמיע געווען דברי תורה וחסידות לעדת צאן מרעיתו. פון דעם איז נתפשט געוואָרן דרכו הקודש פון הרה"ק רבי נחמן זי"ע אינעם הייליגן שטעטל, וואָס רבים הולכים לאורו און שעפּן חיות, חיזוק און שמחה צו עבודת ה'.

שטייענדיג אצינד אין תקופה ווען דאָס לאַנד אוקראַינע איז איינגעהילט אין צינגען פון די מלחמה (אָדער ווי אַנדערע באַצייכענען עס אלס: ספּעציעלע מיליטערישע אָפּעראַציע...), איז העכסט מערקווערדיג און באַלערנד צו אראפצוברענגען א היסטארישע קאפיטל געשיכטע וויאַזוי הרה"צ רבי שמשון זצ"ל האָט מיט אַן אמת'ע מסירות נפש, אונטערן שאטן פון טויט, סוקסעספול באוויזן דורכצוברעכן אלע שוועריגקייטן און אונטער די סאוויעטישע 'אויגן' האט ער וואונדערליך באוויזן אנצוקומען פון 'טאהש' קאנאדע קיין 'אומאן' אוקריינע, זיך צו משתטח זיין אויפ'ן ציון פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע.

דאס איז געווען אין יענע 'אייזיגע צייטן' ווען אוקריינע איז געליגן אונטערדרוקט אונטערן יאך פון קאמיניזום האט מען טראץ די שווערע אומשטענדן זיך געלאזט אין וועג אריין צו זיין אויפן ציון הק' פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע מיט העכערע דביקות און אומבאשרייבליכע גבורה באגלייט מיט אפענע השגחה פרטית. ליינט אין האָט הנאה!

### אַ תשוקה וואָס ברעכט אַלע טויערן

אין היימישן קאַנאַדע שטייען צוויי חסידים, מיט א שטארקע באגער זיך צו משתטח זיין אויפ'ן ציון הקדוש פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע. עס קוקט אויס ווי אן אוממעגליכקייט, אבער מיט ציין און נעגל, קלאמערן זיך די צוויי געהויבענע חסידים - פעסטער ווי פעלז, הייסער ווי פייער, געווייקט מיט מתיקות. זיי האבן גענומען די שטארקייט און זיך געווארפן אין פיסק פון לייב כדי צו דערגרייכן דעם הייליגן ציון!

זינט הרה"צ רבי שמשון זצ"ל איז געווארן מקושר צום דרך הקדוש פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע, האט ער דורכגעאקערט די סודי סודות פון זיינע הייליגע רייד, און אזוי האט זיך געבויט אין אים א געוואלדיגע תשוקה, צו פארן צום ציון הקדוש אין אומאן און זאגן דארט תיקון הכללי, ווי דער צדיק האָט געבעטן און

פאַרשפּראָכן זיינע גרויסע הבטחות.

צוביסלעך איז די תשוקה געווארן א רצון, דאן א ציל, און דאן האט ער דאס גענומען פאר א תפקיד וואס ער האט דאס געשטעלט פאר א חוב עס אויסצופירן. א שטרעבן העכער ווי דעם שאטן פון טויט!

איי, עס איז קוים דא געלט אויף די נויטיגסטע? איי, עס איז יאר תשל"ג און אומאן, אוקריינע, איז פארריגלט אונטערן אייזערנעם מויער פון סאוויעט קאָמוניזם ?

אויף די ערשטע שאלה האט מען געקריגן א גרינגע לעזונג. די געטרייע אשת חיל - די צדיקת שינדל ע"ה - האט געשוויגן און צוגעקוקט ווי איר גרויסער מאַן, הרה"צ רבי שמשון זצ"ל, נעמט דעם בעכער, די חתן מנורה, די לייכטער, די אתרוג פישקע - און אלע זילבערווארג, ער פאַרקויפט דאָס מיט'ן בלויזן ציל זיך צו קענען משתטח זיין אויפן ציון הקדוש אין שטאט אומאן.

## שטרענגע רעגולאַציעס און שטייפע וואַך אויף יעדן ריר

רבי שמשון האט זיך פאראייניגט מיט א צווייטן איד, א ברלסבר'ער חסיד א תושב מאָנטריאַל, וועלכער האָט פאַרמאָגט די זעלבע אייניגע שאיפה. צוזאמען האבן זיי זיך באקענט און דורכגעטון די גאר אלטע, גאר אומהיימליכע רוסישע געזעצן. בכדי צו קענען אויסארבעטן די גענויע פלענער זיך צו דערווישן קיין אומאן אוקריינא.

די איינציגסטע וויזע וואס מען האט דאן געשאנקן פאר אן אמעריקאנער בירגער איז געווען א וויזע וואס האט געגעבן ערלויבעניש פארן באזוכער צו פארבלייבן אין רוסלאנד פאר 24 שעה בלויז. אן אומדערהערטע קורצע צייט אפשניט.

א באזונדערע דעקרעט האט געלויטעט אז בשעת דער רייזענדער מיטן אמעריקאנעם וויזע געפינט זיך אין רוסלאנד/אוקריינא, איז נישט ערלויבט ארויסצוגיין ביינאכט, און ווי אויך איז פארבאטן צו באזוכן פריוואטע רוסישע היימען אפילו בייטאג.

עס איז פאר דעם צוועק אויפגעשטעלט געווארן א גאנצע באַטאַליאָן פון געהיים אגענטן, כמו-האטעלן, און שפיאנען. יעדע באזוכער האט ערהאלטן א 'ווארימע' אויפנאמע אין א באשטימטן האטעל וואס איז געווארן צוגעשטעלט ספעציעל פאר די אויסלענדישע געסט. אויב האט מען זיך געוואלט טרעפן מיט איינעם האט יענער גענדארפט קומען צום האטעל און דארט אפהאלטן די באגעגעניש.

די 'לוקסוס האטעל' - פאר א גרויסע סומע וואס מוז באצאלט ווערן פאראויס - איז באוואכט פון מאסן רוסישע וועכטער. און האבן מיט א געניט אויג באאבאכט יעדן עובר ושב, און פארזיכערט אז די געסט שפירן זיך באקוועם און האבן הנאה פון די שיינקייט און גוטסקייט פון "מאמע רוסלאַנד".

פאר די 'זיכערהייט פון די באזוכער' האבן זיי זיך געמעגט דרייען בלויז אין עפענטליכע פאַרקס, און דאס אויך נאר אין די בייטאג שעה'ן. עס איז געווען גאר שטרענג קאנטראלירט אז א גאסט קען נישט רייזן איבער די שטעט, מיט א באַזונדער- ערנסטע פארבאט צו פארלאזן די שטאט קיעוו.

א גאנצע רייע פון שטראפן איז געווען באקאנט אויב מען כאפט א פארלעצער ברעכן אפילו בלויז איינע פון די געזעצן. סוף כל סוף איז דאָס דאך געמאכט געווארן מיט חסדים גלויים פארן וואוילזיין פון די באַזוכער... אויב ווערט דאס געבראכן שטעלט מען דאך דעם אייגענעם לעבן אין געפאר וואס דאס איז גאר א הארבע חטא ביי די קאָמוניסטן.

די שטאט קיעוו שטייט אין א ווייטקייט א וועג פון 4-3 שעה ביז אומאן. און כדי צו קענען ארויספארן פון קיעוו, האט זיך פארלאנגט א ספעציעלע וויזע וואס איז בלויז ארויסגעגעבן דורך די אמעריקאנע אמבאסאדע וואס געפינט זיך דארט אין שטאט.

אין אנדערע ווערטער, צו גרייכן דעם ציון בשעה טובה האט זיך פארלאנגט א גאר קאמפלעצירטע פראצעדור. מען האט צוערשט געמוזט לאנדן אין קיעוו, זיך איינשרייבן אינעם האטעל, פארלאנגען די וויזע פונעם אמעריקאנעם אמבאסאדע, האבן מזל דאס צו באקומען אויפ'ן ארט, און דערנאך רייזן קיין אומאן א וועג פון עטליכע שעה אהין און דערנאך צוריק. און דאס אלעס מוז ערלעדיגט און באשטעטיגט ווערן אין אן אומגלויבליכע צייט-אפשניט פון 24 שעה, און בלויז בייטאג, וויבאלד ביינאכט איז פארבאטן ארויסצוטרעטן פון האטעל.

(שפעטער איז נאך צוגעקומען א פרישע רינגעלע אין די קייט פון שוועריגקייטן, ווייל ביים לאנדן האבן זיי זיך געטראפן אין די 'הויפטשטאט' פון רוסלאַנד, מאסקאווע. א וועג פון עטליכע שעה ביז דעם צוגעשטעלטן האטעל אין 'קיעוו').

## די רייזע קיין מאָסקאָווע

די שאנסן זענען נידריג, די קאסטן זענען הויך. אבער רבי שמשון זצ"ל מיט זיין דביקות און שאיפה צו זיין אויפן ציון פון הרה"ק רבי נחמן זי"ע האט ריזיקירט און אונטערגענומען די רייזע.

ארויסגעפארן זענען זיי מיט 'קאנאדא עיר'. ווען זיי האבן דערגרייכט דעם לופטפעלד ארויס פון קאנאדע האבן זיי הערשט באגריפן ווי אומדערהערט, כמעט-קוריאז זייער רייזע איז. די טערמינאלן צו אנדערע לענדער האבן געווירבלט, בשעת די רייע קיין רוסלאנד איז געווען גענצליך


תושבי קרית יואל
שהשמחה במעונם
עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI
ברכת מזל טוב

להולדת הבנים
ר' יואל (בהרח"י) גאטליב הי"ו
ר' יושע הערש (ברמ"א) גליק הי"ו
ר' מרדכי דוב גרובער הי"ו
ר' שלמה גרינפעלד הי"ו
ר' משה יודא (ברש"ז) ווייס הי"ו
ר' מאיר יצחק אייזיק זילבערשטיין הי"ו
ר' זלמן לייב יאזשעף הי"ו
ר' יצחק משה יאקאבאוויטש הי"ו
ר' שלמה אברהם חיים כהן הי"ו
ר' יוסף מאיר כ"ץ הי"ו
ר' אלי' לאנדא הי"ו
ר' אהרן ניישטאדט הי"ו
ר' הערשל פעדער הי"ו
ר' אשר פערל הי"ו
ר' יואל אשר ראזענבערג הי"ו
ר' יקותיאל יודא שטיין הי"ו

ר' אהרן יוסף (ברי"ח) שפילמאן הי"ו
ר' משה (בריי"ש) שפירא הי"ו

להולדת הבנות
ר' ישראל ישעי' ווידער הי"ו
ר' יעקב (בר"י) כ"ץ הי"ו
ר' דוד סאמעט הי"ו
ר' ישראל מרדכי פריעדמאן הי"ו
ר' מרדכי (בהר"ש) פריעדמאן הי"ו
ר' שמעון יחזקאל קארפען הי"ו
ר' חיים הערש רובינשטיין הי"ו
ר' יואל משה שעהנברון הי"ו

להכנסת בניהם לעוה"מ
ר' נתן יודא העכט הי"ו
ר' אברהם אבא פנחס שפיטצער הי"ו

לנישואי צאצאיהם
ר' יואל (בר"מ) טירנויער הי"ו
ר' אליעזר יחזקאל ווייס הי"ו
ר' דוד שטוהל הי"ו
ר' דוד יצחק קליין הי"ו

לנישואיהם
ר' אלי' דוד טירנויער הי"ו
ר' חיים עוזיאל ווייס הי"ו
ר' אברהם חיים שטוהל הי"ו

לאירוסי צאצאיהם

| | | |
|---|---|---|
| ר' יואל (בר"ש) לעווי הי"ו, קרית יואל | לוי יצחק נ"י | ר' אברהם גאלדבערגער הי"ו, קרית יואל |
| ר' שאול יחזקאל בירנבוים הי"ו, קרית יואל | יהוסף נ"י | ר' יעקב חיים דייטש הי"ו, בארא פארק |
| ר' אלעזר (ב"ר ישכר) גרובער הי"ו, קרית יואל | מרדכי דוב נ"י | ר' יואל (ב"ר אלי') פלאהר הי"ו, אינדיאנע |
| ר' לוי יצחק ווייס הי"ו, וויליאמסבורג | חיים נ"י | ר' מרדכי הערש הויער הי"ו, קרית יואל |
| ר' יעקב טאבאק הי"ו, בארא פארק | שמואל צבי נ"י | ר' יואל (בהר"ד) גליק הי"ו, קרית יואל |
| ר' משה יקותיאל יאקאבאוויטש הי"ו, קרית יואל | יצחק ישעי' יעקב נ"י | ר' מיכאל פעקעטע הי"ו, קרית יואל |
| ר' יואל לעוו הי"ו, קרית יואל | אשר זעליג נ"י | ר' יצחק אייזיק פאוועל הי"ו, מאנסי |
| ר' מנחם זאב מארקאוויטש הי"ו, וויליאמסבורג | חיים יוסף נ"י | ר' יואל לוי ניימאן הי"ו, קרית יואל |
| ר' חיים מענדלאוויטש הי"ו, קרית יואל | יעקב נ"י | ר' חיים אהרן ווייס הי"ו, קרית יואל |
| ר' יחזקאל פערלמוטער הי"ו, קרית יואל | פנחס נ"י | ר' יצחק בער ראזענבערג הי"ו, קרית יואל |
| ר' חיים מענדל פרידריך הי"ו, וויליאמסבורג | פנחס אלימלך נ"י | ר' חיים יודא גליק הי"ו, קרית יואל |

חתונות • פדיון הבן • סעודת מצוה
תנאים • בר מצוה • שבע ברכות
אהערגעשטעלט!
עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI
STANDARD • PREMIUM • DELUXE
845-781-2288
פאר באשטעלונגען און פאר מער אינפארמאציע רופט היינט

לער.

אנקומענדיג אויף די כמעט ליידיגע פליגער האבן זיי באגעגענט די לאנגווייליגע אפיצירן - מיט טיפישע אייזיג- רוסישע שווייגעניש - וועלכע האבן נישט אראפגענומען זייער אויגן פון די צוויי אידן דורכאויס די רייזע.

פון דער מאמענט וואס דער פליגער האט אנגערירט רוסישע באדן, האט זיך אנגעהויבן די ציילונג פון די 24 שעה וואס זיי מעגן דארט פאַרברענגען.

אָבער פאר'ן ארויספליען, האבן זיי נישט אין אכט גענומען אז די לופטפעלד איז גאָר אין מאסקאווע, פון וואו זיי מוזן אַצינד רייזן א וועג פון פיר שעה צו זייער האטעל אין קיעוו. דאָס האט רעדוצירט 8 שעה פון זייער שוין אזוי אויך באגרעניצטע צייט.

תיכף ביים אראפטרעטן אויף דעם רוסישע באדן ווי נאר זיי זענען אראפגעשטיגן פון פליגער, האבן זיי איינגעזען אז אַ פלאָטע פון די סאָוויעטישע געהיימע אינטעלעגענץ סערוויס איז איינגעשפאנט אפצוהיטן די 2 אידישע שפיאנען פון צו ארגאניזירן א רעוואלוציע...

א רייע פון טונקעלע קעי. דזשי. בי. אויטאמאבילן האבן זיי שוין אפגעווארט, און מען האט זיי אריינגעפירט אין א ווארטענדע אויטאמאביל כדי מען זאל זיי בשלום צוטראגן צום האטעל.

ווען די סוויטע איז אנגעקומען צום אמעריקאנע 'לוקסוס-האטעל', איז שוין געווען חצות הלילה, און צוויי 'באדינער' האבן זיי באגלייט ביז'ן צימער.

## מען אַנטלויפט פון האָטעל אינמיטן דער נאַכט

אפגעמוטשעט, ערשעפט, פיזיש ווי גייסטיש. א שווערע רייזע, דיביינער דארפן אפרוה, די מח דארף עטוואס מנוחה פון די שווער אנגעצויגענע באגלייטונג. א מידער פאלט דער צווייטער איד אריין אין בעט, צו כאפן עטליכע שעה שלאף זיך אנצושעפן מיט כוחות פארן מארגנדיגן טאָג. אולי צו קענען זוכה זיין זיך משתטח זיין אויפן ציון אין 'ווייטן' אומאן. וועלכע האט אויסגעזען אזוי ווי ס'איז באמת געווען פשוט 'אוממעגליך'!

אבער ר' שמשון קען נישט שלאפן. געוואלד און געשריגן! אנגעקומען קיין קיעוו, און פארשפארט אין א רייכע האטעל אן קיין וועג ארויס! ער שפרייזט אין צימער אהין און צוריק, אנגעצויגן און פארצווייפלט. זיין הארץ און מח, זיין גאנצע וועזן פיבערט מיט וועגן און רעיונות ווי אזוי איבערצוקומען די אלע שוועריגקייטן און זיך ארויסזען פון די באקוועמע האטעל.

מיטאמאל קומט רבי שמשון זצ"ל צום החלטה אז גענוג איז גענוג. "מיר גייען **יעצט** קיין אומאן! די צייט לויפט אפ!"

זיין חבר ערוועקט זיך, ער בליקט אים איבער ווי אראפגעפאלן פון די לבנה.. אבער ער זעט אז רבי שמשון איז ערנסט אין זיינע ווערטער. "וואס זענען די אויסזיכטן יעצט צו דערגרייכן אומאן? א רינדיגע נול. די אויסזיכטן אז מען זאל אונז כאפן אין גאס ביינאכט איז כמעט א הונדערט פראצענט. מיר קענען נישט ריזיקירן מיט'ן לעבן!"





**דער ציון הק' אין יענע צייט**

אבער ר' שמשון האלט זיך פעסט. "זענען מיר געקומען צו שלאפן? אדער האסטו אינגאנצן פארגעסן פונעם 'לא לפחד כלל'? אוודאי איז עס א ריזיקאלישע שפיל, אבער דער עיקר איז זיך נישט צו פארכטן! איך בין נישט געקומען דא צו בטל'ן. איך האב א מיסיע, און איך בין גרייט איינצושטעלן. קומסט מיט מיר, איז גוט. איך גיי".

זעענדיג די שטארקע אנטשלאסנקייט, האט זיך דער שותף בארעכנט אז בלייבן אליין אין האטעל איין איד צווישן אזויפיל 'אויגן' איז אויך גאר אומאנגענעם. איז זיין חבר אים בלית ברירה נאכגעגאנגען.

שטיל, שטיל - אראפגעקלעטערט די שטיגן, אריין אין האטעל-לאבי, אלע טירן פארשלאסן און ביים פרובירן זיך ארויסצושלייכן דורך די אונטערשטע טיר באַמערקט מען אַז דאָס איז אויך פארשפארט.

ווארפנדיג זייערע בליקן ארום די לאבי, האבן זיי באמערקט א רוימער ביים ווינקל. זיי גייען צו, און מיט'ן האנט געוויזן אויפ'ן טיר, בעטנדיג ער זאל עפענען. דערביי האט ר' שמשון געמאכט פארשידענע תנועות צו צייגן אז עס איז אים שווער דאס אטעם און ער דארף צוקומען צו לופט. דער רוימער שפארט גלייך אויף די טיר - סתם אזוי, אן פרעגן, אן פראטעסטירן - לאזט ער זיי פריי. אַן ערשיינונג וואָס רבי שמשון זצ"ל פלעגט אלע יארן דערציילן אלס אן אָפענע נס!

## אויף די גאַסן פון קיעוו

פילע אידן האבן דורכאויס די קאָמוניסטישע תקופה פרובירט דורכצוברעכן א וועג, אבער גאר ווייניג האבן באַוויזן. אפילו רבי שמשון זצ"ל זעלבסט פלעגט דערציילן איבער א שפעטערדיגע נסיעה אין יאר תשל"ו וואס איז דורכגעפאלן.

אסאך פון יענע אידן דערציילן איבער די טונקעלע קארס וואס האבן זיי נאכגעלאקערט, און אנדערע וואס זענען שוין אפילו געווען אויפן וועג אבער זענען 'צייטליך' אפגעשטעלט געווארן דורך די 'געהיים אגענטן' וואס האבן פארמיטן דערמיט אן 'ערנסטע געפאר' פאר 'מאמע רוסלאנד'. אבער פילע האבן ניטאמאל געהאט די געלעגנהייט צו זיין אויפן וועג, נאר זענען געבליבן פארשפארט אינעם האטעל וואס איז געווען ספעציעל צוגעשטעלט פאר אויסלענדישע געסט מיט אויסטערלישע שוץ, אונטער שלאס און ריגל דורכאויס די נאכט שטונדען.

אצינד שטייען צוויי אידן, פארנט פון דער האטעל געביידע אין דער פארנומענער שטאט קיעוו. די ערשטע מניעה איבערגעקומען... און מען מאכט א טריט נאך א טריט. עס איז נישטא קיין צייט, אבער אויך נישט קיין פלאן...

רבי שמשון זצ"ל פלעגט אראפלייגן די אפענע ניסים ווען ער איז געשטאנען אזוי אויפן גאס, ער האט געזען אויף אלע זייטן פאליציי, אבער היכו בסנורים. קיינער האט אים נישט באמערקט און קיינער נישט געגעבן קיין אויפמערקזאמקייט צו די צוויי פרעמדע געסט פארנט פון האטעל.

די רוסישע פרעסט האקט זיי אין פנים און שאקלט ארויס דעם אטעם, אבער דאס האבן זיי ניטאמאל געשפירט. יעצט מוז מען זיך פלינק דערווייטערן פונעם האטעל וואס איז פארשוועמט פון פארנט מיט רוסישע וועלף. איין אויג זאל זיי דערזען, און זיי זענען אונטער די גראטעס.

שפאצירן זיי אויף די קיעווע גאסן, 2:00 פארטאגס, 4 שעה ווייט פון אומאן, און האקן זיך ארויס סיי וועלכע פארצווייפלטע געפילן. זיי חזר'ן זיך מיט תמימות "אין שום יאוש בעולם"...

אויף אַ דערנעבענדיגע גאס האבן זיי געזען א רייע טעקסיס שטייען און ווארטן. מען האט געקלאפט פון איין פענסטער צום צווייטן. אבער איינער נאָכן אַנדערן האָבן מיט פארדאכט אפגעזאגט צו מכניס אורח זיין די אורחים. קיינער זוכט זיך נישט קיין איבריגע צרות. אנדערע דרייווער האבן געגעבן די אויסרייד אז זיי ווייסן נישט וואו ס'איז אומאן.. דאס איז געווען בעפאר די דזשי. פי. עס. עפאכע ווען אזא תירוץ האט געארבעט...

אזוי שטייען זיי פארלוירן ווען פלוצלינג א קאר דערנענטערט זיך פון עק גאס. נישט טראכטנדיג קיין צוויי, ווייזן זיי פאר'ן דרייווער זיך אפצושטעלן. זיי האבן גוט פארשטאנען אז דאס קען זיין א קעי. דזשי. בי. אפיציר וואס קאנטראלירט די גאסן און קען זיי גלייך איבערגעבן.

א הויכע, שלאנקער דרייווער שטעלט זיך אפ.

"טעקסי?" פרובירט ר' שמשון. "קיין אומאן?".. מען האט זיך קוים פארשטאנען, מען האט פרובירט רעדן צום דרייווער מיט די בעסטע רמזים, אבער ער האט נישט געכאפט וואס מען רעדט.

ר' שמשון נעמט אַרויס $500 אַמעריקאַנער דאלער און פּאָכעט דערמיט פאַר'ן דרייווער, הערשט דאן האט יענער געכאפט דעם 'רמז'.. דער שגץ'ס פינגערס האבן זיך גענומען ציטערן פון גליסטעניש און שרעק, זיינע אויגן זענען געשפרינגען פון גליק.

## די געפּאַרפולע רייזע קיין אומאַן

זיי זעצן זיך אריין אין קאר און נעמען זיך פארן אין די גאסן. זיי האבן קלאר געוואוסט אז זייער לעבן הענגט. דער גוי קען זיי גאר גרינג פאררעטן - ער קען זיי פירן צום פאליציי-סטאנציע, אדער אין סיי וועלכע פארלאזטע ווינקל און רויבן זייער געלט. נאך עטליכע מינוט זיך דרייען, פירט ער זיי אריין אין א שטארק באלאכטענע גאז-סטאנציע, וואו עס געפינען זיך פיל מענטשן. ער טאנצט ארויס פון קאר, איבערלאזנדיג די צוויי טויט-דערשראקענע אידן, קוים וואס זיי דערהאלטן זיך פון אימה.

גלייך האבן זיי זיך אראפגעווארפן אויפ'ן ערד פון קאר כדי קיינער זאל זיי נישט באמערקן. מיט ליפן ווייס ווי קאלעך, מיט א פחד נורא וואס צונעמט ממש די הויט, האבן זיי זיך צוגעהערט צו די פראסטע געלעכטערס און שמועסן פון די רוסן אינדרויסן. זיי האבן נישט אפילו קיין ספק געהאט אז דער דרייווער פאר'מסר'ט זיי, און אט אט זענען זיי פארפאלן.

נאך א האלבע שעה פון ווארטעניש, זעצט זיך דער דרייווער צוריק אריין און פארלאנגט די גאנצע סומע געלט איידער ער פארט סיי וואו.

מען האט קודם פרובירט דאס אפצושטופן מיט א פארשפרעכונג אז ביים אנקומען וועט מען צאלן, אבער דער דרייווער האט זיך גע'עקשנ'ט און בלית ברירה האבן זיי איבערגעגעבן די געלט, וויסנדיג אז צופיל ברירות פארמאגן זיי נישט - זיי זענען גענצליך אנגעוויזן אויפ'ן דרייווער'ס רחמנות.

ר' שמשון ווייזט אן אויף זיין פארגעלטע צעטעלע די גענויע אדרעס, און מען לאזט זיך ארויס אויף די פאר'חושכ'טע גאסן אויסער'ן שטאט. אצינד זענען זיי באגאנגען א דאפלטע פארברעכן - סיי זיי דרייען זיך אין גאס ביינאכט, און סיי זיי זענען ארויסגעפארן פון קיעוו.

אזוי פארט רבי שמשון מיט דעם אַנדערן איד אין וויסטעניש פון נאכט, ווען מיט יעדע שארך טאנצט דאס הארץ אויף. שטילע תפילות ווערן געמורמלט דורכאויס די גאנצע וועג.



מיט ידידו ורעו יבלחט"א הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, צום גדלי' תשע"ט אין אומאן

## דערגרייכט דעם הייליגן ווינקל!

דער דרייווער - א קנאפער ידען - האט א לאנגע צייט ארומגעבלאנדזשעט אין וועלדער אין וויסטע געגענטער, מיט יעדע שארפע דריי אויף די אלטע שטיינערנע וועגן ווארפן זיך אלע גלידער. און נאך א דערשראקענע רייזע פון עטליכע שטונדן וואס האט זיי שרעקליך אויסגעמאטערט, זענען זיי אריינגעפארן אין אומאן, מיט דערשראקענע פרייד באטראכטן זיי ווי די קאר איז אריינגעפארן אין די בלינצקי גאס וואו דער ציון הק' געפינט זיך.

עס איז שוין דאן געווען פארטאגס. עס איז בלויז א פראגע פון צייט ביז די שטאט וועט זיך דערוועקן און זעהן אז 2 פרעמדע 'אמעריקאנער' געפינען זיך דארט. עס איז געבליבן בלויז געציילטע מינוטן צו גיין צום ציון, מתפלל זיין, און זיך צוריקקערן צום קאר וואס זאל זיי פירן צוריק צום האטעל אין שטאט קיעוו.

רבי שמשון מיט זיין חבר שפרייזן מיט איילעניש אבער אַצינד איז אונטערגעקומען די שווערסטע חלק. מען האָט געדאַרפט אָנטרעפן דעם גענויען אָרט פון דעם אדמת קודש וואס איז געווען באוואקסן מיט ביידעלעך און הייזקעס.

מיט אלע חושים פרובירן זיי צו אנטדעקן דעם ציון, דורכהאקנדיג הויכע גראזן און ווילדע דערנער. וועגן וואס שטייט וויסט און פוסט, דרכי ציו"ן אבילות. דער הייליגער קבר פוסטעוועט אין זיצט אין שטילקייט אונטער די שאטן פון קאָמוניזם וואס ארבעט העפטיג צו פארמעקן יעדן שם ושארית.

אט, אט, און זיי זעען שוין דעם קבר. אבער פלוצלינג שטויסן זיי זיך אן אין א הויכע צוים וואס פארשטעלט דעם וועג. זיי בליקן ארום מיט שרעק, זוכנדיג אן ארייננגאנג, אן עפענונג, אבער דער צוים ציהט זיך ווייט אריין אין אנדערע שטחים פון שכינות'דיגע הייזער. פאר א מינוט'קעלע וויל זיך אריינטראסקענען אין א צווייפל, אבער - אין שום יאוש בעולם! איי, וואס וועט זיין מיט'ן הויכן צוים? מען גארטלט זיך אן די לעצטע כוחות און מ'שפרינגט אריבער!

א טאנץ אריבער, און דאס איז עס.

אט שטייען זיי פאר'ן קלימאקס פון זייער מסירת נפש נסיעה.

צוויי אידן אין די ווילד-פרעמדע וויסטעניש פונעם סאָוויעטישן פארבאנד, אין א פרעמד כפירה'דיג לאנד, ווייט פון משפחה, אן קיין וויזע, ווען עס דראעט אויף זיי געפארפולע שטראפן, אבער נאנט צום הארץ, נאנט צום צדיק, נעמען זיי ארויס דעם צוגעגרייטן תיקון הכללי פונעם בוזעם מיט א התעוררות.

מיט א ווארימע פלאם, אין די קאלטע טונקעלע פארטאגס, מיט הייסע טרערן פון התרגשות דקדושה זאגט מען דארט קאפיטל נאך קאפיטל. דאס הארץ קלאפט אויף א שנעלן ריטעם פון פרייד און שרעק געמישט. א הימלישע "תיקון הכללי" וואס מאכט דער נפש שפרינגען. מנופת צוף וכל טעם...

נו, תיקון הכללי מיט א הויכע קול אין די פארטאגס שעות, אין הארץ פון די באזארגטע מאמע רוסלאנד, האט אוודאי דערוועקט דעם רוס פון אַ דערנעבנדיגע כאטקע. אט באווייזן זיך זיינע אויגן, אויגן וואס ווארפן רציחה און מערדערליכע רשעות מיט יעדע ווינק.

"פאליציי! איך רוף פאליציי!" שרייט ער. וואס דארף א רוס אין אזא סיטואציע? אוודאי - געלט. מען רעדט 'רוסיש' מען ווארפט צו צום הינט א צענער און מען ווערט ווידער פארקאכט אין די הייליגע קאַפּיטלעך. אבער ווען דער ערל איז ווידעראמאל געקומען שרייען וועגן די פאליציי - דאס מאל מיט אן ערנסטקייט - 10 מינוט דערויף, האבן זיי איינגעזען אז דא צו פארבלייבן איז א שפיל מיט'ן לעבן.

מיט א לעצטע אטעם פון געבעט, א בליק פון ליבשאפט, און זיי זעצן זיך צוריק אריין אין קאר וואס פירט זיי קיין קיעוו.

## אויספּאָרשונגען אין קיעוו

אצינד איז שוין לעכטיג אינדרויסן. מיט געבויגענע קעפ, און פלאטערדיגע הערצער, זיצט מען איינגעקריטשעט אין דרייען אויף די אונטערשטע זיצן. הערשט נאך אן אויסמאטערנדע רייזע פון עטליכע שעה לאזט דער דרייווער וויסן מיט אלע מעגליכע מיטלען אז מען האט געגרייכט קיעוו.

אויס מורא פאר די רוסישע אויטאָריטעטן וואס וועלן אים פארהאלטן פאר זיין אומלעגאלע אקט, האט דער דרייווער זיך אפגעשטעלט עטליכע גאסן אוועק פון דעם האטעל. און די צוויי אידן מיט נישט ווייניג פחד מאכן זיי דעם וועג אויף די

הויפט גאסן צום ריכטונג פונעם רייכן האטעל.

ואת אשר יגורנו... ווי נאר זיי שפאצירן אריין אינעם האטעל ווערן זיי באפאלן דורך אומצאליגע, אנגעצויגענע רוסישע וועכטער. "וואו זענט איר פארשוואונדן געווארן? מיר זוכן אייך שוין ארום א גאנצע נאכט!"

די צוויי 'אויסגע'פועל'ט'ע' אידן, ווערן אצינד געשלעפט צום האטעל'ס אפיס וואס איז לצורך השעה פארוואנדלט געווארן אין אן אויספארשונג צימער, דארט האט מען זיי אויסגעפרעגט איבער יעדע דעטאל פון די פארלאפענע שעות.

זיי האבן דערציילט דעם גאנצן אמת - אז זיי זענען געפארן קיין אומאן צו א רבי'ן'ס קבר - אבער די רוסן האבן נישט געגלייבט קיין ווארט. זיי האבן נישט געוואלט הערן קיין באבע מעשיות - זיי האבן געוואלט הערן וועגן זייערע אמת'ע שפיאנאזש אקטיוויטעטן און סאָבאַטאַזש אקציעס.

גאר א שטארקע געוויכט האָבן זיי געלייגט דורכאויס די אויספארשונגען צו דערגיין ווער עס האט זיי געדרייווט אהין, ווייל ארויסצוהעלפן אמעריקאנע אנטי-קאָמוניסטן איז א הארבע פאַרלעצונג. אבער איבער דעם היניכט האט מען זיי געפיטערט מיט פאלשע אינפארמאציע - אַלס הכרת הטוב צום דרייווער. זיי האָבן פאַרציילט פארפירערישע אינפארמאציע אז דער דרייווער איז געווען א קליינע נידריגער, ווען אין פאקט ער איז געווען א שלאנקע הויכער..

ביים הערן די פרייז וואס יענער האט באקומען האט זיך די אויגן פון די אויספארשטער גרויס געעפענט. ס'האט הפנים אויסגעזען פון זייער געזיכט שטריכן א שטארקע חרטה געפיל אז זיי שטופן די וואגן פון מאמע רוסלאנד אנשטאט א וואגן מיט פּאַסאַזשירן קיין אומאן... זיי האבן געזאגט אז מיט אזא סכום קען דער דרייווער זיך אויסלעבן א גאנצע יאר בהרחבה!

## באַפרייט!

אין לויף פון די אויספארשונגען ווען מען האט זיי געלאזט ווארטן א לענגערע צייט אליינס אינעם צימער האט הרה"צ רבי שמשון זצ"ל געזאגט קאפיטלעך תהלים און מתפלל געווען פאר א ישועה. אינמיטן זאגן די קאפיטלעך האט ער באמערקט די ערשיינונג פון אן אפיציר וואס איז אריינגעקומען אין צימער און תיכף אַרויס. דערביי האָט יענער פארשטעקט ערגעץ אין צימער א 'טעיפ-רעקארדער' אפצוכאפן די געהיימע ווערטער וואס דער פאַרדעכטיגער שפּיאָן זאגט ארויס פון מויל... און דערנאך פרובירן ברעכן די 'קאודס'... וואס ליגט נאך ווארשיינליך עד היום אין איינס פון די 'מאסקאווע' קעלערן, ווי מען קען הערן די תהלים זאגן מיט השתפכות הנפש אין יענע שווערע מינוטען.

ר' שמשון און זיין חבר האבן זיך אויסגע'משל'ט דעם ערגסטן - לעבנסלענגליכע טורמע, סיביר און לאנגע שעה'ן אויספארשונגען. אבער די רוסן האבן זיי קורץ געמאלדן אז פון דא האבן זיי בלויז איין וועג, 'ארויס פון לאנד'. צוליב זייער פארדעכטיגטע אקטיוויטעטן האבן זיי פארלוירן אלע זייערע רעכטן צו פארבלייבן דא אפילו פאר א קורצע צייט.

זיי האבן געשווינד געכאפט זייער געפעק און א טונקעלע ווארטענדע קאר האט זיי געפירט גלייך צום לופטפעלד, פון וואו זיי האבן בשלום דערגרייכן אהיים.

רבי שמשון האָט זיין ציל דערגרייכט. ער האָט זוכה געווען צו שטילן דעם טיפן רגש פון זיין דערהויבענע נשמה, ער האָט זוכה געווען זיך צו אויסגיסן דאָס האַרץ און זאָגן די צען קאַפּיטלעך תהלים אויף דעם הייליגן ציון אין דעם ווייטן אומאַן, ווייט געאָגראַפיש און טעכניש.

מיט גרויסע ניסים זענען די צוויי אידן ארויס פון הינטער די נעגל פונעם רוסישן בער מיט ניטאמאל א קריץ. בלויז זייערע נעמען זענען פאראייביגט געווארן אויף די 'שווארצע ליסטע' אלס געפערפולע שפיאנען וואס זענען פארבאטן נאכאמאל צו באזוכן דאס לאַנד... דאס האט אנגעהאלטן ביז ווען די סאָוויעטישער פאַרבאַנד איז ב"ה געפאלן און די טויערן פון די לענדער האָבן זיך צוריקגעעפענט.

מיט אַסאַך יאָרן שפּעטער, נאך וואָס די אייזערנער פארהאנג איז געפאלן און די נסיעות קיין אומאַן אויף ראש השנה האָבן זיך באַנייט, האָט הרה"צ רבי שמשון זצ"ל זוכה געווען צו מייסד זיין בית מדרשו, סמוך ונראה צום ציון המצוינת קודש קדשים פון הרה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע, אויף די טעג אַרום ראש השנה.

זייענדיג אַ תלמיד מובהק פון מרן רביה"ק זי"ע און געטריי לשיטתו הקדושה והבהירה, האָט הרה"צ ר' שמשון זצ"ל געוואָלט דאַווענען ראש השנה נאָר מיט אַזעלכע אידן וואָס זענען אויסגעהאַלטן בהשקפה ובדעה הטהורה, אָפּגעשיידט און מנוזר פון יעדע סאָרט התחברות צו מינים ואפיקורסים רח"ל.

דערפאַר האָט ער מיט גרויס אָנשטרענגונג מייסד געווען אַ ווינקל פאַר תורה ותפלה און אַ מקוה טהרה, אַלעס "על טהרת הקודש" אין פולן זין פון וואָרט, ריין אָפּגעטיילט פון אַלע כיתות שונות ומשונות למיניהם. וואָס רופט ביז'ן היינטיגן טאָג אויס אַ גרויסער קידוש השם, ווען יעדער ווייסט אַז דער אָרט איז אַ מקום קדוש, וואָס פירט זיך בדרך אבותינו ורבותינו הק' ווי עס איז מבואר בספרי רבינו הק' זי"ע.

דאָס התייסדות פון דעם מנין אין אומאַן, איז אים אָנגעקומען מיט מסירת נפש ממש. ביז דעמאָלט איז נאָר געווען איין גרויסער מנין וואו יעדער האָט געדאַוונט אינאיינעם, אָבער רבי שמשון זצ"ל האָט זיך נישט געקימערט מיט אַלע שוועריגקייטן און האָט דערמיט אויסגעטרעטן דעם וועג אין שיטת התבדלות אין שטאט אומאן אוקריינע.

כל ימי חייו האָט הרה"צ ר' שמשון זצ"ל ווירקליך גענאָסן פון אַ געוואַלדיגע הערכה ביי אַלע פריערדיגע זקני משפיעי ברסלב מדור הקודם, וועלכע האָבן אין אים געזען דער אמת'ער דמות פון אַן איש צדיק משכמו ולמעלה. איבערהויפּט האָט ער אָנגעהאַלטן גאָר אַ וואונדערליכע קשר ידידות מיט יבלחט"א הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א פאַר וועמען הרה"צ זצ"ל פלעגט שיקן געלט אין די ערשטע יאָרן ]שנות תש"ל[ להעמיד בית צדיקים, און אין לויף פון אַלע יאָרן איז געווען נפשו קשורה בנפשו מיט אַן אהבה שאינה תלויה בדבר עד זיבולא בתרייתא.

**יהא זכרו ברוך וזכר צדיק לברכה!**






# די תפיסה ווענט פאַרציילן...

#4

די שרעקליכע לעבנס געפאַר אין תפיסה טאָג טעגליך

## באַפרייט פון אַ 845 יאָר אורטייל, היפלא מה' דבר?

מיר הערן ווייטער די רירנדע ערשטהאַנטיגע שילדערונגען דורך הרה"צ רבי אברהם יהושע פריינד שליט"א מנאסוד פון זיינע באַזוכן ביי האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינא וועבערמאַן שליט"א

### דער באַזוך נאָך די באַפרייאונג פון הר"ר שלום ווייס הי"ו

פאַראַיאָר אָנהויב ווינטער, האָט גאַנץ כלל ישראל זיך מיטגעפריידט מיט די בשורה טובה אַז הר"ר שלום ווייס הי"ו איז געוואָרן באַפרייט פון טורמע קעגן אַלע אויסזיכטן. איך בין דעמאָלט געווען ביי איינע פון מיינע באַזוכן ביי הר"ר נחמי' שליט"א, און ס'איז געווען ממש אַ בחינה פון "ויחד יתרו". פון איין זייט האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיגע שמחה אַז מ'זעט די חסדי השי"ת, וויאַזוי ר' שלום איז באַפרייט געוואָרן פון איין מינוט צו דער אַנדערער, וואָס דאָס גיט אַ געוואַלדיגע האָפענונג אַז השי"ת קען אים אויך העלפן שלא כדרך הטבע. אָבער פון דער אַנדערער זייט איז הר"ר נחמי' שליט"א דאָך געווען אַביסל צעבראָכן, נאָך אַלעם געט עס אַ קיצל ווען אַנדערע אידן גייען אַרויס און ער פאַרבלייבט שמאַכטן צווישן די טורמע גראַטעס.

מיר האָבן דעמאָלט אַרומגערעדט איבער די אַנטוויקלונגען האָט מיך ר' נחמי' געפרעגט: "דו גייסט דאָך שוין צוויי יאָר צו ר' שלום ווייס באַזוכן אין טורמע, זאָג מיך עפּעס וואָס קען מיר אויך מחזק זיין".

### די לענגסטע טורמע אורטייל אין די היסטאָריע

האָב איך אים פאַרציילט וואָס ר' שלום ווייס האָט מיר געזאָגט:

ר' שלום האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט'ן געזעץ מיט שווערע מיליאָנען דאָלער. ווען ס'איז געקומען זיין קאָורט האָט ער באַצאָלט דאָס גאַנצע געלט אויפ'ן פלאַץ, מען האָט אים נאר געוואָלט פאַראורטיילן בלויז פאר די פאַרברעך פון טון אַזאַ זאַך, אָבער דאָס געלט איז שוין געווען באַצאָלט. דאָס באַדייט אַז ס'איז אים געקומען אַ קליינע עונש פון עטליכע יאָר תפיסה.

למעשה איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און מען האָט אים צוריקגעברענגט. אַצינד, טראָצדעם וואָס געווענליך באַקומט מען פאר אַזאַ פאַרלעצונג בלויז 4-5 יאָר טורמע, אָבער פאר גרויס כעס האָט דער ריכטער אים פאַראורטיילט פאר845 יאָר! וואָס איז די סאַמע לענגסטע "סענטענס" פאר אַ ווייט - קאָלער קריים אין די היסטאָריע פון די פאַראייניגטע שטאַטן!

שוין אָפּגערעדט פון דעם אַז אין אייראָפּע איז נישטאָ אַזאַ זאַך. ווען איינער גנב'ט איז דאָס געזעץ אַז ער דאַרף באַצאָלן און מען שפּארט אים נישט איין, בלויז פאר קרימינאַלע קלאַגעס גייט מען אין תפיסה, אָבער צוליב געלט זיצט מען נישט קיין צענדליגער יאָרן. דאָ אין אַמעריקע פאַראורטיילט מען ליידער יאָ לאַנגע יאָרן פאר אַזעלכע זאַכן, אָבער אַזאַ נומער ווי 845 יאָר איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער געשיכטע.

### צוואַנציג מיליאָן דאָלער אָן קיין רעזולטאַטן

ווען איך בין געווען ביי ר' שלום איז דאָס שוין געווען נאָכדעם וואָס ער איז געזיצן זיבעצן יאָר, פאר קיין שום איד נישט געדאַכט, ה"י. האָט ער מיך דעמאָלט געזאָגט:

"איך האָב שוין געשפּענדעט אַריבער 20 מיליאָן דאָלער פאר אַדוואָקאַטן במשך די לעצטע 17 יאָר אָבער מען טאַפּט אַ וואַנט. האָב איך זיך געמאַכט דעם חשבון, דאָס אַז מען האָט מיך איינגעשפּארט פאר 845 יאָר איז דאָך חוץ לדרך הטבע. דאָס אַז מען זאָל אויסגעבן 20 מיליאָן דאָלער און גאָרנישט אויפטון איז אויך חוץ לדרך הטבע".

ר' שלום זאָגט מיר ווייטער:

"נאַסוידער רב, דו מיינסט אַז איך האב געהאט קליינע לויערס וואס הייבן יעצט אָן זייער קאַריערע? מיינע אַדוואָקאַטן זענען געווען די מערסט פּראָפעסיאָנאַלע לאַנגיעריגע מומחים, מיר האָבן אינוועסטירט אין די גרעסטע לאָביעסטן, די נאָנטסטע מענטשן צו מאַכטפולע סענאַטאָרן און קאָנגרעסלייט. מיר האָבן אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די גרעסטע שישקעס אין אַלע אָפּטיילונגען פון דעם אַמעריקאַנעם יוסטיץ סיסטעם, דאָס האָט אָפּגעקאָסט 20 מיליאָן דאָלער, אָבער גאָרנישט האָט זיך נישט גערוקט".

דעמאָלט ווען איך פלעג גיין באַזוכן ר' שלום האָט עס אויסגעקוקט אַז דאָס איז עס, ער וועט שוין נישט בדרך הטבע אַרויסקומען פון תפיסה. די איינציגסטע זאַך וואָס האָט אים אויפגעלעבט איז געווען ווען אידן זענען אים געקומען באַזוכן. מען האָט געדאַוונט דאָרט יעדע שטיקל צייט. מען האָט געמאַכט עטליכע מאָל אין יאָר קומזיצן, זיי האָבן געהאַט אַ מקוה דאָרט, דאָס האָט אים מחזק געווען און מחי' געווען, בפרט אַז ער האָט געהערט אַז מען איז אים מזכיר שטענדיג ביי די שיעורים. און ער פלעגט מיר שטענדיג זאָגן: "נאַסוידער רב, איך בין זיכער אַז נאר מיט די תפלות פון אידישע קינדער קען איך געהאָלפן ווערן".




עסקנים פון 'אור בחושך' אויפן שטח ביהמ"ד בית כהנא ארויסשיקענדיג פעקלעך פאר אחינו בני ישראל הנתונים בשבי' דורך א ספעציעלע מעסענזשער סערוויס וואס קומט אן אינעם זעלבן טאג, אנשטאט FedEx אדער Ups וואס דאס ווארטן אויפן פעקל עטליכע טעג פארשווערט זייער שטארק און די עסן באקומט א נישט פרישן טעם

שפּעט נאָכמיטאָג און מען הערט גאָרנישט. די זעלבע אין די אָוונט שעות, אין קול ואין קשב, האַלב צוועלעף ביינאַכט האָב איך שוין נישט געהאַט קיין כח, בין איך געגאַנגען שלאָפן.

ווען כ'בין אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס האָב איך געהערט די פריידיגע בשורה אַז מען האָט אים ענדליך באַפרייט אין דער לעצטער מינוט ממש.

וואָס האָט פּאַסירט?

ר' שלום איז אַראָפּגעפאַלן פון די ליסטע. די שטאַב וואָס האָט געאַרבעט פאַר אים איז דאָס געוואויר געוואָרן יענעם פאַרמיטאָג, און זיי האָבן געמיינט אַז זיי חלש'ן... אַרויפגיין אויף דער ליסטע איז נישט איינפאַך נעמען נאָך אַ צעטל און ארויפשרייבן דעם נאָמען... מען מוז נאָכאַמאָל דורכגיין אַלע פּראָצעדורן, וואָס געדויערט אַסאַך צייט, און דאָ ברענט די צייט ווייל טראָמפּ האָט געקענט געבן זיין "קאמיוט" בלויז ביז 12:01 כחצות הלילה!

השי"ת האָט אָבער געהאָלפן חוץ לדרך הטבע, מען האָט צוריק מסדר געווען אַלע פּאַפּירן און איין מינוט בעפאָר 12 אַזייגער האָט טראָמפּ אונטערגעשריבן דאָס צעטל אים צו באַפרייען!.

## מיר געבן נישט קיין עצות פאַר'ן רבוש"ע!

האָב איך דעמאָלט געזאָגט פאַר הר"ר נחמי' שליט"א:

"לאמיר דאס גוט פאַרשטיין: אַז מען האָט איינגעזעצט ר' שלום ווייס פאר845 יאָר, דאָס איז חוץ לדרך הטבע; אַז מען האָט געאַרבעט 17 יאָר און אויסגעגעבן 20 מיליאָן דאָלער אָן קיין רעזולטאַטן, דאָס איז חוץ לדרך הטבע; אַז ער איז שוין געווען אויפ'ן צעטל און מען האָט אים אַראָפּגענומען, דאָס איז חוץ לדרך הטבע; אַז מען זאָל אים אַזוי שנעל צוריקלייגן און באַפרייען אַ מינוט פאר צוועלף אַזייגער איז אויך חוץ לדרך הטבע...

"נו, אויב אזוי, ר' נחמי' טייערער, האָבן מיר נישט וואָס צו געבן קיין עצות פאַר'ן רבוש"ע. מיר ווייסן נישט וויאַזוי ער וועט העלפן און וואָס פאַראַ אופן די ישועה וועט אָנקומען בקרוב!"

די ווערטער האָבן טאַקע זייער מחי' געווען הר"ר נחמי' שליט"א, ער האָט מיר געזאָגט:

"לאָמיר טאַקע נישט געבן קיין עצות פארן רבש"ע, ער קען זיכער העלפן חוץ לדרך הטבע אַז כ'זאָל נישט דאַרפן נאָך זיצן אזוי לאנג ח"ו, בעט איך דיר נאסוידער רב, דערמאַן דעם עולם, זיי מעורר אידישע קינדער, אַז מען זאָל פאר מיר מתפלל זיין!"

"אז מען וועט פאר מיר מתפלל זיין אן אויפהער בין איך ברור כשמש, ואע"פ שיתמהמה אחכה לו בכל יום, יעדן טאָג, יעדע רגע פונעם טאג, אַז מיין פּריוואַטע ישועה קען אָנקומען מן השמים, ווען עס וועט בעז"ה קומען די ריכטיגע מינוט וועל איך אַרויסגיין אן וואַרטן קיין איבריגע רגע!, והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים."

## דער כח פון אידישע תפלות

און אַזוי איז טאַקע געווען! פּלוצים האָט אָנגעהויבן אַרבעטן די אַלע "קאָנעקשאָנס" וואָס מען האָט אינוועסטירט. מען האָט באַוויזן צו באַאיינפלוסן דעם געוועזענעם פּרעזידענט טראָמפּ צו "קאמיוטן" ר' שלום.

למעשה האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די ליסטע פיר אידן. אָבער דאַן האָט מען מייעץ געווען טראָמפּ אַז צו באַפרייען פיר אידן אויף אַמאָל וועט נישט מאַכן קיין גוטן איינפלוס. האָט ער צוערשט געפּאַרדענט די אַנדערע צוויי און ר' שלום איז אַראָפּגעפאַלן.

פּאָרט האָט ער נאָך געהאַט האָפענונג ביז דעם לעצטן טאָג פון די טראָמפּ קאדענציע. יענעם טאָג האָט מיך ר' שלום אָנגערופן עלעוו אַזייגער פאַרמיטאָג אַז איך זאָל מיך אָנגרייטן אַ דרשה פאר די וואלענטירן וועלכע גייען כסדר באַזוכן די תפיסות ווייל אין עטליכע מינוט אַרום וועט ער בעז"ה זיין באַפרייט.

דער זייגער רוקט זיך אָבער, עס גייט דורך נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה, מען האַלט שוין



## לאזט אייך הערן!

מען קען זיך פארבינדן מיט רבי נחמי' דורך אימעיל. מען קען זיך שרייבן מיט אים וויפיל מען וויל. ענגליש און אויך אידיש.

עס ארבעט אז מען דארף זיך צוערשט אויפסייענען אויף די jpay זייטל וואס מען סיינט זיך אריין. און דארט שרייבט מען אריין צו וועם מען וויל שיקן.

**Mr. Nachemya Weberman 13A0438**

עס קאסט א סטעמפּ. מען קען דארט אויפן סייט קויפן א סטעמפּ, איינס ווען מען שיקט ארויס א אימעיל צו אים, און איינס קויפט מען פאר אים ער זאל קענען צוריקשרייבן. די קאסט גייט 2 דאלאר פער 10 בריוון. דאס מיינט אז מען קען פאר 2 דאלאר האבן 5 בריוו אויסטוישן אהין און צוריק.

אלעמאל ביים שיקן גייט מען ארויף אויף דזשי. פעי. וועב זייטל ווי אויבן געשריבן און דארט קען מען שיקן בריוון. יעדע בריוו איז דא א מעגליכקייט צוצולייגן א בילד, צומאל שיק איך אריין פאטא קאפיע פון א ספר וכדומה. סאיז זייער וויכטיג צו וויסן, אז יעדע אימעיל געדויערט ארום 7 ביז 8 טעג ביז ווען רבי נחמי' באקומט עס! זיי קוקן עס איבער בעפאר א.ד.ג. און פון ווען ער שיקט צוריק קען עס אויך נעמען ביז 7 8 טעג ביז סקומט צוריק זיין בריוו.

דער אדרעס צו שיקן בריוו דורך פאסט איז:

**Mr. Nechemya Weberman DIN 13A0438**
**Shawangunk Correctional Facility**
**200 Quick Rd. Wallkill, NY 12589**

# נייע צענטראלע גרעסטער ביהמ"ד אין שכונת ויואל משה ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דקיט"ל



פלאמבינג איינגעריכטעט



לעכטיגער היכל המפואר אינעם נייעם צענטראלן ביהמ"ד אין שכונת ויואל משה וועלכע ווערט באנייעט דעם שב"ק



גרויסער עזרת נשים און היכלי התפלה לימות החול פאר תושבי השכונה



לופטיגע קארידאר וועלכע פירט צו די חדרי התפלה אין ביהמ"ד החדש 'בית יקותיאל' גרעסטע צענטער אין געגענט



שטיגן ווערט פארענדיגט אינעם גרויסן בור הטבילה



גרוסע היכל המקוה ווערט פארענדיגט לקדש ולטהר פונעם גאנצן געגענט



היכל המפואר אין עזרת נשים גאלעריע אין ביהמ"ד החדש שערי חיים אויף סקאנימאנק ראוד וועלכע גרייטן זיך עס צו באנייען בעז"ה דעם ר"ה

# ריזיגער ערשטע סופערמארקעט ווערט פארענדיגט אינעם ווילעדזש



גרויסער פארקינג שטח פאר די הונדערטער קליענטן פון פעפערמינט סופערמארקעט




גרוסע היכל המקוה ווערט פארענדיגט לקדש ולטהר פונעם גאנצן געגענט


בס"ד
אתרוגים
מהודרים
יאנעווע און מאראקא
מיר טוען מעלדן
פאר אונזערע
חשוב'ע קאסטומערס
אז היי יאר האבן
מיר א גרויסן
אויסוואהל
פון הערליכע
לולבים
שלמים
און
הדסים
משולשים
ביי אונזער
רחבות'דיגן
לאקאל
אין צענטער פון
שטאט
17 גארפיעלד רד. #201
אריינגאנג פון די לינקע זייט
מיר וועלן בעז"ה זיין אפן
אנגעהויבן פון
צום גדלי' יעדן טאג
פון 5:00 ביז 11:00
ערש"ק - פון 11:00 ביז 1:30
מוצש"ק - פון 10:00 ביז 12:00
מיר ערווארטן אייך צו באדינען מיט די בעסטע סערוויס ווי אין די פארגאנגענע יארן
יושע דוד טייטלבוים
845-248-6552
יוסף אלי' גרינהוט
845.395.6839
אברהם שלום שווארטץ
845.537.0767
נפתלי משה טייטלבוים
845.637.6562



# הכנה לראש השנה ויום כיפור

## שמחה של מצוה

הרה"ג רבי
שלמה יונגער
שליט"א
דומ"ץ ק"ק טאהש

בעזרת השם יתברך גרייטן מיר זיך צום גרויסן הייליגן טאג ראש השנה הבעל"ט. ס'איז דא א באקאנטע משל פון די בעלי המוסר, עס איז געווען אמאל א מלך וואס האט געמאלדן אז ער גייט קומען באזוכן די שטאט, פארשטייט זיך אז מען האט צוגעגרייט א גרויסן קבלת פנים לכבוד דעם מלך, מען האט זיך געגרייט לאנגע וואכן און חדשים מען זאל קענען אויפנעמען דעם מלך מיטן גרעסטן כבוד אזוי ווי ס'פאסט זיך פאר כבוד מלכות. מען האט גאר הערליך באצירט די שטאט און מען האט אויפגעבויט א גרויסן בימה לכבוד דעם מלך, און אויסגעווארט אויף דעם גרויסן טאג ווען דער קעניג וועט קומען באזוכן.

ענדליך איז אנגעקומען דער גרויסער טאג, דער קעניג קומט שוין אריין אין שטאט, די שטאט לייט האבן זיך אנגעטוהן די שענסטע בגדים, און אלע מענטשן מענער פרויען און קינדער זענען ארויסגעקומען מקבל פנים זיין דעם קעניג, און דער גאנצער עולם האט געזינגען שיינע שירות ותשבחות לכבוד דעם קעניג. אויך פאר די קינדער האט מען אויסגעלערנט שיינע ניגונים וואס זיי זאלן זינגען, און מען האט אויסגעשריגן הויעך "יחי אדונינו המלך", און אזוי האט מען מקבל פנים געווען דעם קעניג מיט גרויס כבוד.

איז געווען דארטן צווישן די פארזאמלטע קינדער איין קינד וואס האט שוין מער נישט געהאט קיין געדולד צו איינזיצן, האט ער זיך געשפילט מיט שטיינדלעך, און אזוי שפילנדיג האט ער געווארפן א שטיין, און דער שטיין איז געפאלן אויפן קעניג'ס קאפ, פארשטייט זיך אזא זאך האט דעם קעניג זייער אויפגערעגט, און דער קעניג האט געזאגט אז דער קינד איז א מורד במלכות און מען דארף אים הארגענען.

איז געקומען איינע פון די שרי המלוכה און האט ממליץ טוב געווען פארן קעניג אויף דעם קינד, און ער האט געזאגט: ס'קען נישט זיין אז דאס קינד האט פיינט דעם קעניג און איז א מורד במלכות, און ער האט געוואלט הארגענען אדער שעדיגן דעם קעניג, ווייל איך האב אליין געזען אז בשעת מען האט געזינגען די שירות ותשבחות לכבוד דעם קעניג, און בשעת מען האט געשריגן יחי אדונינו המלך, האב איך געזען ווי אזוי דאס קינד האט מיטגעזינגען מיט אזא התלהבות, מיט א שמחה, עס מוז זיין אז ער האט ליב דעם קעניג, איי ער האט געווארפן א שטיין אויפ'ן קעניג? מוז זיין אז עס האט אים אנגעכאפט א קינדערישקייט א נארישקייט, אבער דאס איז נישט ווייל ער האט פיינט דעם קעניג, ממילא קומט אים נישט קיין שום שטראף, די ווערטער האבן געמאכט א גוטן איינדרוק אויפן קעניג און מען האט באפרייט דאס קינד.

> **שמחה של מצוה איז א סימן אז אידן האב ליב השי"ת.**

זאגן די בעלי המוסר, עס קומט אזא הייליגן טאג ראש השנה אויבן אין הימל קומט פאר א גרויסן משפט, ס'איז דא מקטריגים וואס קומען חלילה מקטרג זיין אויף אידישע קינדער, אז במשך דעם יאר איז מען חלילה דורכגעפאלן מיט פארשידענע עבירות ח"ו, וואס איז דער עצה, ווי אזוי קענען די גוטע מלאכים מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער? די גוטע מלאכים זאגן פארן אייבערשטן: רבוש"ע גיב א קוק, ראש השנה ביים דאווענען, ווען מען האט געשריגן "המלך" האבן אידן דאס אויסגעשריגן מיט אזא התלהבות מיט אזא ברען מיט אזא שמחה! קען דאך נישט זיין אז אידישע קינדער האבן חלילה במזיד עובר געווען אויפן רצון השם, עס קען בשום אופן נישט זיין אז זיי האבן חלילה פיינט דעם מלך, מען זעט דאך אז אידישע קינדער האבן ליב השי"ת, ווייל מען שרייט דאך 'המלך' מיט אזא שמחה און מען פרייט זיך אז מען האט א זכי' ממליך צו זיין דעם באשעפער, דאס איז דער גרעסטער לימוד זכות דאס טוט פארשטאפן דעם מויל פון אלע מקטריגים, קיינער קען שוין נאכדעם נישט מקטרג זיין אויף אידישע קינדער.

דעריבער דארף מען זען אין די טעג ווען מען גרייט זיך צו דעם הייליגן טאג ראש השנה, דארף מען זיך גרייטן מיט א אינערליכע אמת'ע שמחה, אז מען גיבט אונז די זכי' אז אונז קענען ממליך זיין דעם אייבערשטן און שרייען "המלך", דאס וועט זיין דער בעסטער באווייז פאר יעדן איינעם אז אידישע קינדער האבן ליב דעם אייבערשטן, איי אמאל פאלט מען דורך?, דאס איז נאר א קינדערישע נארישקייט אזוי ווי חז"ל זאגן אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, אבער באמת האט ער ליב השי"ת, אזוי ווי מען זעט אז ער שרייט המלך מיט א גרויסע שמחה.

*

ס'שטייט אין פסוק אין פרשת וילך. די לעצטע מצוה פון די תורה הק' איז די מצוה פון כתיבת ספר תורה, שטייט אין פסוק ועתה כתבו לכם את השירה הזאת, שירה מיינט די תורה הקדושה, זאגט דער פסוק אז מען זאל שרייבן די תורה, ולמדה את בני ישראל שימה בפיהם און מען זאל דאס אויסלערנען פאר אידישע קינדער, למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל כדי די תורה זאל זיין א עדות פאר אידישע קינדער.

דארף מען פארשטיין, פארוואס רופט מען אן די תורה מיטן נאמען 'שירה' מען טרעפט נישט ערגעץ אנדערש אז מען זאל אנרופן די תורה מיט דעם נאמען אלץ הייסט עס 'תורה' אדער 'ספר' אבער מען רופט נישט אן די תורה מיטן נאמען 'שירה' נאר דא.

נאך דארף מען פארשטיין, וואס מיינט דאס די 'עדות' וועלכע עדות וועט די תורה זיין? נאר די תוה"ק וויל אונז דא ווייזן אז יעדעס מאל ווען אידישע קינדער ענדיגן שרייבן א ספר תורה און מען מאכט א גרויסע שמחה און מ'פרייט זיך מיט די הייליגע תורה, מ'זינגט שירות ותשבחות, און אזוי אויך יעדעס מאל ווען א מענטש טוט א מצוה און ער טוט דאס מיט שמחה איז דאך דאס די גרעסטע באווייז אז ער האט ליב די הייליגע תורה.

פארדעם זאגט אונז די תורה, נאכדעם וואס די תורה האט געענדיגט זאגן אלע תרי"ג מצוות,

רופט עס די תורה אן מיט'ן נאמען 'שירה' די זאלסט זיך פרייען און זינגען בשעת די טוסט א מצוה, און דו ווייסט וואס דו וועסט דורך דעם זוכה זיין אז למען תהיה לי 'השירה' הזאת די געזאנג די שמחה וועט זיין 'לעד' בבני ישראל דאס וועט זיין די בעסטע עדות אז אידישע קינדער האבן באמת ליב די תורה הקדושה און אידן זענען דבוק צום בוכ"ע, און דאס מאכט צו די מויל פון אלע מקטריגים.

זיי ווערן קראנק פון פאסטן, און דאס איז ווייל זיי האבן נישט די ריכטיגע צוגאנג צום תענית, ווען זיי וואלטן געהאט די ריכטיגע צוגאנג, און זיי וואלטן זיך מתבונן געווען וואס א זכי' זיי האבן אז מען גייט זיך איבערבעטן מיטן אייבערשטן, וואלט זיי דער תענית גארנישט געשאדט.

די הייליגע ספרים זאגן אבער אז היינטיגע צייטן זענען דאך דא שוואכע גופים שוואכע מוחות, מען קען נישט הייסן תשובה טון דורך תעניתים און סיגופים. אבער אונז שטייען יעצט פאר די הייליגע טעג עס קומט א ראש השנה וואס מען דאווענט אסאך פארן בוכ"ע, עס קומט א יום כיפור וואס מען פאסט א גאנצן טאג. און בכלל אלע טעג פון עשרת ימי תשובה שטייט אין שו"ע אז מען דארף




## א שמחה אז מען בעט זיך איבער מיט השי"ת

ס'שטייט אין ספה"ק ערבי נחל. עס איז דא צוויי סארטן מענטשן וואס טוען תשובה אויף זייערע חטאים דורך תעניתים, די ערשטע סארט איז אזעלכע מענטשן וואס טראכטן אריין און מאכן זיך א חשבון הנפש אוי ווי געוואלד! איך האב געזינדיגט אנטקעגן השי"ת! מען הייבט זיך אן מתבונן צו זיין וואס דאס מיינט אז מען זינדיגט אנטקעגן דעם מלך מלכי המלכים, דער הייליגער באשעפער וואס האט באשאפן אלע וועלטן און טוהט מיט מיר אזויפיל גוטס, און ער טראכט אריין אין שכר ועונש. הייבט אים אן צו באפאלן א אמת'ע חרטה, טיף און הארצן הייבט ער אן חרטה צו האבן, ער הייבט אהן זיך צו שעמען פארן אייבערשטן, און ער טראכט הלואי ווען איך קען איך עפעס טון א גוטע זאך אויף דער וועלט זיך איבערצובעטן מיט השי"ת, און נאכדעם אז ער קוקט אריין אין מוסר ספרים און ער זעט אז ס'איז דא אזא זאך אז מ'קען פאסטן און דורך דעם טוט מען תשובה ווערט ער פון דעם גאר פריילין ער ווערט אזוי בשמחה, "איך קען דאך איבערבעטן דעם אייבערשטן", גייט ער פאסטן מיט שמחה. כאטש ער האט א צובראכן הארץ אבער ער פריידט זיך אז ער קען איבערבעטן השי"ת, ס'קומט אים בכלל נישט אן שווער צו פאסטן, דעם גאנצן טאג פונעם תענית גייט אים דורך מיט א געוואלדיגע שמחה ווייל דורך דעם בעט ער זיך איבער מיט השי"ת, און ער פירט אויס דער ערבי נחל "אז פאר אזא איינעם איז נישט מעגליך אז דער תענית זאל אים שאטן צום געזונט" ווייל פארקערט דאס פאסטן ברענגט אים דאך שמחה ווייל ער בעט זיך איבער מיט השי"ת.

אבער ס'איז דא א צווייטער סארט מענטש וואס ער האט געזינדיגט, טראכט ער ביי זיך, נו, וואס איז שוין אז איך האב געזינדיגט?, מען קען דאך פאסטן און איך וועל תשובה טון, און שוין, ער טראכט נישט אריין וואס דאס מיינט אן עבירה, ער טראכט נישט אריין אז ער דארף זיך איבערבעטן מיט השי"ת. פאר אזא איינעם קומט דאס פאסטן אן אזוי שווער, ער שפירט בכלל נישט קיין שמחה מיטן פאסטן, א גאנצן טאג קוקט ער נאר אויפן זייגער ווען גייט שוין דער טאג אדורך מ'זאל שוין קענען אויספאסטן.

זאגט דער הייליגער ערבי נחל, דאס איז פשט אין פסוק, דוד המלך ע"ה זאגט אין תהילים 'אוילים מדרך פשעם' די נארישע מענטשן האבן געזינדיגט ומעונותיהם יתענו טוען זיי נאך א נארישקייט און זיי פאסטן אויף זייערע עבירות, און דאס איז א נארישקייט ווייל זיי גייען פאסטן אן חרטה האבן, וואס איז דער סוף פון אזא תענית? פירט אויס דער פסוק, אז כל אכל תתעב נפשם

האבן אין די טעג מער א העכערע און הייליגער סארט הנהגה, אפי' אזעלכע זאכן וואס א גאנץ יאר איז מען זיך מיקל אבער עשרת ימי תשובה דארף מען מער נזהר זיין. איז פאר א פראסטע מענטש קומט עס אן זייער שווער ווייל ער טראכט נישט אריין וואספארא זכי' ער האט אז ער גייט זיך אין די טעג איבערבעטן מיט'ן אייבערשטן, אבער אז מען טראכט אביסל אריין וואספארא געלעגענהייט אונז האב מיר אין די טעג מען קען זיך איבערבעטן מיטן הייליגן באשעפער, קומט אים גארנישט אן שווער, פארקערט! ס'קומט ראש השנה ער עפענט אויף די מחזור, ער פרייט זיך מיט יעדן ווארט וואס ער קען רעדן צו השי"ת, און אזוי אויך תקיעת שופר און שמו"ע און אלע פיוטים וואס מען זאגט, א יעדע ווארט איז אים ממש א מחי', מיט אזא צוגאנג צו ר"ה און יוה"כ קומט אים גארנישט אן שווער, פארקערט אלעס איז מיט א גרויסע אמת'ע שמחה.

## די גרעסטע עשירות אז מען קען רעדן צו השי"ת

עס איז כדאי צו פארציילן א מעשה וואס ס'שטייט אינעם ביכל 'אלעס פארן אייבערשטן' וואס ס'האט ארויסגעגעבן די טאכטער פונעם באקאנטן בעל מסי"נ פון אמעריקע הרב רבי יעקב יוסף הערמאן זצ"ל, ס'איז געווען אין די שפעטערע יארן ווען רבי יעקב יוסף האט שוין געוואוינט אין ארץ ישראל און ער איז שוין געווען א אלמן ל"ע, האבן זיך די קינדער איינמאל צוזאמגענומען דא אין ניו יארק, אז מען גייט אנרופן דעם טאטן אויפן טעלעפאן און מען גייט רעדן צו אים. יענע צייטן - אין שנת תש"ו - איז דאס נישט געווען אזא פשוטע זאך, מען האט זיך געדארפט פארבינדן מיט אפעראטאר אין ירושלים, און דער טאטע האט דאך אוודאי אויך נישט געהאט קיין טעלעפאן, האט מען מסדר געווען דורך א געוויסער גמ"ח וואס האט יא געהאט א טעלעפאן, מען האט מודיע געווען פארן טאטן און מען האט אפגעשמועסט א פונקטליכע צייט איין טאג נייין אזייגער אינדערפרי ווען אלע קינדער זיך צוזאמנעמען און דער טאטע וועט זיין דארטן אינעם גמ"ח און מען וועט אים רופן אויפן טעלעפאן.

עס איז אנגעקומען דער טאג און מען האט זיך פארבינדן מיט'ן טאטן דורכ'ן טעלעפאן, און יעדעס קינד האט געהאט א געלעגנהייט צו רעדן א קורצע מינוט צום טאטן. לאמיר זיך פרובירן אביסל זיך פארצושטעלן די פרייד פון א טאטע צו רעדן צו די קינדער נאכ'ן זיי נישט זען א לענגערע צייט! וואס קען מען רעדן אין אזא צייט? פארציילט די טאכטער וואס זי האט גערעדט מיטן טאטן ביי דעם געלעגנהייט, די טאטע הייבט אן מיט התרגשות, רוחמה מיין טאכטער, און פאר א רגע האב איך געהערט זיין קול זיך איבערברעכן, נאכדעם האט ער זיך גשטארקט און געפרעגט וויפיל קאסט א מינוט פון דעם געשפרעך מיט מיר? האב איך גענטפערט 'ארום אכט דאלאר א מינוט', האט דער טאטע געענטפערט "אויב עס קאסט אכט דאלאר א מינוט רעדן איבער דריי קאנינענטן - אמעריקע אייראפע אזיע - וויפיל זאלן מיר באצאלן אז מיר קענען רעדן צום באלעבאס איבער א שטח פון מער קאנטינענטן ווי מען קען אויסציילן?!..."

און אויב איז דאס געזאגט געווארן פאר א גאנץ יאר, איז דאך כל שכן ווען ס'קומט די הייליגע טעג ס'קומט אזא טאג ווי ראש השנה מען גייט ממליך זיין דעם אייבערשטן מען גייט אויסרופן אז דער הייליגער באשעפער איז דער מלך על כל הארץ, וואו גרויס איז אונזער זכי' אז 'אונז' גייען ממליך השי"ת אויף דער גאנצער וועלט. דאס איז דאך איינס פון די טעמים פארוואס מען בלאזט שופר, ווייל דער סדר איז געווען בשעת מען האט ממליך געווען א מלך האט מען געבלאזן מיט א שופר, גייען מיר אויך ממליך זיין השי"ת, בלאזט מען מיט א שופר.

## געפאסט דריי טעג און גערינט געטריי

עס איז געווען אמאל א ליבאוויטש'ער חסיד וואס ער איז געווען אינטערוועגנס און ער האט נישט געקענט אנגעקומען אויף ראש השנה צו זיין רבי'ן, איז ער געפארן צום הייליגן בית אהרן פון קארלין זי"ע, און ער האט מיטגעהאלטן דאס דאווענעןביידע טעג ראש השנה, וואס עס איז צוגעגאנגען מיט אזעלכע כוחות מיט מסירות נפש, שעות ארוכות איז מען געשטאנען און געדאווענט, כמעט א גאנצן טאג האט געדויערט דאס דאווענען, מיט אזא געשמאק אז מען איז בכלל נישט מיד געווארן פונעם דאווענען.

האט דער איד זיך אנגערופן מיט גרויס התפעלות: א קרענק אויף דיר ניקאליי! א מכה אויף דיר ניקאליי! לאמיר זען דו זאלסט אויסהונגערן דיינע סאלדאטן דריי טעג און איין צו, און זיי זאלן דיר נאך דינען אזוי געטריי!! דא איז מען געשטאנען דריי טעג און איין צו און געפאסט, צווי טעג ראש השנה וואס מען האט געפאסט כמעט א גאנצן טאג, און נאכדעם צום גדלי', און מען האט נאך אלץ גערינט השי"ת אזוי געטריי".

מען האט איבערגעזאגט די הייליגע ווערטער פארן בית אהרן, איז ער מורא'דיג נתרגש געווארן פון די אמת'ע הייליגע ווערטער, האט ער געבעטן מען זאל אריין רופן דעם ליבאווטש'ער חסיד, און ער האט אים געבעטן ער זאל נאכאמאל איבערזאגן די ווערטער, ווייל די ווערטער האבן טאקע געמאכט א גרויסן רושם, און עס איז דאך טאקע אזוי, אידישע קינדער שפירן אזא גרויסן תענוג, ס'קומט אזא הייליגן טאג און מ'איז זוכה צו רעדן צום אייבערשטן, מ'איז זוכה צו שפירן א נאענטקייט צו השי"ת.

דארף מען נאר טאקע אין די טעג פון פאר ראש השנה אריינברענגען סיי און זיך, און אויך איבערגעבן פאר די קינדער, ווי גליקליך אונז זעמיר און וואס א זכי' אונז האבן אז מ'קען זוכה זיין צו רעדן און זיך איבערבעטן מיטן אייבערשטן אין די טעג. און בכלל אריינגעבן א שטארקייט אין זיך און אין די קינדער אז בכלל וואס אז זכי' עס איז אז אונז זענען אידישע קינדער, אונז זענען א חלק פון אידישן פאלק, די גאווה דקדושה דארף מען אסאך אריינגעבן אין זיך און אין אונזערע דורות.

## די אויפגאבע פון א אידישע מאמע

עס שטייט אין ספה"ק שומר אמונים פון הרה"ק רבי אהרן ראטה זי"ע, שטעלט ער זיך אויפן פסוק שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, פרעגט ער די באקאנטע קשיא אז די מאמע לערנט דאך נישט קיין תורה מיט די קינדער, איז ער מסביר אז די תפקיד פון א מאמע איז זיך אפצוגעבן מיט די קינדער, א טאטע איז דאך זייער פארנומען מיט לערנען תורה אדער מיט זיינע געשעפטן, ער האט נישט קיין צייט זיך אפצוגעבן געהעריג מיט די קינדער, דער עיקר זיך אפגעבן מיט די קינדער ליגט אויף די מאמע, ווען די קינדער ווערן גרויס, קען די טאטע לערנען תורה מיט יראת שמים מיט די קינדער, אבער מיט די גאנץ קליינע קינדער האט ער נישט אזוי פיל צייט און דאס איז דער חוב פון די מאמע.

פירט ער אויס מיט דעם לשון (איבערגעזעצט אויף אידיש): אזוי איז געווען די סדר פון אונזערע הייליגע מאמעס און באבעס, א דור נאך א דור, ביז אברהם יצחק און יעקב, זיי האבן אויפגעצויגן די קינדער און זיי מדריך געווען, און אויפגעצויגן מיט אמונה פשוטה, און די מאמע האט מיט זיי געלערנט און זיי פארציילט אז עס איז דא א גן עדן מיט א גיהינם, און פארציילט פון די גאולה שלימה און תחיית המתים, און זיי האבן זיי פארציילט סיפורי צדיקים און געזאגט צו וואס זיי האבן זוכה געווען דורך זייערע גוטע מעשים, און זיי האבן פארציילט מעשיות פון 'שכר ועונש' די שטראף פון גיהינם, און די תענוגים פון גן עדן, און מיט דעם זענען די קינדער געווארן איינגעוואוינט און אויפגעוואקסן, אזוי איז געווען די סדר פון אונזערע בשיידענע און הייליגע מאמעס ע"כ.

בשעת מען לייגט שלאפן די קינדער און בשעת מען וועקט אויף די קינדער אינדערפרי און מען באגלייט ארויס אין חדר צו די מיידלעך אין בית חינוך, אדער בשעת מען טיילט נאכטמאל פאר די קינדער, נוצט מען אויס די געלעגנהייט, און מען פארציילט זיי א ערליכע מעשה אדער מען זינגט פאר זיי א ערליכע ניגון, אן איידעלער ניגון, דאס ברענגט אריין אין זיי אזא שמחה און השתוקקות. הייבן זיי שוין אן צו ווארטן און ארויסקוקן ווען וועלן אונז שוין גרויס ווערן, ווען וועלן אונז שוין אויך האבן א זכי' צו גיין אין בית המדרש, לערנען און דאווענען. און דאס וועט זיין דער גרעסטער לימוד זכות פאר אידישע קינדער און ר"ה, ווייל מען זעט אז אידישע קינדער לייגן אריין אין די קינדער א שמחה צו אידישקייט, און א השתוקקות צו השי"ת, דאס מאכט צו די מויל פון אלע מקטריגים, מען קען שוין מער גארנישט מקטרג זיין, ווייל יעדער זעט אז אידישע קינדער האבן ליב דעם מלך.

## ראש השנה איז טאקע א גרויסע פחד, אבער א יו"ט

מיט דעם קען מען פארשטיין וואס די ספה"ק פרעגן אז לכאורה איז א סתירה, פון איין זייט איז דאך ראש השנה א גרויסע פחד, מען גייט משפט'ן און דן זיין מי יחיה, און השם ישמרנו דאס פארקערטע, און אזוי ווייטער, אלעס וואס מ'רעכנט אויס ביי 'ונתנה תוקף' ס'כאפט דאך א פחד אז מען טראכט נאר אביסל אריין וואס פאר א גרויסע משפט ס'איז דא אויבן אין הימל אין דעם הייליגן טאג ראש השנה, אבער פון די צווייטע זייט זעט מען אז ס'איז א גרויסע יו"ט, מען טוט זיך אן בגדי שבת ויו"ט, און מען מאכט א גרויסע סעודה.

נאר דער אמת איז אז ס'איז טאקע א גרויסע פחד, אבער ס'איז פאר אונז א גרויסע שמחה אז מען גיבט אונז א געלעגנהייט צו רעדן און זיך איבערבעטן מיט השי"ת.

זאל השי"ת העלפן אז מען זאל טאקע זוכה זיין צו מאכן די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג און מען זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה, שנת גאולה וישועה, מען זאל זוכה זיין מען זאל אונז אנשרייבן א זיסע לעכטיגע יאר ס'זאל זיין נאר 'מי יחיה' נאר 'מי יעשר' 'מי ירום', און דורך תשובה תפילה וצדקה זאל מען זוכה זיין מעביר צו זיין את רוע הגזירה, און מען זאל זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן




ב"ה
אלע
אייערע
סוכה
געברויכן
און
פיל
מער!
ערפינדער פון די בעסטע קוואליטעט
אלע סארטן פענעלס
עקסקלוסיוו סכך אויסוואל
הארדוועיר און טולס
לעקטערן\היטערס
זייטיגע סוכה געצייג
איר דארפט נישט זוכן.
ביי אונז וועט איר טרעפן.
RR
סוכה צענטער
אנגעפאנגען פון
דינסטאג פ' כי תבא
— אפן טעגליך —
פון 10:30 ביז 10:00 ביינאכט | ערב שבת ויו"ט ביז 1:00
5 FILLMORE CT. 845.782.2547
מיר פארמאגן א
גרויסן אויסוואל פון
אלע סארטן בעמבאו
אריינגערעכנט די
אויסגעצייכנטע
פלאכע בעמבאו.

והיה כמלאות שבעים שנה

- חלק ג' -

זיבעציג יאר פון דעם

# רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל בשנת תשי"ב

געקליבענע שילדערונגען, אריגינעלע זכרונות, פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געהאט די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע באזוך.




- חלק ו' -

## המלכים נועדו יחדיו: מיט'ן ירושלימ'ער רב הרב בענגיס זצ"ל

זייענדיג אין ירושלים איז דער רבי געגאנגען באזוכן די גדולי ירושלים. צום ערשט האט דער רבי אפגעשטאט א באזוך ביים מרא דאתרא ומרא דארעא קדישא הגאון הגדול רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל.

איבער דעם באזוך דערציילט הרה"ח ר' משה אלי' פאלאטשעק הי"ו ווי פאלגענד: אין איינע פון יענע טעג גייענדיג אויף דער מאה שערים גאס האב איך מיטאמאל געזען דעם רבי'נס אויטא. דער רבי איז געווען אויפ'ן וועג צום ירושלימ'ער רב, הגאון הגדול רבי זעליג ראובן בענגיס זצ"ל. איך בין שנעל געגאנגען קיין בתי נייטין, וואו דער ירושלימ'ער רב האט געוואוינט און אנגעקומען אהין נאך בעפאר דעם רבי'ן.

אנקומענדיג צום ירושלימ'ער רב האב איך געזען ווי ער זיצט און לערנט מסכת מגילה צוזאמען מיט הרה"ג ר' ישעי' שיינבערגער ז"ל. איך בין אריינגעגאנגען און דערציילט אז דער רבי איז אויפ'ן וועג. הערנדיג דאס, האט ער זיך אנגערופן: "גיב אהער דעם קאפעלוטש!"

אינדערצווישן איז דער רבי אריינגעקומען, און דער ירושלימ'ער רב האט זיך געוואנדן צום רבי'ן און געפרעגט וויאזוי ער לערנט פשט אינעם רש"י וואס ער האט דעמאלט געהאלטן אינמיטן לערנען. אויפ'ן ארט האט אים דער רבי געענטפערט א שיינעם פשט, און עס האט זיך אנטוויקלט א העפטיגער פלפול צווישן רבי'ן מיט הרב בענגיס, כדרכה של תורה. שפעטער איז דער שמועס אריבער איבער עניני שמיטה, היות עס איז דאן געווען א שמיטה-יאר.

הרה"ג ר' יוסף משה סופר זצ"ל דערציילט איבער די באזוך ווי פאלגענד:

איך בין דערביי געווען ווען דער רבי זי"ע איז געגאַנגען באַזוכן דעם דעמאָלט'דיגן ירושלימ'ער רב הגה"ק ר' זעליג ראובן בענגיס זצ"ל. ס'האָט זיך דאָרט אַנטוויקלט אַ גרויסע ריתחא דאורייתא אַ לענגערע צייט. ס'איז געווען אַ מחזה הוד צו זעען די צוויי ריזן, די לייבן אין תורה, וואַרפן צוזאַם מיט אַזאַ געוואַלדיגע בקיאות אין אַלע חלקי התורה.

דער ענין וואָס זיי האָבן זיך מתווכח זיין איז געווען אַזוי: דאָס יאָר תשי"ב איז געווען אַ שמיטה יאָר, און דער רבי האָט דעמאָלט – ווײַלנדיג אין ארץ ישראל – נישט געוואָלט נוצן די מילך פון די בהמות פון ארץ ישראל וועלכע האָבן געגעסן פון די ספיחי שביעית. דער רבי האָט דעריבער מקפיד געווען צו טרינקען נאָר פון די מילך וואָס איז געקומען פון קוממיות, וואו מ'האָט די בהמות נישט געפיטערט מיט די ספיחי שביעית.

דער ירושלימ'ער רב הרב בענגיס זצ"ל האָט גע'טענה'ט צום רבי'ן אַז לכאורה אַזאַ חומרה נעמט מען נישט אָן נאָר כלפי חמץ בפסח, דהיינו, אַז פון די בהמות וועלכע עסן חמץ אין פסח נוצט מען נישט קיין מילך במשך דעם גאַנצן פסח, אָבער כלפי אַנדערע זאַכן טרעפן מיר נישט קיין מקום להחמיר. ווידער דער רבי האָט געברענגט פאַרשידענע הוכחות אַז ס'איז דאָ אַ מקום להחמיר אויך כלפי שביעית נישט צו הנאה האָבן פון די גידולי שביעית. דאָס איז געווען בערך דער תוכן פון די ריתחא דאורייתא לויט וויפיל איך געדענק.

דער רבי מיט'ן ירושלימ'ער רב הרב בענגיס זצ"ל האָבן אַ לענגערע צייט געשמועסט געמיטלעך, ס'איז געווען קענטיג די געוואַלדיגע ליבשאַפט וואָס האָט געהערשט צווישן די צוויי צדיקים.

## דער באזוך ביים בעלזער רב זצ"ל

אין איינע פון די טעג ווען דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל איז ער אריבערגעגאנגען באזוכן ביים בעלזער רב הרה"ק רבי אהרן זצ"ל. ווי-נאר מ'האט מודיע געווען פאר'ן בעלזער רב אז דער רבי גרייט זיך אריבערצוקומען אויף א באזוך, האט זיך דער בעלזער רב אויפגעשטעלט פון זיין בענקל, און איז געבליבן אזוי שטיין ווארטנדיג ביז דער רבי איז אריינגעקומען צו אים אין שטוב. (הרה"ג ר' משה ארי' לעוו זצ"ל מ'טעמעשוואר).

איבער דעם באזוך דערציילט דער דעמאלט'דיגער הויז בחור הרה"ח ר' חיים יחזקאל שטיין הי"ו ווי פאלגענד:

דער באזוך ביים בעלזער רב זצ"ל איז געווען זייער א באשיידענער און אנגענעמער באזוך, וויבאלד מען האט נישט געוואוסט דערפון און עס איז נישט געווען דארט קיין גרויסער עולם. דער בעלזער רב האט זייער ווארעם אויפגענומען דעם רבי'ן און האט זיך אינטערעסירט ווי אזוי עס איז געווען דער וועג, און דאס גלייכן.

אבער ווען דער בעלזער רב האט גערעכנט אפצוגעבן א "ביקור גומלין" פאר'ן רבי'ן, האבן עס זיינע גבאים מפרסם געווען. פארשטייט זיך, אז עס איז געווארן אן אנלויף פון א גרויסן עולם וואס האט געוואלט מיטהאלטן דעם געהויבענעם באזוך, און דאס גאנצע הויז אין דעם צפניה-האטעל וואו דער רבי איז איינגעשטאנען איז געווארן פול מיט מענטשן. איבערהויפט אינעם צימער וואו דער באזוך איז פארגעקומען איז געווען א שרעקליך געדרענג.

איך בין דעמאלט געשטאנען הינטער'ן רבי'נס בענקל און מיטגעהאלטן דעם שמועס צווישן רבי'ן מיט'ן בעלזער רב. אינמיטן שמועס האט דער בעלזער רב געזאגט פאר'ן רבי'ן, אז ער וואלט געוואלט רעדן מיט אים ביחידות. אזוי ווי עס איז געווען זייער א גרויסער עולם אין צימער און עס איז נישט מעגליך געווען אלעמען ארויסצושיקן, האט זיך דער רבי אויפגעשטעלט און אנגעכאפט דעם בעלזער רב'ס הענט, זאגנדיג: "לאמיר אריינגיין אין אן אנדער שטוב".

דער גבאי, ר' יוסף אשכנזי ז"ל, האט זיך אבער אנגערופן אז עס איז נישט קיין כבוד אז דער רבי זאל ארויסגיין, נאר עס איז גלייכער אז דער עולם זאל ארויסגיין. מען האט באלד אנגעהויבן ארויסצוטרייבן דעם עולם, אבער עס האט זיך נישט איינגעגעבן, וויבאלד עס איז געווען דארט אזא געדרענג פון מענטשן אז מען האט פשוט נישט באוויזן ארויסצושיקן דעם גאנצן עולם.

דערווייל, ווארטנדיג אז דער עולם זאל ארויסגיין, האבן זיך דער רבי און דער בעלזער רב צוריק אראפגעזעצט, און עס האט זיך ווייטער אנטוויקלט א שמועס צווישן די ביידע. איך געדענק, אז דער שמועס האט זיך באצויגן צו וואס עס שטייט אין זוהר הק' (חלק ג רכא, א) אז דאס בית המקדש השלישי וועט אראפקומען פארטיג אויפגעבויט, בנוי ומשוכלל מן השמים, און דאקעגן איז דא א דעה אין חז"ל (ויקרא רבה פרשה ט, ז; במדבר רבה פרשה יג, ב) אז דאס בית המקדש השלישי וועט געבויט ווערן דורך מעשי ידי אדם.

דער שמועס האט זיך געצויגן אזוי א שטיק צייט, ווארטנדיג אלץ אז דער עולם זאל זיך פונאנדערגיין און דער צימער זאל זיך אויסליידיגן, אבער אזוי ווי דער עולם איז נישט ארויס, האט זיך דער באזוך געענדיגט, און די צוויי צדיקים האבן נישט געפירט צווישן זיך דעם פריוואטן שמועס. דער בעלזער רב איז ארויסגעגאנגען, און דער רבי האט אים ארויסבאגלייט מיט גרויס חביבות.

נאכדעם וואס דער בעלזער רב איז ארויסגעגאנגען, האט דער רבי זייער באדויערט דעם פאקט אז דער פריוואטער שמועס איז נישט צושטאנד געקומען, זאגנדיג: "לעולם וואלט איך געהאט אסאך צו שמועסן מיט'ן בעלזער רב ביחידות, אבער איך האב זיך נישט געטרויט אים דאס צו בעטן, אבער אז ער האט גאר געבעטן אז ער וויל שמועסן מיט מיר פריוואט, איז עס באמת א גרויסער שאד, ווייל איך האב דאך געהאט אזויפיל צו רעדן מיט אים".

דער רבי האט דערפון געהאט גרויס עגמת נפש, און נאך ביז א שטיק צייט שפעטער האט דער רבי באדויערט דאס וואס מען האט נישט דערלאזט דעם פריוואטן שמועס.

מיט עטליכע יאר שפעטער, אין יאר תשט"ו, נאך דער באקאנטער פרשה, וואס עס איז פארשפרייט געווארן דער "חוב קדוש" מיט דער חתימה פונעם בעלזער רב זצ"ל, האט דער רבי זיך אויסגעדריקט: "מעגליך, אז ווען איך וואלט דעמאלט גערעדט צום בעלזער רב וואלט דאס נישט געשען".

הרה"ג ר' דוד מאיר ווייס זצ"ל פון ירושלים דערציילט איבער דעם ביקור גומלין פון בעלזער רב ביים רבי'ן אין דער אכסניא אין 'צפניה האָטעל', אז נאכ'ן באזוך ווען דער בעלזער רב איז אַרויסגעגאנגען האָט אים דער רבי אַרויסבאַגלייט. שטייענדיג נעבן טויער פונעם האָטעל, איז געקומען צו גיין די רביצין ע"ה און זיך אַוועקגעשטעלט ביים טויער און געזאָגט פאַר'ן בעלזער רב: "איר האָט מיר צוגעזאָגט געהאָלפן צו ווערן מיט זש"ק, וואָס איז מיט אייער הבטחה?"... דער בעלזער רב האָט איר דעמאָלט געזאָגט: "איך האָב נישט צוגעזאָגט, אין בעלזא זאָגט מען נישט צו, דער אייבערשטער זאָל העלפן פאַר מיר, און דער אייבערשטער זאָל העלפן פאַר אייך"...

## דער באזוך ביים בריסקער רב זצ"ל

צווישן אנדערן איז דער רבי אויך אריבערגעגאנגען באזוכן ביים בריסקער רב הגאון הגדול רבי יצחק זאב הלוי סאלאווייטשיק זצ"ל.

הרה"ג ר' יעקב פנחס געווירץ זצ"ל האט דערציילט וואס ער האט געהערט פונעם בריסקער רב'ס זון הגאון רבי מאיר סאלאווייטשיק זצ"ל ווי אזוי דער באזוך איז אדורכגעגאנגען. ר' מאיר האט באטאנט, אז אין אלגעמיין האט זיין פאטער דער בריסקער רב זייער ווייניג גערעדט, ער איז נישט געווען קיין גרויסער שמועסער, אבער דער איינציגער מיט וועם דער בריסקער רב האט גערעדט מיט אזא געשמאק איז געווען דער רבי.

ר' מאיר האט דערציילט אז דער רבי האט דאן געפרעגט פאר'ן בריסקער רב: "וואס זאגט איר אויפ'ן מצב?". האט דער בריסקער רב געענטפערט "א 'מצב' איז שייך צו זאגן אויף א זאך וואס איז שוין אוועקגעשטעלט. אבער דאס וואס מיר ליידן איצט פון דער מדינה איז נאך נישט קיין טויזנטסטל וואס מיר וועלן נאך האבן פון זיי. דאס איז נאך בכלל ניט בגדר מצב!."

דערויף האט דער רבי געענטפערט: עס שטייט דאך אין פסוק (בראשית לז, ז) "קמה אלומתי וגם נצבה", (פירש"י: וגם נצבה, לעמוד על עמדה בזקיפה), וואס איז א לשון פון 'מצב'. זעט מען דערפון, אז אפילו א זאך וואס האט נאך שפעטער א המשך, אזוי ווי ביי תבואה וואס מ'גייט נאך אפשניידן און אזוי ווייטער, פונדעסטוועגן ווערט דאס שוין אנגערופן מיט א לשון פון א מצב.

אינמיטן דעם שמועס האט דער רבי עפעס געפרעגט דעם בריסקער רב, אויף וועלכן איינער פון די אנוועזנדע האט זיך אריינגעמישט און געענטפערט. פאר'ן בריסקער רב האט עס זייער געארט, האלטנדיג אז דאס איז נישט קיין דרך ארץ אזוי צו טון אין אנוועזנהייט פון רבי'ן, און מער האט שוין דער בריסקער רב נישט גערעדט.

אין ספר "עובדות והנהגות לבית בריסק" (ח"ד עמ' ס"ח) ווערט דערציילט איבער דעם באזוך, אז ווען דער רבי איז געקומען צום הויז פונעם בריסקער רב האט אים דער בריסקער רב געגעבן א בענקל צו זיצן און האט פארברענגט מיט אים אין א לענגערן שמועס איבער אלע היינטיגע פראבלעמען. ווען דער רבי איז ארויס האט דער בריסקער רב אויסגעדרוקט זיין התפעלות פון דאס גדלות פונעם רבי'ן, זאגנדיג: "אזא רבי ווי ער, וואס זוכט דעם אמת, האב איך נאך אין מיין לעבן נישט געזען!"

## דער באזוך ביים טשעבינער רב זצ"ל

אויך איז דער רבי געגאנגען באזוך ביים טשעבינ'ער רב הגאון הגדול ר' דוב בעריש ווײדענפעלד זצ"ל. עס האט דערציילט הרה"ג ר' לייבוש שווארטץ ז"ל וועלכער האט באגלייט דעם רבי'ן באזוכנדיג דעם בריסקער רב, אז דער רבי האט דאן געפרעגט דעם טשעבינער רב ווי אזוי ער שפירט זיך, האט ער געענטפערט: "איך זיץ 'בדד', איך זיץ פאר זיך".

האט דער רבי זי"ע אים געזאגט א געדאנק וואס ער האט געטייטשט אויף די פסוק (תזריע יג, מו) 'בדד ישב מחוץ למחנה מושבו', וואס דאס מיינט מרמז צו זיין, אז עס איז נישט גענוג בלויז 'בדד ישב', מקיים צו זיין 'שב ואל תעשה' און זיצן פאר זיך און זיך נישט מישן, נאר עס דארף זיין 'מחוץ למחנה מושבו', מ'דארף זיך אינגאנצן ארויסשטעלן פון דער מחנה, מ'דארף זיך אפטיילן מיט א 'קום ועשה' פון די עושי רשע".

## דער באזוך ביי הגה"ק רבי מאטל סלאנימער זצ"ל

ווי אויך איז דער רבי דאן געגאנגען באזוכן ביי הגה"ק רבי מרדכי חיים סלאנים זצ"ל, באקאנט אלס רבי מאטל סלאנימער.

עס האט דערציילט הגה"ח ר' שמואל אהרן לידער זצ"ל אינמיטן שמועס האָט רבי מאָטל געפרעגט דעם רבי'ן פאַרוואָס דער רבי וואוינט נישט אין ארץ ישראל, עס שטייט דאָך אין די גמ' אין כתובות (דף ק"י ע"ב) "לעולם ידור אדם בא"י אפי' בעיר שרובה עובדי כוכבים ואל ידור בחוץ לארץ ואפילו בעיר שרובה ישראל". האָט דער רבי אויפ'ן אָרט געענטפערט פאַר רבי מאָטל'ען, עס שטייט טאַקע אין די גמ' אפי' בעיר של עכו"ם, אָבער עס שטייט נישט 'בעיר שרובה מינים'. אַ שטאָט וואו עס וואוינען פיל מינים און אפיקורסים איז פילפאַכיג אַרגער ווי אַ שטאָט וואָס רובה






עכו"ם, ווייל מינים מאַכן גאָר קאַליע די ריינע אמונה פון די פרומע אידן.

## אסיפה מיט די הנהלת העדה החרדית

דורכאויס די תקופה וואס דער רבי האט געוויילט אין ארץ ישראל איז פארגעקומען עטליכע אסיפות ביים רבי'ן פון די ראשי העדה החרדית, און פון אַנדערע עסקנים וכדו', וועגן פאַרשידענע ענינים לחיזוק הדת.

איין אסיפה האָט הרה"צ רבי עמרם בלויא זצ"ל אָרגאַניזירט ביים רבי'ן, צו וועלכע עס זענען זיך צוזאַמגעקומען די חברי הנהלת העדה החרדית און נאָך עטליכע עסקנים. מ'האָט דאָרטן דן געווען וועגן די פירצה אַז היימישע אידן וועלכע באַלאַנגען צו די העדה החרדית שיקן די טעכטער לערנען אין "בית יעקב" וואָס איז גע'אסר'ט געוואָרן דורך די פריערדיגע ירושלים'ער רבנים.

ביים ענדע פון די אסיפה, האָט דער רבי געוואָלט אָפּשרייבן די החלטות פון די אסיפה, און האָט געזוכט זיין פעדער. רבי עמרם וואָס איז געזעסן נעבן רבי'ן האָט באַלד דערלאַנגט זיין פעדער פאַר'ן רבי'ן, און דער רבי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל: "אָהָ! רבי עמרם'ס פעדער שרייבט גוט"... (מפי בנו הרה"ג ר' ישעי' בלויא ז"ל).

## אסיפה מיט די גדולי ישראל יוצאי זיבענבערגן

זייענדיג אין ארץ ישראל זענען געקומען צום רבי'ן עטליכע גדולי ישראל יוצאי זיבענבערגן מיט וועם דער רבי איז געזעסן צוזאַמען אין די לשכה בעפאָר די צווייטע וועלט מלחמה, און זיי האָבן פאָרגעשלאָגן פאַר'ן רבי'ן צו גרינדן אין ארץ ישראל אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל פאַראייניגן אַלע אָרטאָדאָקסישע קהילות אין ארץ ישראל אַזוי ווי עס איז געווען אין אונגאַרין בעפאָר די צווייטע וועלט מלחמה. דער רבי האָט זיי מסביר געווען באריכות עטליכע סיבות פאַרוואָס אַזאַ אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל – לויט יענע אומשטענדן – וועט נישט טויגן.

איינע פון די הויפט סיבות פאַרוואָס דער רבי האָט נישט געוואָלט מ'זאָל דאָס אָרגאַניזירן - האט איבערגעגעבן הרה"ח ר' מאיר שטיין ז"ל וועלכער איז דערביי אנוועזנד געווען - איז געווען וויבאַלד אזא זאך וועט פאַראורזאַכן אַ רייבעריי מיט די 'העדה החרדית', און דער רבי האָט דערביי געזאָגט: ביז משיח וועט קומען וועט די העדה החרדית זיין דאָס איינציגסטע פלאַץ וואו מ'וועט אויפהאַלטן אידישקייט ע"ד המסורה.

## אסיפה מיט די יונגעלייט תלמידי ישיבת יטב לב

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יודא יואל מיללער ז"ל פון די דעמאלט'דיגע יונגעלייט וואס האבן געלערנט אין ישיבת יטב לב אין ירושלים, אז אין יענער צייט האבן די יונגעלייט וואָס האָבן דאַן געלערנט אין ישיבה זיך געהאַט אָפּגעשמועסט אַריינצוגיין אינאיינעם צום רבי'ן זי"ע אל הקודש פנימה דורכצושמועסן געוויסע ענינים אנבאַלאַנגט די ישיבה. אין איינע פון די טעג ווען דער רבי איז געווען אין ירושלים זענען זיי אַריבערגעגאַנגען צום רבי'נס אכסניא אין צפניה-האָטעל און געוואַרט אַריינצוגיין צום רבי'ן.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען צום רבי'ן זי"ע האָט זיי דער רבי זייער פריינטליך ענטפאַנגען, און האָט געשמועסט מיט זיי געמיטלעך. אינמיטן דעם שמועס האָבן די יונגעלייט אַרויפגעברענגט אַ טענה אַז מ'באַקומט אין ישיבה זייער ווייניג באַצאָלט וואָס קלעקט נישט גענוג אויף צום לעבן.

דער רבי האָט געזאָגט פאַר די יונגעלייט אַז בעפאָר זיי זענען אַהער געקומען האָט זיי די הנהלת הישיבה שוין מקדים געווען און זיי האָבן זיך אָפּגערעדט אַז עטליכע יונגעלייט שפּעטיגן צו קומען אין ישיבה, און צוליב דעם רעכענען זיי אַראָפּ פונעם געהאַלט פון די יונגעלייט. האָט זיך אָנגערופן איינער פון די יונגעלייט – וועלנדיג זיך באַרעכטיגן – אַז עס מאַכט זיך צומאָל געוויסע סיבות באונס צוליב וואָס מ'מוז אַמאָל שפּעטיגן, און האָט דערביי אויסגערעכנט עטליכע סיבות וואָס עס מאַכט זיך צום שפּעטיגן.

דערויף האָט דער רבי רעאַגירט: די משנה זאָגט דאָך שוין (אבות ד,י) אם בטלת מן התורה יש לך בטלים הרבה כנגדך... און דער רבי זי"ע האָט צוגעגעבן, אַז די הנהלה האָט זיך אויך אָפּגערעדט אַז די יונגעלייט די תלמידי הישיבה זענען מזלזל מיט'ן צאָלן שכר לימוד פאַר זייערע קינדער וואָס לערנען אין די תלמוד תורה וואָס דאָס מאַכט שווער דעם חודש'ליכן בודזשעט פון די מוסדות. און דער רבי האָט געזאָגט מיט שטוינונג: חכמינו ז"ל זאָגן דאָך (ביצה טז.) כל מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה חוץ מהוצאת שבתות וימים טובים והוצאת בניו לתלמוד תורה **שאם** הוסיף מוסיפין לו, די כולל יונגעלייט ברויכן נישט די הוספה?! – האָט זיך דער רבי געוואונדערט – מיר גלייבן דאָך באמונה שלימה אין די ווערטער פון חכמינו ז"ל, נו איז דאָך דאָס די בעסטע געשעפט צו אינוועסטירן דערין... דער רבי האָט אויסגעפירט: נו, פון היינט וועט יעדער צאָלן זיין חלק בשלמות ווי עס געהער צו זיין, די הנהלה זאָל צאָלן פאַר די יונגעלייט מער ברווח, און די יונגעלייט זאָלן זיך געהעריג צושטעלן אין ישיבה און צאָלן געהעריג שכר לימוד... – אַזוי איז אויסגעקומען אַז נאָך בתוך כדי דיבור איז מקויים געוואָרן דעם "שאם הוסיף מוסיפין לו", און די יונגעלייט האָבן דעמאָלט באַקומען אַן הוספה אויף זייער געהאַלט.

פארזעצונג קומט אי"ה








כ'בין אן ערנסטער אינגערמאן, ב"ה.

א סמאַרטפאון,
קיין הו"א בכלל.
**אבער, דער נסיון הדור
מיינט מיר אויך.**

מיט א
שטאַבעל
ארויף

איך פאַרמאָג נישט קיין

# גרופ'ס אדער פיקטשער מעסעדזשינג.

מחניך קדוש
לחיזוק וביצור חומת הקדושה בקרב מחנינו
להישמר מפגעי הטעכנאלאגיע



# פון נאציזם יאָנערפטאָל

א סעריע רירנדיגע זכרונות

פון הגאון האדיר

## רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל

אב"ד מאָנטרעאָל

איבער די ערב-מלחמה יאָרן, די אַריינמאַרש פון די נאַציס ימ"ש אין זיין שטעטל, און וויאזוי ער איז גערּאַטעוועט געוואָרן קיין יאַפּאַן

(פארזעצונג פון פריער)

איך האב דעם גאון ר' חיים עוזר נישט דערקענט. ער האט זיך, איז געציילטע טעג, געעלטערט מיט גאנצע יארן. כמעט ווי איבערנאכט איז ער פון גרוי געווארן ווייס, דער לעבענס-פונק איז אויסגעלאשן געווארן פון זיינע אויגן און זיין קול איז שטארק אפגעשוואכט געווארן, ער איז געזעסן א פאר'מח'טער אויף זיין שטוהל און האט קיין ווארט נישט ארויסגעלאזט פון מויל.

איך האב א שמועס געטאן מיטן סעקרעטאר, האט ער מיר געזאגט אז דער גאון האט זיך שטארק גענומען צום הארצן דאס אריינקומען פון די "רויטע", אז ער איז זיך שטארק מצער אויס זארג אז די נייע ארײנדרינגער זאלן חלילה נישט שליסען די ישיבות.

האב איך געפרעגט דעם סעקרעטאר צי עס איז כדאי אז מיר זאלן מטריח זיין דעם גאון מיט פראגעס אין א צייט ווען ער איז נישט בקו הבריאה, האט דער סעקרעטאר געענטפערט אז אדרבא, דערפאר ווייל דער גאון איז אין מרה שחורה איז כדאי מיט אים צו פארפירען א געשפרעך וואס זאל אים אביסל אויפלעבן.

מיר האבן זיך מיט שטילע טריט צוגעשארט צום גאון. ער האט זיך אויפגעהויבן פון דער שטוהל, האט זיך גלייך צוריקגעזעצט און האט אויך אונז געהייסן זיצן. מיר האבן זיך אוועקגעזעצט.

איך בין ארויסגעטרעטן אלס דער ראש המדברים און האב דערציילט דעם גאון מכח דער נייעס וועגן די וויזעס וואס דער האלענדישער קאנסול שלאגט פאר.

דער גאון האט געצויגן מיט די אקסלען, האט א זיפץ געטאן און האט זיך אנגערופן:

איך אליין וואלט אויך א בעלן געווען צו נעמען א וויזע פונעם כל יכול כאטש אויף נאך אפאר יאר צו בלייבן אויף אט דעם עולם...

איינצעלנע טרערן האבן זיך אראפגעלאזט פון זיינע מידע אויגן איבערן בלייכן פנים.

א טויטע שטילקייט האט געהערשט איבערן שטוב. אין יענעם מאמענט האב איך זיך דערמאנט אין דעם גאון ר' מאיר שפירא'ס פטירה און טרערן האבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן, מיט אלע כוחות האב איך קאנטראלירט מיינע עמאציעס וועלכע האבן זיך געריסן צום אויסדרוק. איך האב זיך געשטארקט מיט אלע מיינע כוחות און האב מבטיח געווען דעם גאון אז דער זכות התורה וועט אויף אים מגין זיין און ער וועט נאך אי"ה מאריך ימים ושנים זיין, אויף וואס אלע האבן געענטפערט 'אמן'!

דעם גאון'ס פנים האט אויפגעלאכטן, עס האט געשטראלט מיט פארטראכטער חכמה, מיט בינה און דעת דקדושה.

איך האב אים אויפסניי געפרעגט צי עס איז כדאי זיך צו באזארגן מיט האלענדישע וויזעס.

דער גאון האט זיך פארטראכט פאר א ווײלע און האט זיך אנגערופן:

"שב ואל תעשה עדיף! איז דער פשט: שב - זיץ, ואל תעשה עדיף - און מאך זיך נישט בעסער!" ער האט געשוויגן א ווײלע און האט זיך ווידעראמאל אנגערופן: "אויב עס איז באשערט מן השמים צו עמיגרירן, וועט מען אויך פון ווילנע קענען פארן" און ער האט אויסגעדריקט דעם גלויבן אז ער וועט נאך אי"ה באקומען פאר אונז וויזעס קיין ארץ ישראל אדער אמעריקע, און ווען די וויזעס וועלן זיין אויף דער האנט, וועלן די סאוועטען געוויס דערלויבן ארויסצופארן.

נאכדעם האט ער פאר אונז געזאגט א דבר בשם אמרו:

ר' חיים בריסקער זצ"ל האט געזאגט: די חז"ל זאגן אין מס' ראש השנה: "עשר גליות גלתה שכינה", זענען די עשר גליות אויך חל אויף דער תורה וועלכע איז בבחינת שכינה און מ'קען זאגן "עשר גליות גלתה תורה" און דער לעצטער גלות פון דער תורה וועט זיין גלות-אמעריקא, וכפי די חז"ל וואס זאגן אז ביים צענטן גלות פון "גלתה שכינה" איז "משם עתידה ליגאל", גייט דער "משם" אויף אמעריקא.

"משם" - פון אמעריקא, וואס איז דער לעצטער גלות "עתידה ליגאל" - וועט די תורה אויסגעלייזט ווערן און מיט איר וועט אויך דער כלל ישראל, די תומכי אורייתא, אויסגעלייזט ווערן.

מיר האבן זיך געזעגנט מיטן גאון און האבן פארלאזט זיין הויז.

*

ווי נאר מיר זענען ארויס פון יענער זייט טיר, האבן מיר זיך אנגעהויבן ישוב'ן וועגן די וויזעס. דער חסידישער יונגערמאן מיט זיין כאראקטערישער שנאה צו מתנגדישע גדולים האט געביטערט: - דערפאר וואס דער גאון איז קעגן די וויזעס - דערפאר באדארף מען יא נעמען די וויזעס.

פארשטענדליך אז מיר האבן מיט אים נישט איינגעשטימט און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט איבער דער שטאט אויסצוגעפינען מער איינצעלהייטן וועגן דעם ממשות'דיגן ווערט פון אזוינע וויזעס. די מערסטע פליכטלינגען האבן זיך באצויגן מיט צווייפעל צום ווערד פון אזעלכע וויזעס, זיי באטראכט פאר "ליצנות", פאר "אשר יצר פאפיר", בעת אנדערע האבן געהאלטן אז "ווער ווייסט? אפשר איז כדאי זיך צו באזארגן מיט אזעלכע וויזעס?"

מיר זענען אוועק זיך שואל עצה זיין מיט אייניגע ראשי ישיבות, האבן זיי אונז געזאגט אז די ווילנער מנהיגי העיר זענען קעגן דעם אז מ'זאל נעמען טראנזיט-וויזעס צו א מלוכה וואס איז נישט אין קיין צו פריינטליכע באציאונגען מיט די סאוועטען, מחמת דערמיט קען מען נאך אויף זיך ארויסרופן דעם צארן פון די "רויטע".

דער חסידישער יונגערמאן האט זיך אויפסניי גענומען קאכן אז די קעגנערשאפט פון די



מתנגדים צו די טראנזיט-וויזעס איז א "רמז מן השמים" אז מען דארף כאפן די וויזעס מיטביידע הענט.

מיר האבן אפגעהאלטען אן אסיפה אין ישיבה און עס איז בהסכם כולם באשלאסן געווארן אז הגם די וויזעס שטייען אונטער א פראגע צייכן איז, פונדעסטוועגן, כדאי ליתר בטחון, זיך צו באזארגן מיט וויזעס.

אסאך פון אונזערע תלמידים האבן קיין פוילישע פעסער נישט געהאט, האבן מיר דעלעגירט הרב ר' משה ראטענבערג קיין קאוונע אז ער זאל אויסארבעטן פעסער ביים פוילישן קאנסול, און וויבאלד דאס האט באדארפט קאסטן געלט און קיין געלט האבן מיר אין ווילנע, צוליב דער קעגנערשאפט פון די שטאטישע באהערדע, נישט געקענט זאמלען פאר אזא צוועק, בין איך אויך אפגעפארן קיין קאוונע מיט דער דעה דארטן צו מאכן אן אפיעל פאר "פדיון שבויים".

די קאוונער אידן האבן זיך ווארים אפגערופן. מיר האבן געשאפן די נויטיגע סומע געלט און האבן זיך באזארגט מיט פעסער.

מיט די פעסער אין די הענט זענען מיר אוועק צום האלענדישן קאנסול און מיר האבן, אן שוועריגקייטן, ארויסבאקומען וויזעס פאר אלע תלמידים פון אונזער ישיבה.

פון דעם האלענדישן קאנסולאט זענען מיר אוועק צום יאפאנעזישן קאנסולאט.

פאר דער געביידע פון קאנסולאט זענען פליכטלינגען, איז די שווערע הונדערטער, געשטאנען אין געפאקטע רייען. מיר האבן זיך אנגעשלאסן אין דער ריזיגער מענטשן מאסע וועלכע האט מיט יעדער בעפארגייענדן מינוט, זיך געהאלטן אין איין פארגרעסערן.

די באאמטע פון יאפאנישען קאנסולאט האבן פון פארשידענע ריכטונגען, אנגעצילט פאטאגראפישע אפאראטן אויף דעם ריזיגן המון.

די פאטאגראפישע אפאראטן האבן אנגעפילט די פליכטלינגען מיט שרעק און זארג און איינע די אנדערע האבן זיי זיך געשטעלט די פראגע: צו וואס פעלט זיי אויס די פאטאגראפיעס? און זיי האבן גלייך געפונען דעם ענטפער אויף דער פראגע:

צוליב גרויל פראפאגאנדע! בכדי צו אילוסטרירן אין דער יאפאנישער פרעסע ווי אזוי נאצי קרבנות וואס האבן זיך געראטעוועט צו די סאוועטען, זענען אנטוישט איז דעם סאוועטען רעזשים און קלאפן אן די טירן פון אויסלענדישע קאנסולאטן פאר אויסוואנדערונג וויזעס.

די פליכטלינגען זענען באהערשט געווארן פון א פרישער מורא - די מורא אז די סאוועטען זאלען זיי חלילה נישט באשטראפן מיט סיביר פאר לאזן זיך אויסנוצן פאר אנטי-סאוועטישער פראפאגאנדע.

***

איך האב זיך אנגעהויבן ישוב'ן צו זאל איך נעמען א וויזע בלויז פאר מיר, אדער איך זאל אויך ארויסנעמען וויזעס פאר די איבעריגע ישיבה בחורים פאר וועלכע הרב ראטענבערג האט אויסגעבעטן פעסער ביים פוילישן קאנסול.

דערווייל בין איך, שטייענדיג אין דער רייע, געוואויר געווארן חדשות:

א. אז פון ווילנע האלטן אין איין אנקומען קיין קאוונע פליכטלינגען נאך וויזעס און זיי שרעקן זיך בכלל נישט פאר דער געפאר באשטראפט צו ווערן מיט סיביר.

ב. אז אסאך ישיבה-בחורים פון דער פראווינץ קערן זיך אום קיין ווילנע.

ג. אז דער ועד הישיבות האט אפגעשטעלט די שטיצע פאר אונזער ישיבה, צוליב מאנגל אין געלט.

ד. אז דעם גאון ר' חיים עוזר'ס טעג זענען געציילטע און דער "דזשאוינט" האט זיך אפיציעל געשלאסן.

די דאזיגע נייעס האבן מיר קלאר געמאכט פארוואס די פליכטלינגען שטראמען קיין קאוונע נאך וויזעס און איך האב ארויסגענומען טראנזיט-וויזעס פאר אלע תלמידים פון אונזער ישיבה.

*



די רויטע ארמיי מאשירט אריין קיין ווילנא

# סאוועטישע רעגירונג עפענט אין ווילנע און קאוונע קאמיסאריאטען פאר אויסוואנדערונג

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ווילנע מיט די וויזעס אין די הענט, האב איך געטראפן די שטאט איינגעהילט אין טרויער. דער גאון ר' חיים עוזר איז נפטר געווארן. אידן פון דער פראווינץ, שיעור נישט פון גאנץ ליטע, זענען זיך אנגעלאפן קיין ווילנע צו דער לויה פון דעם גרויסן נפטר, דער פאר הדור, און די אידישע געשעפטן זענען געווען געשלאסן.

נאך ר' חיים עוזר'ן האט געטרויערט נישט בלויז דאס ארטאדאקסישע אידענטום, נאר אפילו די אזוי גערופענע ראדיקאלע אינטעליגענץ און סתם אידן פון א גאנץ יאר. אסאך טרויער בריוון זענען אנגעקומען פון אויסלאנד. ער איז נפטר געווארן אין דעם טרויעריגן חודש אב, דער חודש אין וועלכען אידן טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש.

זיין טויט האט זיך שווער אפגערופען אויף די איבער 1000 ישיבה בחורים וואס האבן זיך דעמאלט געפינען אין ווילנע, זיי האבן פארלוירן אן אוצר, א גייסטיגן מדריך, א גרויסן בעל רחמים וועלכער האט געזארגט נישט נאר פאר זייער גייסטיגן וואוילזיין, נאר אויך פאר דעם מאטעריאלן.



כבה מאור ישראל

אדוננו מורנו ורבנו רשכבה"ג שר התורה והיראה מדברנא דאומתא הגאון החסיד האמתי

מרן ר' חיים עוזר גרודזינסקי זצוק"ל

ביום החמישי י"א מנ"א ת"ש שבעה להסתלקותו יערך

הספד

בהיכל ישבת חברון בשעה 6 אחה"צ

הנהלת ישיבת חברון

בעיה"ק ירושלים תובב"א

מודעות אבל אויף די פטירה פון רבי חיים עוזר זצ"ל

בס"ד

YOUR BEST CHOICE
FOR HIGH QUALITY

BAIS HAMEDRASH FURNITURE



Sandel's Legacy
Bais Hamedresh Furniture

845.662.4151 ■ 845.783.4151

די איבער 1000 ישיבה בחורים האבן זיך דערשפירט ווי יתומים, און זיי האבן זיך אוועקגעזעצט לערנען משניות בציבור נאך דער גרויסער אבידה שאינה חוזרת.

דער גאון איז נפטר געווארן ערב שבת און די לויה איז, מפני כבוד המת, אפגעלייגט געווארן אויף זונטאג.

צען מספידים האבן אים מספיד געווען, איבער 1000 ישיבה בחורים האבן נאך אים געלערענט משניות און איבער צען טויזענט מענטשן האבן אים באגלייט צו זיין אייביגער רוה.

די סאוועטישע צייטונג "דער ווילנער עמעס" האט קאמענטירט וועגן דער לויה נישט באריגענדיג דעם כבוד פון דעם נפטר. אין דער זעלבער צייטונג איז אין פארבינדונג מיט דער סאוועטישער אקופאציע פון בעסאראביע, געמאכט געווארן אן אטאקע אויף הרב צירעלסאן. דער שרייבער האט געשילדערט דעם רב צירעלסאן ווי א "פארדאמטען קלעריקאל, א שווארץ-מאה'ניק וועלכער האט געטריי געדינט די אינטערעסן פון דער צארישער אכראנקע".

אויך האט דער שרייבער אטאקירט דעם קוידענאווער רבי'ן וועלכער האט לויט זיינע באשולדיגונגען "געלעבט אויפ'ן חשבון פון די ארימע, פארפירטע פאלקס מאסן, די רעליגיעזע פאנאטישע פינסטערלינגען" און ער האט דערציילט א מעשה נורא: אז דער רבי האט געטראגן גאלדענע שטעק-שיך.

קיין ווילנע זענען אויך אנגעקומען דער מאסקווער "עמעס" דער כארקאווער "שטערן", די "איזוועסטיא", די "פראוודא" און "קאמסאמאלסקאיא פראוודא".

אין קיין איינער פון די דאזיגע צייטונגען איז קיין ווארט נישט דערמאנט געווארן וועגן די רציחות וואס די נאציס באגייען קעגן אידן. הרב ראטענבערג האט מיר דערציילט אז א מאסקעווער איד וועלכער האט געארבעט אין ווילנער "אינטוריסט" האט אים געפרעגט צי עס איז טאקע אמת אז די היטלעריסטן באגייען גרוילטאטן קעגן אידן.

די סאוועטישע צייטונגען האבן געשריבן וועגן א קולטורעלער דערנענטערונג צווישן די פעלקער וואס באוואוינען דעם סאוועטן-פארבאנד און די פעלקער וואס ווערן באהערשט פון דריטן רייך.

די צייטונגען האבן פיל געשריבן וועגן די פליכטלינגען וועלכע זענען באגייסטערט פאר דער גאסט-פריינטליכקייט וואס די סאוועטען האבן זיי ארויסגעוויזן, דערביי האבן זיי געראטן די פליכטלינגען אז זיי זאלן אננעמען סאוועטשישע בירגערשאפט און פארזיכערט אז די סאוועטען וועלן אלעמען באזארגן מיט ארבעט.

די סאוועטישע ראדיא האט דערציילט אז איבער 600,000 בירגער פון דעם סאוועטיש-אקופירטען טייל פוילן האבן זיך אפגעזאגט אנצונעמען סאוועטישע בירגערשאפט, זיי האבן זיך דערקלערט אלס "פאליטישע פליכטלינגען" און האבן אפעלירט פאר 'אזיל רעכט' און די סאוועטען האבן זיי אין ספעציעלע וואגאנען אפגעשיקט קיין סיביר.

די דאזיגע ידיעה האט נאך מער צורודערט די מוחות פון די געפלאגטע וואנדערער. די ארימע פליטים זענען באהערשט געווארן פון א נייער מורא: אז די יאפאנישע וויזעס וועלן זיי גאר

דערפירן קיין סיביר אנשטאט יאפאן.

שרעק האט גרויסע אויגן: דער גאון איז נפטר געווארן, דער דזשאינט האט זיך געשלאסן, די קאסע פון ועד הישיבות איז אויסגעליידיגט געווארן, די ישיבה בחורים האבן געשפירט אז זיי ווערן באטראכט פון די נייע מאכטהאבער ווי א נישט געוואונטשער ("ווארעדני") עלעמענט. די ווילנער "פני" האבן געקוקט קרום אויף די פליכטלינגען וואס האבן אזוי אפן דעמאנסטרירט זייער חשק צו פארלאזן די סאוועטען און אויסוואנדערען צו א מלוכה וואס וועט אפשר גאר בקרוב דערקלערן מלחמה צום סאוועטען פארבאנד - האבן זיך די פליטים, מידע און צובראכענע, עלענדע כצאן נדח ואין מקבץ. געפייניגטע פון אומבאשטימטקייט, ארומגעשארט איבער די ווילנער גאסן נישט וויסענדיג וואס צו טאן מיט זיך, וואוהין זיך אהינצוטאן.

אין איין שיינעם אלול טאג האבן די צייטונגען געמאלדן אז אויף ווילענסקא גאס אין ווילנא האט זיך געעפענט א ספעציעלער אויסוואנדערונגס קאמיסאריאט וואוהין די אלע וואס ווילן פארלאזן די סאוועטען קענען זיך ווענדן נאך ארויספאר-וויזעס.

איך האב זיך מיט קיינעם נישט שואל עצה געווען, נישט לאנג געטראכט און האב זיך מיט לאנגזאמע אומזיכערע טריט אוועקגעלאזט צום קאמיסאריאט. אויף מיין וועג צום קאמיסאריאט האב איך אנגעטראפען פליכטלינגען מיט צושראקענע פנימ'ער וועלכע האבן אויסגעדריקט דעם חשד אז דער אויסוואנדערונגס קאמיסאריאט איז א פאסטקע... א פאסטקע אויף צו פארנארן די אומגליקליכע קיין סיביר "צו די ווייסע בערן אין מדבר אריין".

איך בין פארבייגעגאנגען די פליכטלינגען, נישט אריינגעלאזט זיך מיט קיינעם פון זיי אין קיין געשפרעכן און האב געטראכט: יא גיין אין קאמיסאריאט? נישט גיין? און עס איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק א מאמר:

"כל הדרכים שאדם הולך בהן, הכל מהשם יתברך, והן רצון ד', אבל אין לך אדם שיבין את דרכו אלא מי שהוא עניו".

איך האב גענומען אריינטראכטן זיך אין דעם טיפערן זין פון דעם דאזיגן מאמר, אבער פרישע געזעמלען פליכטלינגען זענען מיר אנטקעגנגעקומען און האבן מיך נישט געלאזט ממשיך זיין די געדאנקן.

בכדי נישט געשטערט צו ווערן פון די פרישע גרופעס פליכטלינגען וואס האבן מיר געהאלטן אין איין אנטקעגנקומען, האב איך זיך אריינגעכאפט אין נאענטסטן בית המדרש.

אין בית המדרש האב איך געטראפן עטליכע ישיבה-בחורים וועלכע זענען געזעסן איבער גמרות און האבן שטיל אין זיך געלערנט ביחידות. איך האב זיך אוועקגעזעצט ביי א סטענדער און האב גענומען "אנאליזירן" דעם מאמר:

"אין לך אדם שיבין את דרכו אלא מי שהוא עניו": נאר דורך עניוות קען מען משיג זיין דעם מענטשנ'ס דרכים וועלכע זענען באשטימט פון כביכול אליין. און איך האב געטראכט: צי דען זענען מיר פליכטלינגען נישט גענוג שפל ביי זיך? ווער פון אונז פליטים איז נישט בתכלית השפלות והענוה?

מיין פארוואלקענט געמיט האט זיך גענומען אויסלייטערן און די "מדבר" סיביר האט מיך מער נישט אפגעשראקן. ווילנע - האב איך געטראכט - איז פאר די פליכטלינגען פונקט אזא מדבר ווי סיביר און איך האב זיך גענומען מיט טרערן אין די אויגן מתבודד זיין פאר השי"ת.

- רבש"ע! - האב איך מתפלל געווען - הורינו את הדרך אשר נלך בה ואת המעשה אשר נעשה, וכשם שהיית עם ישראל במדבר, אט פונקט ווי דו ביזט געווען מיט די אידן אין מדבר און אלע זייערע נסיעות זענען געווען על פיך כרצונך, ווי עס שטייט געשריבן: "על פי ד' יחנו ועל פי ד' יסעו" - אט פונקט אזוי זאלסטו זיך, פאטער אין הימל, מרחם זיין אויף אונז פליטים און זאלסט באשטימען אונזער יעדן שריט און טריט לחיים ולשלום.

און עס האבן מיר גענומען אנטקעגנקומען פסוקים אין שייכות צו "דרך":

אתה ידעת נתיבתי, באורח זו אהלך טמנו פח לי.

הורני ד' דרכיך ונחני באורח מישור.

טוב וישר ד', על כן יורה חטאים בדרך.

ידרך ענוים במשפט וילמד ענוים דרכו.

כל ארחות ד' חסד ואמת. וכו'.

מיט זיכערע טריט בין איך פון בית המדרש אוועק אין קאמיסאריאט אריין און האב אויסגעפילט אן אנקעטע פאר אן ארויספאר וויזע.

(ענדע אין קומענדיגן נומער אי"ה)



מציבה פון רבי חיים עוזר זצ"ל


חודש תשרי תשפ"ג

שיקט א טיפ דורכ'ן הקשר טעלעפאן סיסטעם

באדענקט: הכרת הטוב פאר'ן חינוך פון אייער קינד!

845.378 .4080



הקשר "טיפ" ליין

כתיבה וחתימה טובה שנת נחת ושמחה!

בס"ד




לויפער'ס
**חוץ לארץ**
**הדסים**
פון מאראקא

הערליכע
**לולבים**
שלמים
**חוץ לארץ**

- היי יאר האבן מיר ב"ה גאר הערליכע ספעציעלע **יאנעווער אתרוגים** אויך מיט **פיטום'ס**
- אזוי ווי עס איז א שנת 'השמיטה' האבן מיר היי יאר צוגעשטעלט גאר הערליכע **לולבים** און **הדסים** 'נאר' פון **'חוץ לארץ'**

# משפחת לויפער
**172 ראדני סט.**

**פאר באשטעלונגען רופט:**

מו"ה **יואל לויפער** הי"ו
**347.649.8887**

מו"ה **מאיר יקותיאל ליכטענשטיין** הי"ו
**347.831.4600**

מו"ה **יצחק זאב מארקאוויטש** הי"ו
**347.742.9424**

מו"ה **שמואל לויפער** הי"ו
**347.628.8886**

מיר וועלן אי"ה צושטעלן ספעציעלע סערוויס לויט אייער געשמאק און צופרידנהייט בעז"ה

בברכת כתיבה וחתימה טובה, ידידכם
**משפחת לויפער**

**קרית יואל:**
מו"ה **אברהם וואלף לויפער** הי"ו
**347.496.5935**
**8 פראנקפורט רד.**
אריינגאנג פון די סוכה אויף די רעכטע זייט

| מוציוה"ק ומוצש"ק: | פרייטאג: | יעדן טאג |
| --- | --- | --- |
| **פון 2 שעה נאכן זמן** | **פון 12:00 ביז 2:00** | **פון 4:00 ביז 11:00 ביינאכט** |



מאסיווע קאנסטראקציע צו פארדאפלען עזרת נשים אין ביהמ"ד טיב לבב דקיט"ל אין שכונת לעמבערג המורחבת לקראת ימים נוראים



ריזיגער קאראוואן פון צענדליגער לאסט אויטאס פארנט פון מונקאטש אין שכונת ברך משה המורחבת



מאסיווער שאטער הענקי פארנט פון גרויסן ביהמ"ד אין וויליאמסבורג פאר 'צרכי ציבור' בצל הקודש

# סוכה הגדולה אויף בעדפארד עוו. גרעסטער סוכה בחצרות הקודש פאר די טישן בצלא דמהימנותא





חופה הויף אין בנין הת"ת ווערט אונטערגעהויבן צו פארוואנדלען אלס איין ריזיגער שטח פאר די סאטמאר'ע סוכה



שטח הסוכה הענקי פארענדיגט גרייט אויפצובויען דערויף ריזיג סאטמאר'ע סוכה



בע"ה
JEWELRY MASTER
Fine Jewelry & Diamonds
LATE NIGHT 9-11PM
845-782-6365
FOR PVT APPTS. PLEASE CALL
845-248-8644
Sun-Thurs: 11am-6:30pm
Fri. 11am-1pm
for special hours call:
845-248-8644
52 Bakertown Rd.
BUSINESS CENTER II